STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03058

FARTSEYKHNTE SHMUESN

L. Schmelzinguer

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. שמעלצינגער

פאַרצייכנטע שמועסן

פארלאג „פאָלקס-אוניווערסיטעט"

ריאָ דע זשאַניירא, 1967

L. SCHMELZINGUER

PALESTRAS REDIVIVAS

EDIÇÃO "FOLKS-UNÌVESITET"

RIO DE JANEIRO 1967

זאָל דאָס ביכל

„פארצייכנטע שמועסן"

זיין א פאַרקריצטע מצבה אויפן שפּורלאָזן קבר פון מיין שוואָגער און מחנך

ה"ר יצחק דוד ריבאַק,

שוחט ובודק אין דער תורה-פולער פאַרלענדטער קהילה - קדושה לאָמזשע, און א זכר פאַר מיינע שוועגער-עלטערן, די יראים ותמימים,

זעליג און ליבע ביבליאַוויטש,

אלע אומגעקומענע מיט קינדער און קינדס-קינדער, צוזאַמען מיט מיליאָנען קדושי ישראל.

פון די ארויסגעבער

דער מחבר, ל. שמעלצינגער, געהערט צו די פּיאָנערן פון יידישער דערציאונג און קולטור-אַקטיוויטעט אין בראזיל.

נאָך אין יאָר 1929, בשעתן ערשטן יידישן לערער-צוזאמענפאָר אין ריאָ דע זשאנייראָ, האָבן שמעלצינגערס אויפטריטן ארויסגערופן אויפזען צווישן לערער און שול-טוער. זינט דעמאָלט, געניסט שמעלצינגער פון ליב-שאפט און ארקענונג פאר זיין פּעדאגאָגישער און קולטורעלער טעטיקייט, פאר זיינע אומציילבארע, הסברה'דיקע פּאָרטראגן, לעקציעס און שמועסן אין קרייזן, אויף לערער-סעמינארן און אויף עפנטלעכע גרויסע קולטור אוידי-טאָריעס.

דער עיקר פון שמעלצינגערס קולטור-אַקטיוויטעט פאר די לעצטע פיר יאָר, איז זיין שאפונג און אָנפירונג פון פאָלקס-אוניווערסיטעט ביי דער ביאליק-ביבליאָטעק אין ריאָ דע זשאנייראָ, וואו ער איז, אגב, איינער פון די רושם-פולסטע, באלערנדיקע לעקטאָרן.

אונדזער אויפריכטיקע איבערצייגונג אז ל. שמעלצינגערס פּאָרטראגן

דארפן ניט פארגעסן ווערן, און די צודרינגלעכקייט פון צוהעדער און פון נאָענטע חברים צו פארעפנטלעכן די לעקציעס אין בוכפאָרם, האָבן אונדז געמוטיקט צו באוועגן דעם מחבר אָפצוקלייבן א טייל פון זיין פולן טיש־קעסטל כדי דאָס אָפצודרוקן אין א בוך.

אין דאָזיקן בוך גייט אריין א טייל פון דער סעריע לעקציעס, פאָר־טראגן און רעדעס וואָס דער מחבר, ל. שמעלצינגער, האָט געהאלטן אין פאָלקס־אוניווערסיטעט און ביי אנדערע געלעגנהייטן פאר הונדערטער צו־הערער. (איניקע זענען שוין געדרוקט געוואָרן אין דער „אידישע פרעסע" פון ריאָ דע זשאנייראָ, און איבערגעדרוקט געוואָרן אין אנדערע אויסלענ־דיש־יידישע אויסגאבעס).

פרייען מיר זיך מיט דער איצטיקער דערגרייכונג און האָפן, אז דער ערשטער פרואוו וועט סטימולירן שמעלצינגערן צו ווייטערדיקע פארמעסטן.

דער מחבר איז באשטאנען דערויף, אז זיין ערשטער בוך זאָל באטיטלט ווערן מיטן באשיידענעם נאָמען "פארצייכנטע שמועסן" הגם מיר, א גרופע פריינט האָבן געהאלטן אז דער אינהאלט פון בוך איז ראוי צו א מערער קלינגנדיקן נאָמען. מיר זענען אנטקעגנגעקומען דעם וואונטש פון מחבר אינזינען האָבנדיק דעם קלוגן מאמר חז"ל: „אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו".

זאָל די אויסגאבע פון דאָזיקן בוך אויך דינען אלס א צייכן פון דער ליבשאפט און גייסטיקער נאָענטקייט צווישן די פארוואלטונגס־חברים פון דער ביאליק־ביבליאָטעק און דעם חבר ל. שמעלצינגער, במשך די יאָרן פון געמיינזאמער ארבעט לטובת דער ביבליאָטעק און איר פּאָפולער־געוואָרענער פּאָלקס־אוניווערסיטעט.

ריאָ דע זשאנייראָ, יאנואר 1967.

פארלאג „פאָלקס־אוניווערסיטעט"

נ. ב. — דאָס בוך שליסט זיך מיטן מחברס א רעדע צו יונגע לערער בעת א לערער־צוזאמענפאָר א. ד. ט. "אויפן פריפעטשיק טליעט באַך א פייערל".

די טעמע איז טרעפלעך אילוסטרירט אויף דער הילע פונעם בוך דורכן קינסטלער יוסף סידראנסקי. פאר אים — אונדזער הארציקער דאנק.

פון מחבר

די ״פארצייכנטע שמועסן״ וואָס ווערן איצט דערלאַנגט צום לייענער, זענען לכתחילה ניט פארטראכט געוואָרן ווי כתבים וואָס וועלן ארויסגעגעבן ווערן אין א בוך. און דערפאר פרעטענדירט ניט דער מחבר אז די דאָזיקע ארבעטן זאָלן באטראכט ווערן ווי עסייען אָדער קריטישע אָפּהאנדלונגען.

דאָס וואָס ווערט איצט איבערגעגעבן דער עפנטלעכקייט צווישן צוויי טאָוולען, איז א טייל פון א סעריע לעקציעס און שמועסן, וואָס זענען דורכן מחבר געהאלטן געוואָרן אויף לערער-סעמינארן און אין פאָלקס־אוניווער־סיטעט ביי דער ביאַליק-ביבליאָטעק פון ריאָ דע זשאניירא, צוזאמען מיט א טייל רעדעס און ארטיקלען וואָס זענען בשעתם געדרוקט געווען אין דער היגער „אידישע פרעסע״.

דער רוב ״שמועסן״ וועגן שריפטשטעלער און פּאָעטן באזירן זיך אויף מאַטעריאלן (שריפטן און לידער) פון פריער באקאנטע פאר די צוהערער דורך לערנען אָדער פארלייענען.

שהד במרומים, דער הימל איז אן עדות — און דער מחבר האלט פאר זיין עלעמענטארער פליכט דאָס אונטערצושטרייכן — אז דאָס ארויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך איז ניט ארויסגעקומען פון זיין אייגענער איניציאַטיוו.

די אויסגאַבע פון בוך איז אויסשליסלעך צו פאַרדאַנקען די איניציאַטיוו, דעם סטימול און די ענערגיע פון מערערע פריינט און הכּרים אין דער ביאַליק-ביבליאָטעק, ובראשם די חברים הענעך דיאַמאַנטע און לייזער לעווינסאָן.

אויף פאַרשידענע אופנים האָבן דירעקט מיטגעהאָלפן די חברים: ישׂראל דינעס, יעקב אייזענבערג און נתן ראָזענטאַל.

ניט ווייניק דאגה פאַר דער אויסגאַבע, האָבן געטראָגן די פאַרוואַלטונגס-מיטגלידער פון דער ביאַליק-ביבליאָטעק און פון פאָלקס־אוניווערסיטעט, מיינע חברים און פריינט, דר. נחמן בראָנשטיין, דוד גלייזער, יעקב גאָרנשטיין און יוסף מרגליות.

יוסף סידראַנסקיס צייכענונג אויפן שער-בלאַט, איז אויך אַ חברשער אויסדרוק פון באַגאַבטן קינסטלערס האַרציקן און פיעטעטפולן צושטייער צו דער אויסגאַבע.

מיטן פאַרצייכענען די נעמען פון חברים און פריינט, איז דער מחבר אויסן ניט נאָר זיי דאָ אויסצודריקן דעם פאַרדינטן יישר כּוח, נייערט אויך אונטערצושטרייכן די וואַרעמקייט פון זייער אחריות׳דיקער באַטייליקונג אין דאָזיקן באַשיידענעם, אָבער גאָרניט לייכטן פאַרמעסט.

אַ באַזונדערן דאַנק דער רעדאַקציע „אידישע פּרעסע‟ פאַרן שטעלן איר לינאָטיפּ צו דער דיספּאָזיציע פון דער אויסגאַבע; זאָל דאָ אויך ניט פעלן אַ יישר-כּוח דעם לינאָטיפּיסט ה׳ יעקב איינבינדער.

ביים לייענער בעט דער מחבר איינזען פאַר אַ צאָל אומפּינקטלעכקייטן סיי אין אויסלייג, סיי אין דעם טעכנישן צונויפשטעל פון די דפים, צוליב וועלכן עס ליידט די עסטעטישע זייט פונעם בוך. די דאָזיקע חסרונות זענען אַ פּועל-יוצא פון די ספּעציפישע זאַץ-און דרוק־באַדינגונגען פאַר אַ יידישער אויסגאַבע אין אונדזער שטאָט. אַ שפּאָר ביסל איז אויך שולדיק דעם מחברס און די אַרויסגעבערס פאַכמענישע נאַאיוויטעט ביים אַרויסגעבן אַן ערשטלינג-בוך.

ריאָ דע זשאַניירא, דעצעמבער 1966.

ד ע ר   מ ח ב ר

היימישע פּאַטראָנעס

עס איז כמעט אן אלגעמיין אָנגענומענער כלל, אז שלום עליכם איז אין זיין טעמאטיק, סטיל און זשאנער געגאנגען אין די וועגן פון מענדעלע מוכר ספרים. האָט דאָך שלום עליכם געקרוינט מענדעלען מיטן טיטל זיי־דע און דערמיט זיך אליין באטראכט פאר זיין ליטעראַרישן אייניקל.

בעת זיינע ערשטע טריט האָט טאקע שלום עליכם זיך געלאָזט גיין אין זיידן מענדעלעס וועגן. אָבער די פארשיידנארטיקייט פון צייט, כאַ־ראקטער און סביבה האָבן גורם געווען אז שלום עליכם זאָל זיך לאָזן אויף אייגענע דרכים, אזוי אז בלויז היסטאָריש־כראָנאָלאָגיש איז שלום עליכם מענדעלעס אייניקל. ווערזנטלעך איז אָבער צווישן זיידן און אייניקל פאראן גרויסע און טיפע אונטערשיידן.

אין מענדעלעס צייטן איז נאָך די השכלה געווען דער אני מאמין ביים דינעם שיכט פון דער דענקנדיקער יידישער אינטעליגענץ. אין אלגעמיין גוי'שער בילדונג און גוישן וויסן האָבן משכילים געזען די איינציקע היילנדיקע תרופה קעגן אלע נאציאָנאלע, סאָציאלע און עקאָנאָ־מישע חולאת'ן פון צונויפגעדרענגטן יידישן פאָלק אין צארישן תחום המושב.

דאָס פארוואָרפן דעם יידישן לעבנסשטייגער, אָפּגאָלן באָרד און פאות, אָנטון זיך אין קורצע רעקלעך און אין גוישע קאסקעטן און רעדן אויף דער לאנדשפראך האָבן עס — לויטן אומדערשיטערטן גלויבן פון די משכילים — געדארפט זיין די כישוף־שפּרוכן, מיט וועלכן עס וועלן זיך

עפענען אלע טויערן צו דער ברייטער אייראָפּעאישער וועלט, און דאָרט וועלן שטיין אלע גויישע איינוואוינער מיט ברייט פונאנדערגעעפנטע אָרעמס כדי אויפצונעמען און איינצוואָרעמען אין זייער שויס די יחוס'-דיקע קינדער פונעם פאָלק ישראל, די אידעלע ברידער פון וועלטס-דערלייזער — יעזוס קריסטוס...

די השכלה-ליטעראַטור איז דערפאַר געווען פון איין זייט א קעמ-פעריש-נעגאַטיווע. אירע מיטלען זענען געווען: חוזק'ן, אויסלאַכן, אריינ-זאָגן. און פון דער צווייטער זייט איז זי געווען אן אינסטרוקטיוו מאָרא-ליזירנדיקע. דער ציל איז — פּרעדיקן, לערנען, מוסר זאָגן.

דער ליטעראַרישער מעטאָד פון זיידן מענדעלע איז דעריבער לויט זיין צייט א משכילישער; סאַטירע פון איין זייט און מוסר זאָגעניש פון דער צווייטער: מענדעלע איז מעטאָדיש געבליבן א משכיל אויך דעמאָלט ווען ער אליין האָט מזלזל געווען, אויסגעלאַכט און געהאָלפן באַגראָבן די השכלה מיט אירע אידעאַלן. ("קלאַטשע").

מענדעלע איז לויט זיין כאַראַקטער און גייסטיקן מהות געווען מגי-דיש מוסר'דיק. דער זיידע איז א קינד פון זיין צייט — פון דער השכלה-צייט.

שלום עליכם'ען איז שוין אָבער אויסגעקומען צו ווירקן אין א גרונד-פאַרשיידענער תקופה.

שלום עליכם האָט זיך באַוויזן ערשט אין די אכציקער יאָרן, ווען די משכיליש-יידישע אינטעליגענץ האָט, נאָך די ערשטע צאַרישע פּאָגראָמען, זיך גענומען אויסטשוכען פון משכיליש-אסימילאַטאָרישן חלום.

בשעת שלום עליכם האָט זיך באַוויזן אין דער יידישער ליטעראַ-טור האָט די השכלה בלויז דערלעבט אירע לעצטע טעג, אָבער שוין גע-ווען טויט אלס אן אני מאמין.

דאָ און דאָרט האָט זי זיך נאָך באַוויזן אלס א געוועשנטע רגילות, ווי א טראַדיציע ביים כלומרשט אויפגעקלערטן עולם.

אין יענע יאָרן, נאָך די ערשטע פּאָגראָמען, איז די דענקענדיקע משכילישע אינטעליגענץ געשטאַנען אן אנטוישטע, א פאַרווירטע און פאַר-לוירענע. זי האָט ניט געזען פאַר זיך קיין וועג ניט אויף פאָראויס צום

גוישן רוצח, און ניט אויף צוריק צום אייגענעם, דערשלאָגענעם פאָלק, וואָס האָט געפינסטערט פארשפארט אין תחום-המושב'דיקן קאַבצאַנסק און געפוילט אין שטייענדיקן וואסער פון גנילאפיאַטעווקע.

אָט אין יענע יאָרן איז שלום עליכם געקומען ווי פון דער השגחה געשיקט. גוטמוטיק, און מיט קינדערישער שטיפערישקייט האָט ער אָנגע-נומען די פארלוירענע ביי דער האנט און זיי קיין קאָסראַלעווקע געפירט. פון דאנען, פון פארוואַרלאָזטן מאַזעפּעווקע, האָט ער די מאָנומענטאַלסטע יידישע געשטאַלטן ארויסגעכישופט. יידן, וואָס זענען פון כוועדקעס עטיק און פון גאוורילעס יושר ניט באַרירט געוואָרן: מענטשן, וועמען איוואַנס התנהגות האָט ניט דעמאָראַליזירט און אפילו קרושעוואַנס קלעפּ האָבן זיי מאָראַליש ניט דערשלאָגן, ניט צעבראָכן.

*

* *

אבער ניט נאָר אין דער פארשיידנארטיקער צייט ליגט דער אונ-טערשייד צווישן זיידן און אייניקל פון דער יידישער ליטעראַטור. דעם אונטערשייד צווישן מענדעלען און שלום עליכמען דאַרף מען אויך זוכן אין דער פארשיידנאַרטיקייט פון כאַראַקטער און סביבה וואָס טיילט אָפּ איינעם פונעם אנדערן.

עס איז באַשערט געווען דער קלאסיש-יידישער ליטעראַטור אַז אירע עיקרדיקסטע שעפער זאָלן איטלעכער באַזונדער אָפּשטאַמען פון איינעם פון די דריי שטאַרקסטע צווייגן פון מזרח אייראָפּעאישן יידישן שטאַם.

מענדעלע פון ליטע, שלום עליכם פון אוקראַינע און פּרץ פון פּוי-לן.

איז טאַקע ביי יעדערן פון זיי געקומען צום אויסדרוק די ספּעציפישע אייגנשאַפט פון דעם יידישן ציבור פון וועלכן דער דיכטער שטאַמט אָפּ. די דאָזיקע אייגנשאַפטן זענען געבליבן די קענצייכנס, די באַזונדערע כאַ-ראַקטער-שטריכן אינעם סטיל, אָרט און גייסט פון זייערע ווערק. שטריכן — וואָס וואָרצלען אין דער היים און סביבה פונעם דיכטער.

פון זיינע קינדערישע זכרונות דערציילט שלום עליכם, אַז איינמאָל אין אַ שבת-צו-נאַכטס, האָט דער טאַטע זיינער פאַרענדיקט צו מאַכן

הבדלה און אָנגעהויבן צו שפּאַצירן איבערן שטוב א פאַרדאגה׳טער, און ערנסטער. ער קוקט נאָך דעם פאַרזאָרגטן טאַטן. און עס פאַרדריקט אים דאָס קינדערישע הארץ, ער וואָלט געוואָלט זען דעם טאַטן א פריילעכן, אַ מילדן.

ביסלעכווייז קומען זיך צוזאמען שכנים, דערוואַקסענע יידן, בער-דיקע און אויך ערנסטע און פאַרזאָרגטע ווי דער טאַטע.

דער עולם זעצט זיך ארום טיש, מען טרינקט טיי און מען שמועסט וועגן דאגות פרנסה, וועגן גזרות אויף יידן, אָפט הערט זיך א ברייטער זיפץ, א קרעכץ... און ס׳ווערט אים נאָך אומעטיקער.

נאָר אָט גייט דער טאַטע צו צום שופלאד, נעמט פון דאָרט ארויס א קליין ספרל און נעמט פאָרלייענען פאַר די געסט עפּעס א מעשה פון וועלכן די בערדיקע יידן, מסתמא טאַטעס, בייגן זיך אין דרייען, האַלטן זיך פאַר די זייטן און קאַטשען זיך פאַר געלעכטער. בשעת מעשה שעלטן זיי דעם מחבר, דעם ״ממזר-יונג״ מיט טויטע קללות ביז אין טאַטנס טאַטן אריין...

כאָטש ניט פאַרשטייענדיק דעם עצם סיפור המעשה — דערציילט ווייטער שלום עליכם — האָב איך באַשלאָסן אז ווען איך וועל זיין א גרוי-סער וועל איך אָנשרייבן א מעשה וואָס וועט לאַכנדיק מאַכן די מרה שחו-רה׳דיקע פאַראומערטע טאַטעס.

אין ליטע און אין פּוילן, זענען אַזעלכע, ווי די פריער געשילדערטע שבת-צו-נאַכטסן אין אַן אַזוי-גערופענער באַלעבאַטישער שטוב ניט שכיח געווען.

אין ליטע וועט א ייד, א באַלעבאָס, זיך ניט אָנוועקזעצן ״אינמיטשקע דרינען״ אין א שבת-צו-נאַכט פאָרלייענען עפּעס א לצניש מעשה-ביכל. א ליטוואַק וועט מיט גרויס הנאה זיך צעזינגען איבער א בלאַט גמרא אָדער אריינקוקן שבת-צו-נאַכטס אין א מוסר-ספר.

אין פּוילן האָט א באַלעבאַטישער ייד, א חסיד, נאָך הבדלה געזונגען זמירות אָדער בחבורותא געפּראַוועט פריילעכע מלווה-מלכה׳ס, ביי וועלכע מען האָט זיך דערציילט פאַנטאַסטישע וואונדער-מעשות וועגן רביים, גוטע-יידן אָדער וועגן סתם אנשי-שם.

בשעת חדוה, נאָכן נעמען א קאַפּעטשקע, איז מען אריין אין התלהבות

היימישע פאטראָנעס

זינגענדיק סימן טוב ומזל טוב און באלד טאקע איז מען אריבער אין הויכער דבקות זיך פארגייענדיק אין א פארבענקטן ניגון: דוד מלך ישראל חי וקיים.

פארשיידנארטיק איז דעריבער דער סטיל און גייסט ביי יעדן פון די דריי זיילן אין דער קלאסישער יידישער ליטעראטור. די פארשיידנ-ארטיקייט פון זייערע היימען און סביבה לייגט דעם חותם אויף זייער שאפן.

מיט א שניידנדיק שארפער לאָגיק פון א ליטווישן גאון, קלוג און באלערנדיק טענה'ט זיך אויס דער ליטוואק, מענדעלע, מיט זיינע גלופס-קער פארשווינען.

מיט א טעמפעראמענט פון קנאי'דיקן קעלמער מגיד און מוכיח מוסרט מענדעלע זיינע קאבצאנסקער ברואים פאר זייערע מאָדנע "גענג און פאסטעמקעס". מענדעלע דער ליטוואק איז לומדיש שארף, מגידיש מוסר'דיק — ליטווישער שטייגער...

דער פוילישער ייד, פרץ, האָט קינסטלעריש פיקסירט די פערזענ-לעכקייט פון פוילישן ייד מיט זיין, א ביסל קאָמפליצירטער, מענטאליטעט און לעבנסבאנעם, וואָס לאָזט זיך ניט באהערשן פון קיין קאלטער לאָגיק. אן איינשטעל — וואָס דערלאָזט ניט דעם פוילישן ייד זיך בינדן דורך די אכזריות'דיקע, ערדישע נויטן. דער פוילישער ייד האָט געהאט די גע-בענטשטע פעאיקייט זיך אויפצוהייבן צו פאנטאסטישע וועלטן וואו אלץ איז שיין און דערהויבן.

אָט די דאָזיקע כאראקטער שטריכן פון פוילישן ייד האָט פרץ דער-הויבן צו אלערהעכסטער סימבאָליק, צו דראמאטישן פארמעסט צווישן ער-דישן און הימלישן, צווישן שבת און וואָך.

דער אוקראַינישער ייד, שלום עליכם, דארף ניט אָנקומען ניט צו מענדעלעס ראפינירטער איבערגעשפיצטקייט און אוודאי ניט צו פרץ'עס אינטעלעקטועלער סימבאָליק. פאר אים, פאר שלום עליכם'ען, איז געננג דער געזונטער, נאטירלעכער פאָלקס-הומאָריזם וואָס קוועלט מיט האר-ציקער גוטמוטיקער פשטות פון זיינע היימיש-אוקראַינישע יידן.

*

ביי זיינע ערשטע טריט האָט מען שוין ארויסגעפילט די בא-

זונדערע אייגנאַרטיקייט פון שלום עליכם׳ס עכטן, אמת׳ן הומאָר, אָן סאַטירישער שאַרפקייט. ניט קיין אנדערער ווי מענדעלע אליין האָט דערפילט שלום עליכם׳ס אנדערשקייט.

מען דערציילט, אז בשעת דער זיידע מענדעלע האָט איבערגעלייענט צום ערשטן מאָל אייניקע פון שלום עליכם׳ס כתבים, האָט ער זיך, אויף זיין שטייגער, צובייזערט אויפן פארשייטן אייניקל:

— וואָס איז דאָס פאַר שקאַצעריי? וואו איז דאָס געהערט געוואָרן אז א ייד זאָל זיך אזוי ברייט צעלאכן? א ייד עסט ניט, פרעסט ניט, א ייד — כאַפּט עפּעס איבער; א ייד טרינקט ניט,זויפט ניט, א ייד — נעמט א קאַפּיטשקע; א ייד שלאָפט ניט, פאַפט ניט, א ייד — כאַפּט א דרעמל; אַ ייד לאַכט ניט, קייכט ניט, א ייד — טוט א שמייכל. און דאָ נעמט אזא יונגער שנעק, אזא חוצפה׳ניק און צעלאַכט זיך שקאַצעוואַטע אויפן קול. פּע, כ׳לעבן, עס איז ניט קיין יידישע מידה...

מענדעלע איז א קינסטלערישער מוסר-זאָגער א בייזער סאַטיריקער. שלום עליכם איז א קינדערישער שטיפער, א גוטמוטיקער מאָלער פון זייטן און העויות.

פון מענדעלעס מייסטערישע נאַטור שילדערונגען ווערן מיר אנטציקט. מיר בלייבן פארגאַפט פון דעם שפּראַך-ווירטואָז. אָבער פון זיינע פּאַרשוינען לאַכן מיר מיט יאַשטשערקעס. מיר לאַכן מיט מענדעלעס טרעפלעכן, חכמה׳דיקן אויסלאַכן און אָפּלאַכן. דאַקעגן פון שלום עליכם׳ס פּאַרשוינען לאַכן מיר ווייל מיר האָבן זיי ליב, מיר האָבן א הנאה פון זיי. ניט נאָר לאַכן מיר הארציק פון שלום עליכם׳ס העלדן, נייערט מיר קוועלן אָן פון זיי.

* * *

דער אויפקום פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור איז געוועזן דער שטאַרקסטער נאַציאָנאַליזירנדיקער פאַקטאָר אין יידישן לעבן, און דעם גרעסטן חלק דאַרף מען פארשרייבן אויף שלום עליכם׳ס קאָנטע. וואָרום די אמערסטן פארפרעמדטע, דערווייטערטע און אסימילירטע האָבן געלייענט און אָנגעקוואָלן פון שלום עליכם׳ס מעשיות. אזוי ארום האָבן

ויי זיך דערנענטערט צום פאָלק, צום פאָלקס-קולטור און צום פאָלקס-אינטערעסן.

א צויבערנדיקן כוח האָט געהאט שלום עליכם׳ס טאלאנט. ווער עס האָט זיך איינמאָל באגעגנט מיט שלום עליכם׳ס שילדערונגען פון פשוטן ייד מיט זיין פאָלקטימלעכן חן און ליבלעכקייט, ווער עס האָט איינמאָל דערפילט די פילפארביקייט פון ידישן לעבנסשטייגער דורך שלום עליכם׳ס וויץ און הומאָר, האָט זיך שוין שווער אָפּגעריסן פון יידישן לעבן און פון זיין געניאלן מאלער.

די פארפרעמדטע יידישע בירגערלעכע און ארבעטער-אינטעליגענץ פון יענער צייט האָט, ביז דאן, על פּי רוב געזען דאָס יידישע לעבן אין פינצטערע פארבן. שלום עליכם׳ס שילדערונגען האָט פאר זיי אנטפּלעקט דאָס העלע שיין וואָס שטראַלט ארויס פון דער פארבלאָטיקטער קאסרילעווקע.

באווירקט פון שלום עליכם׳ס לויכטנדיקן הומאָר און דורכגעדרונגען מיט זיין ליבשאפט, האָבן זיי פארבענקטע געלאכט און אָנגעקוואלן פון די מעשים און טראכטונגען פון די היימישע קאסרילעווקער פארשוינען. מידע און דערהיצטע פון פרעמדע פייערן, האָבן זייערע נשמות זיך געקילט ביים פריש-שטראמענדיקן קוואל פון שלום עליכם׳ס פלייצנדיקן, אייגנארטיק פאָלקסטימלעכן און וואונדערלעך מוזיקאלישן יידישן לשון.

אויסגעצערטע פון בענקשאפט צו דער מאמעס פארטוך, צו דער אייגענער היים, האָבן זיי זיך אומגעקערט און מיט פריילעכער גיריקייט געגנאָסן די היימישע פאטראוועס פון פאָלקס-שטייגער, דערלאנגטע מיט שלום עליכם׳ס רירנדיקער ליבשאפט.

ניגער האָט אמאָל טרעפלעך געזאָגט: ווען א ייד איז אין דער פרעמד און עס בענקט זיך אים נאָך א ביסל אייגענער היימישקייט, איז ניטאָ קיין בעסערע באפרידיקונג, קיין גרעסערע הנאה פון א שטיקל עולם הזה ווי צו הערן לייענען, אָדער אליין צו לייענען שלום עליכם׳ן; שלום עליכם — זאָגט ניגער — איז געוואָרן א טייל פון דער שטוביקער באלעבאטישקייט, א מין געשמאקער מאכל צום היימישן טיש.

אומעטיק איז אין יידישן הויז וואו עס הילכט ניט דער קריסטאלענער קלאנג פון שלום עליכם׳ס געלעכטער. אָן שלום עליכם׳ען הערשט אָרעמקייט און אומעט אין אונדזער ביסל היימישער באלעבאטישקייט.

שוועה, זייער שווער איז צו געדייען גייסטיקן דלות. ניט ווייניקער שווער ווי אויסצוהאַלטן און צו געדייען מאַטעריעלן דלות.

ווייסט עפּעס פון דער אונדזער היינטיקע אינטעליגענץ? האָט זי א וועלכן עס איז אנונג פון א פאַרלאָרענער פריידז?...

*

* *

דער וואַרשעווער יידיש-געקליידטער יונגער מאַן איז זיין לאַנגער חסידישער קאַפּאָטע און מיטן קליינעם היטעלע, וואָס האָט ביים האָטעל "בריסטאָל" אויף א וואַרשעווער גוישע גאַס, אָפּגעוואַרט שלום עליכם'ען, אים א קוש געטאָן און געזאָגט: "א דאַנק אייך, דערפאַר וואָס איר פאַר-זיסט אונדז דאָס ביטערע לעבן פון גלות", האָט, אייגנטלעך, שוין דע-מאָנסטרירט און אויסגעדריקט אַלץ דאָס פילן און באַציאונג פון פאָלק צום דיכטער. אין די קאַרגע ווערטער וואָס ער האָט באַוויזן צו זאָגן איז געווען אַלץ וואָס ס'שטעלט מיט זיך פאָר אין יידישן לעבן די גליקלעכע דער-שיינונג וואָס רופט זיך שלום עליכם.

זעלטן איז פאַראַן א קינסטלער, וואָס זאָל דערגרייכן ווי שלום עליכם, צו אַזאַ פּאָפּולאַריטעט און ליבשאַפט ביי א גאַנצן פאָלק, אָן אונטערשיד פון סאָציאַלן קלאַס און גייסטיקער מדרגה.

אַכציק יאָר ווערט דער נאָמען שלום עליכם אַרויסגערעדט מיט א געמיט פון צאַרטער ליבלעכקייט. אַכציק יאָר ווי דער נאָמען שלום עליכם אַסאָציאירט זיך מיט די דערהויבנסטע און אָריגינעלסטע בילדער פון יידישער פאָלקסטימלעכקייט און — אחרון אחרון — שוין אַכציק יאָר ווי אין אונדזער ליטעראַטור פון קינות און קלאָג-לידער שאַלט א ליבער, הילכיקער געלעכטער. זאָל זיין אפילו א געלעכטער פון טרערן.

*

דער סוד פון שלום עליכם'ס ריזיקן דערפאָלג, ליגט אין זיין לעבע-דיק-צאַפּלדיקער דערציילערישקייט. זיינע מאָלערישע צייכענונגען זענען פון א מין געלייטערטן רעאַליזם וואָס דערהייבט זיך צו א מדרגה פון האַרץ-פאַרכאַפּנדיקן פּאַטאָס.

שלום-עליכם'ס פּאָעטיש-איידעלע און טיף-מענטשלעכע ליבשאַפט

צו זײַנע העלדן, איז ממש רירנד און רופט אַפּט אַרויס טרערן פון באַגײסטערונג.

שלום-עליכם באַזיצט דעם גרויסן קינסטלערישן סוד אַרויסצוברענגען די קאָמפּליצירטסטע מענטשלעכע לײַדן, אַרויסצואַװעבן דעם פּלאָנטער פון די דינסטע נשמה-פעדעם מיט אַ ממש פענאָמענאַלער פאָלקסטימלעכער פשטות.

אַלצאײנס, צי שלום עליכם דערצײלט אַ מעשה אין װעלכער דער מחבר, װי אַ זײַטיקע פּערזאָן, שילדערט מענטשן און סיטואַציעס, צי — װאָס ס׳איז, אגב, אַ מערסטן כאַראַקטעריסטיש פאַר שלום עליכם׳ען — ער לאָזט אַלײן רעדן זײַנע קאַסרילעװקער פּאַרשױנען מיט זײער אײגענעם לשון. אין בײדע פאָרמען װערן די אױסטערלישסטע פּסיכישע פּלאָנטערן און די אינטימסטע, סובטעלע איבערלעבונגען אַרױסגעבראַכט מיט קינדיש-תמימות׳דיקער שפּילעװדיקײט, מיט אײנפאַכן, אָבער קװעלנדיקן פאָלקסטימלעכן לשון אין אַלע זײַנע פאַרבנרײַכע אידיאָמאַטישע נוסחאות.

מיט זײַן קװעלנדיקן שפּראַך-אוצר שאַפט שלום עליכם די געלײטערטע אַטמאָספער פון געזונטן הומאָר, אָן דעם בײסנדיקן, סאַטירישן פּסולת, פון װעלכן אפילו װעלט-באַרימטע הומאָריסטן װי טשעכאָװ און מאַרק טװען זענען ניט פרײַ געװען.

שלום-עליכם׳ס הומאָר איז אָן פּניות, אָן הינטער-מחשבות. דאָס איז אַ הומאָר אַ באַלזאַמיקער, אַ גלעטנדיקער, פון װעלכן עס װערט אײַך ליכטיק אױף דער נשמה. אַ געלעכטער, װאָס גיט אײַך צו שטיקער געזונט, װײַל — װי זאָגט שלום-עליכם? — לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הײסן לאַכן״...

מער װי אַלע אַנדערע שרײַבער איז שלום-עליכם אָרגאַניש צונויפגעװאַקסן מיטן פאָלק. ער האָט פאַרמאָגט אַ ניט געװײנלעכע פעיִקײט אױפצוכאַפּן אַלע ניואַנסן פונעם פאָלקס-שפּראַכלעכער עשירות. אוממיטלבאַר, מיט פולע הױפנס האָט שלום עליכם גענומען פונעם פאָלקס-אוצר.

דערפאַר קען בײַ שלום-עליכם׳ען ניט זײַן קײן רײד פון אײן סטיל, אײן נוסח-הדיבור. אַזױ װי די צאָלרײַכקײט פון זײַן טיפּן-גאַלעריע אַזױ צאָלרײַך זענען שלום עליכם׳ס שפּראַך-סטילן. יעדער העלד, יעדער פּאַרשױן מיט זײַן באַזונדערן לשון.

דאָס אָפּמאָלן די אומצייליקע קאַפּריזלעכע פאַרשוינען, צי די באַ־רעדעוודיקייט פון זיינע יידענעס; דאָס שילדערן סטעמפּעניוס מוזיקאַליש־קייט אָדער גאָר די תמימות׳דיקע חכמה און די עם־הארצישע וואויל־געלערנטקייט, ארויסגעבראַכט דורך טביה׳ס פּערלדיקן לשון, דאָס אַלץ זענען פארשיידנאַרטיקע סטילן; דאָס איז אַ מאָזאַאיק פון שפּראַכלעכע נוסחאות און רעדנסאַרטן גענומען דירעקט פון פאָלקס־מויל, באַהויכט פון שלום עליכם׳ס איינציקאַרטיקן הומאָר און פון זיין צאַרטער ליבשאַפט צום געשילדערטן העלד.

א דאנק זיין טיף־איינגעבוירענער פאָלקסטימלעכקייט האָט שלום־עליכם מיט אומגעוויינלעכער זאַפטיקער לייכטקייט פון סטיל, אָן חכמות, אָן גייסטיקע מחיצות, געקענט אויסמאָלן די מאָנומענטאַלסטע קלאַסישע געשטאַלטן אין דער יידישער ליטעראַטור.

*

* *

שלום עליכם איז דער איינציקער צווישן די דריי אבות פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אין איר אריינגעבראַכט דעם קלאַסישן יידישן פאָלקס־טיפּ וועלכער כאַראַקטעריזירט די אייגנשאַפטן פון רוב מנין אין יידישן פאָלק. שלום עליכם׳ס העלדן, מנחם־מענדל, טביה דער מילכיקער און אנדערע, זענען געוואָרן כאַראַקטער־סימבאָלן פון יידישן מענטש. דאָס איז אפשר שלום עליכם׳ס העכסטער זכות.

ס׳איז די אידעאַלסטע מדרגה פון א שרייבער און זיין ווערק, ווען זיינער אַ געשילדערטער העלד ווערט אלגעמיין באַקאַנט און גייט אריבער אינעם אוצר פון פאָלקס־באַצייכענונגען ווי א טיפּ־סימבאָל, ניט וויסנדיק אפילו ווער עס איז דער פאָטער פון דאָזיקן העלד.

ס׳איז ניט נויטיק היינט־צו־טאָג אויפצוקלערן פאר א ייד ווער און וואָס פארא פארשוין עס איז מנחם־מענדל. פּונקט ווי עס איז ניט נויטיק פאר אן אייראָפּייער בכלל און פאר אַ שפּאַניער בפרט אויפצוקלערן ווער און וואָס ס׳איז דאָן קיכאָט. מנחם־מענדל איז געוואָרן א היימישער כאַ־ראַקטער־סימבאָל פון יידישער אילוזיאָנערישקייט, פון יידישער באַדנ־

לאָזיקײט אָבער אױך פֿון אומדערמידלעכער ײדישער ענערגיע, ײדישן בטחון און ײדישער איניציאַטיװ.

*

מנחם־מענדל איז אין תוך די אמת'דיקע פֿאַרקערפּערונג פֿון ײדישן גורל װאָס מוז אַלעמאָל אָנהײבן פֿונדאַסנײ. מנחם־מענדל סימבאָליזירט די ײדישע פֿעאיקײט אױפֿצושטעלן אַ יש־מאין, ניט אַראָפּצופֿאַלן בײ זיך, ניט נתפּעל צו װערן און ניט דערלאָזן קײן יאוש בשעת אַן אַדורכפֿאַל. געליטן אַ מפּלה — נישקשה, מנחם־מענדל װעט זיך גוט אױסטשוכען פֿונעם קלאַפּ און װידער אָנהײבן, ביז ס'װעט געלינגען...

ס'איז אַ טעות צו מײנען אַז מנחם־מענדל איז אַ נעגאַטיװער פּראָדוקט פֿון די באַדינגונגען אין קאַסרילעװקע און יעהופּעץ. מנחם־מענדל איז ניט קײן נעגאַטיװע דערשײנונג. מנחם מענדל איז די פֿאַרקערפּערונג פֿון אַ פּאָזיטיװער נאַציאָנאַל־ײדישער אײגנשאַפֿט — אײביקע רעזיסטענץ. ער איז דער סימבאָל פֿון ײדישן אומרו און ײדישער ענערגיע. אַן ענערגיע, װאָס איז בכוח אַרײנצושטעלן קאַסרילעװקע מיט יעהופּעץ אין סאַמע מיטן פֿון די הױפּט־גאַסן אין ריאָ און ניו־יאָרק, אין סאַן פּאַולאָ און תּל־אביב...

גאָר אַ ברײט־פֿאַרנעמענדיקע פֿיגור אין שלום־עליכם'ס טיפֿן־גאַלעריע, איז טביה דער מילכיקער. טביה איז, אין קעגנזאַץ צו מנחם־מענדלען, ניט דאָס װאָס מיר זענען געװױנט צו באַצײכענען װי אַ לופֿט־מענטש. טביה פֿליט אפֿשר ניט אין די הימלען און האָװעט ניט אַרום אױף דער ערד װי מנחם־מענדל. טביה איז זיך דװקא אַ באַזאַכטער מענטש, אַ רעאַליקער, ניט קײן הו־הא פֿאַרשױן. טביה האָט גראָד ליב צו באַטראַכטן זאַכן פֿון אַלע זײטן. טביה איז, אין פֿלוג גענומען, דער קעגנזאַץ צי מנחם־מענדלען. דאָס איז, אָבער, בלױז אױבנאױפֿיק. זײ זענען נאָר פֿאַרשײדן־אַרטיק אין דער סיטואַציע אין װעלכער יעדערער פֿון די צװײ פֿיגורן איז אַװעקגעשטעלט, און פֿאַרשײדן זענען זײ אין טעמפּעראַמענט.

טביה איז קאָנסערװאַטיװ. ער איז לאָגיש און עמאָציאָנעל פֿאַרװאָרצלט אין זײן אַלטער װעלט. טביה קען ניט די נײע װעלט װאָס רינגלט אים אַרום און װאָס דריקט אים אַלץ מער און מער אין איר קלעם.

מנחם-מענדל איז פאַרקערט. ער, מנחם-מענדל, רייסט זיך דווקא צו דער נייער וועלט, צו וועלכער ער קען אָבער ניט דערלאַנגען. אין דעם טאַקע ליגט די טראַגי-קאָמישע שלימזל'דיקייט פון וועלכער מיר לאַכן אַזוי האַרציק.

דער אונטערשייד צווישן זיי איז, אָבער, נאָר אין טעמפּעראַמענט. אין תוך און כאַראַקטער זענען זיי ענלעך צווישן זיך ווי צוויי ברי-דער פון איין טאַטן.

פּונקט ווי מנחם-מענדל ווערט ניט געבראָכן פון זיינע דורכפאַלן און רעזיגנירט ניט, אַזוי ווערט טביה ניט געבראָכן פון די מעכטיק-שווערע קלעפּ וואָס פאַלן אויף זיין יידישן לייב און לעבן. טביה שאָקלט זיך אָפּ, גלייכט זיך אויס און גייט ווייטער. נאָך א שווער געטראָפענעם אומגליק זאָגט טביה: „אז מ'איז א לעבעדיקער מענטש, קען מען די נשמה ניט אויסשפייען. עס העלפן ניט קיין חכמות, מ'מוז זיך אומקערן צום פּסוק, אז כל-זמן שהנשמה בקרבי — איז פאָר ווייטער, טביה!"...

דאָס אינערע ליכט וואָס שטראַלט אַרויס פון טביה'ס פּערזענלעכקייט. זיין שטאַרקער בטחון און זיין אומדערשיטערטע מאָראַלישע פעסטקייט; זיין האַרציקע איידלקייט, זיין גרענעצלאָזע ליבשאַפט און, ועל-כלם, זיין געלייטערטע מענטשלעכקייט, דערהייבט אים צו איינעם פון די מאָ-נומענטאַלסטע גרויס-נאַציאָנאַלע פיגורן אין דער קלאַסישער יידישער ליטעראַטור.

*

* *

מיט צעהעלטער בלענדנדיקער ליכט שילדערט שלום-עליכם זיין דריטע הויפּט-פיגור — דאָס יידישע קינד.

מיט א פאַרפלייצנדיקער שפע קומט דאָ צום אויסדרוק שלום עליכם'ס קוועלנדיקער הומאָר. יעדער שורה, יעדער זאַץ שפּרודלט דאָ מיט מאַלע-רישער מייסטערשאַפט.

קינדער ווערן דורך שלום-עליכם'ען געשילדערט מיט פרישער, לע-בעדיקער און צאַרטער, ממש רירנדיקער ליבשאַפט. מיר קוועלן אָן פון די קינדערישע המצאות ביים אַפּוער-קאַמף מיט די דערוואַקסענע, מיר צע-

גייען זיך פון הנאה פון זייער תמימות׳דיקער שפּיציקייט. מיר לאַכן פון זייערע קאָמעדיעס און וויינען מיט זייערע קליינע טראַגעדיעס.

א רייכע גאַלעריע פון פאַרשיידנאַרטיקע וואונדערלעכע קינדער־געשטאַלטן האָט שלום־עליכם געשאַפן. נאָר די אַנדערשקייט פון די פאַר־שיידענע קינדער־העלדן, ליגט בלויז אינעם סאָציאַלן ארום פון געשיל־דערטן קינדער־טיפּ, אין דער אַנדערשקייט פון סוזשעט. אָבער אין תוך כאַראַקטעריזירט אַלע שלום־עליכם׳ס קינדער־העלדן נאָר איין שטריך, דער נאַציאָנאַלער יידישער שטריך — ניט רעזיגנאַציע, פּערמאַנענטע רע־זיסטענץ...

וויפל ווערט דאָס קינד פונעם ״מעסערל״ פאַרפאָלגט פאַרן חשק צו האָבן א מעסערל. וויפל מעסערלעך, אָדער כמו מעסערלעך, האָט מען שוין ביי אים צוגענומען, און וויפל פּעטש האָט ער שוין דערפאַר אריינ־געכאַפּט!... דאָס קינד אָבער רעזיגנירט ניט. צוגענומען איינס, און דערצו נאָך געכאַפּט פּעטש, נישקשה, ער וועט אויף צו להכעיס זיך איינשאַפן אַן אַנדערס, נאָך א בעסערס.

וויפל ענערגיע און ניט אונטערגעבן זיך ווייזט ארויס שלום־עליכם׳ס קינדערשער הויפּט־העלד מאָטל פּייסי דעם חזנ׳ס; וויפל פּעטש ער זאָל ניט אריינכאַפּן, ער ווערט ניט נתפּעל, ער וועט זיך זיינס ווייטער טאָן.

דאָס איז דער הויפּט־שטריך וואָס פאַראייניקט אַלע שלום־עליכם׳ס העלדן פון מנחם־מענדלען ביז מאָטל פּייסי דעם חזנ׳ס.

דאָס איז די יידיש־נאַציאָנאַלע אייגנשאַפט פון מבטל זיין שטרוי־לונגען, פון זיך דורכשלאָגן א וועג דורך אַלע מכשולים, און עקזיסטירן על אפּם וחמתם פון אַלע שונאים. אָן דער דאָזיקער אייגנשאַפט, ווער ווייסט צי מיר וואָלטן אויסגעהאַלטן גלות ביז די היינטיקע צייטן, ביזן אויפקום פון אַן אייגענער מדינה.

שלום עליכם׳ס העלדן זענען דעריבער פיגורן פון ברייט־נאַציאָנאַ־לע דימענסן, מחמת זיי פאַרקערפּערן מיט זיך יענע יסודות׳דיקע יידישע אייגנשאַפטן, וואָס א דאַנק זיי האָבן יידן געקענט נאַציאָנאַל עקזיסטירן אין גלות.

ניט קיין אויסגעחלום׳טע, אויספאַנטאַזירטע העלדן זענען זיי. דאָס זענען זייער נאָענטע היימישע געשטאַלטן, אונדזערע גוט באַקאַנטע פאַר־שווינען. ניטאָ אין דער יידישער ליטעראַטור קיין מערער היימישע פיגורן,

ניטאָ קיין נאָענטערע פּארשוינען ווי דער ייד פון "גימענאזיע", די יידענע פון „טעפל„, ווי טביה דער מילכיקער, מנחם-מענדל פון יעהופּעץ אָדער מאָטל פּייסי דעם חזנ׳ס.

ווער קען עס ניט טביה׳ן פון דער נאָענט? ווער פון אונדז האָט אין זיין לעבן ניט אָנגעהאלטן קיין קאָנטאַקט מיט מנחם-מענדלען? ווער האָט ניט געהאָלפן מאָטל פּייסי דעם חזנ׳ס, זיך ארויסצודרייען פון פּארלעגנ-הייט אין אומאָנגענעמע סיטואַציעס? אָדער ווער האָט ניט קיין אָנטייל אין די כלערליי "שמד-שטיק" פון שלום-עליכם׳ס קינדערישע גבורים?...

ניט נאָר היימיש נאָענט זענען אונדז שלום-עליכם׳ס פּארשוינען. לייענענדיק זיינע ווערק, איז פאראן דאָס געפיל אז דער געשילדערטער איז ניט קיין אנדערער, ווי נאָר טאקע דער לייענער, בכבודו ובעצמו.

שלום עליכם׳ס מייסטערישע דערציילערישקייט, זיין אינטימע האר-ציקע גוטסקייט דער חכמה׳דיקער קינדערישער שמייכל מאכט אים בלוט-אייגן ביים לייענער און מאכט אים מיטצולעבן מיט שלום-עליכם׳ס ווערק אין אזא נשמה׳דיקער נאָענטקייט ווי ער, דער לייענער, וואָלט עס אליין געלעבט...

* * *

דעם געלעכטער פון יענעם שבת-צו-נאכטס אין טאטנס היים, האָט שלום עליכם געלאכט מיט קינדערישער אומשולד במשך זיין גאנצן שע-פערישן לעבן. און פונקט אזוי פשוט פון הארצן, ווי עס האָבן געלאכט בערדיקע יידן יענעם שבת-צו-נאכטס, אזוי לאכן נאָך ביז היינט מרה-שחורה׳דיקע טאטעס לייענענדיק די וואונדערלעכע מעשיות פון יענעם קינד וואָס איז אויסגעוואקסן צום באליבטסטן פון אלע שרייבער — שלום עליכם.

טראגישער דואליזם

(שלום יאש)

טראגישער דואליזם

געקומען איז שלום אש פון פייכטן פוילישן דאָרף און פון די סאמע טיפענישן פון יידישן פאָלקס-לעבן אין פויליש-יידישן שטעטל.

פארבונדן מיט דער סביבה און שטייגער פון יידישן פוילן, האָט ער געשאפן די שענסטע אומשטערבלעכע עפּאָפּייען פון יידנטום אויף פוילישער ערד.

ער איז אָבער אויך געווען דער ערשטער אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט ארויסגעוואנדערט פון דער שטעטלשער ספערע, זיך אוועקגעלאָזט אויף די וועגן און אומוועגן פון דער אלוועלטלעך-יידישער צעשפּרייטקייט, און געניטשערט אין די טונקעלע לאבירינטן פון יידיש-געשיכטלעכע ווייטקייטן.

שלום אש האָט אויסגעשפרייט די האָריזאָנטן פון דער יידישער ליטעראטור. אש האָט אין דער יידישער ליטעראטור אריינגעברענגט נייע מאָטיוון וועלכע ער האָט אויסגעוועבט אויף דער קאנווע פון זיינע צענדליקער נאָוועלעס, ראָמאנען און דראמעס. ער איז געווען דער ערשטער פון די יידיש-שרייבער וועלכער האָט נאָך יונגערהייט ארויפגעשטורעמט אויף אייראָפּעאישע בינעס, און שפּעטער מיט אימפּעט אריינגעשפּאנט אין פרעמדשפּראכיקע ליטעראטורן.

א דיכטער מיט ענערגישע, גרויס-קינסטלערישע אמביציעס און מיט א שרייבערישער וויטאליטעט פאר דרייסטע עקספּאנסיעס. האָט אש אָפט ארויסגערופן קעגן זיך היציקע רעאקציעס מצד דער יידיש-אינטעלעקטוע-

לער וועלט. אָבער דער הויכער געשטעל פון זיין אימפּאָזאנטער פיגור האָט זיך קיינמאָל ניט געבויגן און ניט איינגעבראָכן. קיין שום וואָלקן האָט זיין צעהעלטן פּלאַם ניט געקענט פאַרטונקלען.

נאָך די דריי גרונטלייגער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. איז אַש דער שטאַרקסטער און באַרימטסטער נאָמען. אַש איז דער פאַרשיי־דנאַרטיקסטער און זיין טעמאַטיק און זשאַנער; ער האָט אָנגעהויבן מיט דער קליינער סקיצע, איז באַלד אַריבער צו דראַמע און געקומען צום ברייט־פאַרנעמיקן ראָמאַן.

און ס׳וועלן אפשר פאַרביי דורות פון יידיש־ליטעראַרישן שאַפן, ביז ס׳וועט זיך אויפסניי באַווייזן אַזאַ פּראָדוקטיווער שרייבער, אַ קינסטלער פון אַזאַ גרויסן פאַרנעם ווי עס איז שלום אַש.

* *
*

נאָך גאָר יונג, ווען ער האָט נאָרוואָס געהאַט געשטעלט זיינע ערשטע טריט אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט שלום אַש, ביי אַ געלעגנהייט, זיך צוגעהערט צו אַ שמועס צווישן קאָלעגן, וועלכע האָבן זיך געקלאָגט, אַז די יידישע ליטעראַטור באַשטייט פון סקיצן און קליינע בילדלעך. אַז אפילו דער גרויסער פּרץ איז ניט בכוח צו געבן דער נייער יידישער ליטעראַטור דעם גרויסן קלאַסישן ראָמאַן. דאָ האָט זיך דער יונגער אַש אויפגעשטעלט מלא־קומתו, אין זיין פולער הייך, און מיט אַ זעלטענער זיכערקייט אויס־געשריען צו די קאָלעגן שרייבער:

— „איך, שלום אַש פון קוטנע, וועל געבן דער יידישער ליטעראַ־טור דעם גרויסן קלאַסישן ראָמאַן!“

אַש פלעגט אָפט רעדן וועגן די אייגנשאַפטן וואָס ער האָט געירשנט פון זיינע עלטערן. אַש האָט געהאַלטן אַז זיין קינסטלערישן עלעמענט האָט ער צו פאַרדאַנקען זיין מוטערס אומרואיקייט און מעלאַנכאָליע, און פון זיין פאָטערס אייגנשאַפטן זאָל ער האָבן געירשנט דעם פייערדיקן גלויבן אין זיך.

אַש׳ס גלויבן אין זיינע אייגענע כוחות איז געווען אַ פלאַמפייערדיקער. אַ גלויבן וואָס האָט פאַרברענט אַלע זיינע ספקות און קיינע דורכפאַלן האָבן

טראַגישער דואַליזם

ביי אים ניט געקענט אַוועקרויבן זיין מוט צו גיין אויף ברייטע וועגן פון שאַפן, אויף שליאַכן פון גרויסע דערגרייכונגען צו וועלכע אַש האָט ווירקלעך זוכה געווען. שלום אַש האָט באמת געגעבן דער יידישער ליטעראַטור דעם גרויס-צוגיקן, נאַציאָנאַל-קלאַסישן ראָמאַן.

אין זיין פרוכטבאַרן שאַפן, אין דער גרויסער צאָל נאָוועלעס, דראַמעס און ראָמאַנען, האָט שלום אַש באַרייכערט אונדזער ליטעראַטור מיט אַ פּלעיאַדע פון טויזנטער פיגורן-געשטאַלטן, כאַראַקטערן און טיפּן, הן פון דער יידישער וועלט והן פון אַלע די, מיט וועמען יידן זענען געקומען אין באַרירונג.

אומגעהייער רייך איז די טעמאַטיק פון אַש'ס שאַפן. אָנגעהויבן פון די עלטסטע ביבלישע צייטן ביז צו אונדזערע טעג, איז כמעט ניטאָ קיין איין קענטיקע עפּאָכע אין אונדזער געשיכטע וואָס זאָל ניט האָבן איר עפּישן אָפּקלאַנג און אויסדרוק אין אַש'ס שאַפן. מיט מאָלערישער גאוניאַליטעט האָט אַש געקענט צייכנען און אַרויסברענגען אין זיינע ווערק די אַטמאָס-פער פון יעדער געשילדערטער עפּאָכע. שלום-אַש'ס טאַלאַנט האָט ניט גע-קענט קיין גרענעצן פון אָרט און צייט. זיין קינסטלערישע אינטואיציע איז געווען אַזאַ, וואָס האָט זיך אַריינגעוועבט אין די קאָמפּליצירטסטע כאַראַק-טערן, זיך איינגעגלידערט אין עקזאָטישן שטייגער פון ווייטע לענדער און פון ווייטע צייטן מיט אַזאַ שלימות און האַרמאָניע, ווי דאָס וואָלט געווען אַ לעבן פון זיין אייגענער, רעאַלער טאָג-טעגלעכקייט...

אָבער שלום אַש'ס העכסטע קינסטלערישע שלימות קומט צום אויס-דרוק אין זיינע שילדערונגען פון פּויליש-יידישן לעבן. זיינע עפּאָפּייען „אַ שטעטל", „ר' שלמה נגיד", „וואַרשע" (דאָס צווייטע בוך פון דער טרי-לאָגיע), און אַנדערע ענלעכע באַשרייבונגען אויפן פאָן פון פּוילישער לאַנד-שאַפט, זענען געווען און וועלן פאַרבלייבן די שענסטע פּערל אין דער יידי-שער ליטעראַטור.

* *
*

מענדעלע-מוכר-ספרים האָט, אויף זיין שטייגער, געשריבן די עפּאָ-פּייע פון קלוגן, שאַרפקאָפּיקן ליטווישן יידנטום. שלום עליכם האָט געמאָלט

די באַחנ׳טע, פאָלקסטימלעכע זאַפטיקייט פון אוקראַאינישן יידנטום, און פרץ האָט ארויסגעבראַכט דאָס טיף-נשמה׳דיקע, דאָס התלהבות׳דיקע פון פוי-לישן ייד, זיין שטרעבונג צו העכערע ווערטן און דערמיט דערגאַנצט דעם בנין פון דער קלאַסיש-יידישער ליטעראַטור. און אָט איז אונטערגעקומען שלום אַש, דער גרויסער קינסטלער פון דער יינגערער קלאַסישער ליטע-ראַטור-גענעראַציע, און באַצירט דעם בנין, אים אָרנאַמענטירט מיט די געמעלן פון געהויבענעם לעבנסשטייגער פון פוילישן יידנטום.

ערגעצוואו דערציילט אַש, אַז זיין פאָטער, אַ מטופל מיט אַ סך קינ-דער, האָט אויף שבת אהיים געבראַכט עטלעכע אורחים. היות ווי ביים פאַ-מיליענטיש איז ניט געווען גענוג אָרט, האָט די מוטער איינגעאָרדנט אין קיך אַ טיש פאַר די אָרעמעלייט מיט פּראָסטע כלים, אַ פּראָסטן טישטוך — כמעט אַ וואָכעדיקער טיש. דער פאָטער האָט גאָרניט געזאָגט, נאָר ער האָט אָפּגעזונגען אין זאַל דעם "שלום-עליכם" און נאָכדעם אַראָפּגענומען פון רייך-געדעקטן טיש די פלאַש וויין, זי אוועקגעטראָגן אין קיך צו די אָרע-מעלייט, דאָרט קידוש געמאַכט און זיך אוועקגעזעצט ביים אָרעמען טיש. געזונגען זמירות און צוזאַמען מיט די אורחים געפּראַוועט די רייכע שבת׳-דיקע סעודה. און אין קיך, וואו אַלץ איז ביז איצט געווען אַזוי וואָכעדיק איז פּלוצלונג געוואָרן שבת׳דיק...

איבערדערציילנדיק דעם דאָזיקן עפּיזאָד, באַמערקט דער באַרימטער קריטיקער שמואל ניגער, אַז אַש האָט, ווי זיין פאָטער, געמאַכט שבת דאָרט, וואו ביז אים איז געווען וואָך.

*

* *

אַש איז עס געווען דער, וואָס האָט אריינגעבראַכט שבת׳דיקן טאָג, יום-טוב׳דיק עשירות אין אָרעמען לעבן פון פויליש-יידישן שטעטל.

אַש האָט די הערלעכקייט, די דערהויבענע פּראַכט פון פויליש-יידישן נוסח פאַר דער וועלט פונאַנדערגעוויקלט, און עס האָט אָנגעהויבן לייכטן און פינקלען מיט אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן.

ווי אַ מכשף האָט ער מיט זיין צויבער-פעדער ארויסגעכישופט אַ נייע וועלט — פוילן. פוילן מיט אירע יידן און פּאָליאַקן, פעלדער און וועלדער, טייכן און סטאַוועס, בתי מדרשים און, להבדיל, תפלה׳ס.

און ביי אַש׳ן שמעקט די דאָזיקע פּוילישע ערד מיט געזונטער פּשטות

פון יידישע ישובניקעס און פוילישע פויערים, מיט פאַרבאָרגענע יידישע ל״ו-ניקעס און מיט מיסטישע פוילישע דזשאַדעס, מיט וועלטס-פרעמדע תמימות׳דיקע רבנים און להבדיל, מיט כיטרע גלחים.

און צווישן אויפגעבלאָזענער, אויפגערייצטער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער קנאה-שנאה פון איין זייט, און גוטער שכנה׳שאַפט פון ״קאָכאַי-מי-שיען״ (לאָמיר זיך ליב האָבן) פון דער צווייטער זייט, פאַרעמט זיך אויס, און עס לעבט א ציבור זיין אייגנאַרטיקן נאַציאָנאַלן לעבן, מיט א באַזונדער דרך אין א קאָלעקטיוון הייליקן לעבנס-נוסח, וואָס ביז אַשן איז עס דער וועלט אומבאַקאַנט געווען.

פּרץ איז, פאַר אַשן, דער גרויסער מייסטער-זינגער פון פוילישן יידנטום. נאָר ביי פּרץ׳ן איז מערער בולט דאָס דערהויבענע אין פויליש-יידישן יחיד, דאַקעגן אַש האָט פאַר אונדז אַרויסגעבראַכט די פּראַכט פון פויליש-יידישן צבור.

ביי פּרץ׳ן קומען צום אויסדרוק יחידים, וואָס נעסטן אין ספערן פון העכערע עולמות; ביי אַש׳ן קומט צום אויסדרוק דער הויכוועלטיקער ניגון פון א געהויבענעם לעבנס-שטייגער ביי א גאַנצן פאָלק.

זינט דורות איז זיך געלעגן אויפגעשפּרייט א מדינת-פּוילן מיט אירע שטעט און שטעטלעך. און געווימלט האָט דאָרט מיט א פאָלק וואָס האָט אין וואָכן-טעג אָנגעפילט אַלע מערק; פול זענען געווען די שטעטלעך מיט אָרעמע, האַלב איינגעפאַלענע בתי מדרשים און חסידים-שטיבלעך; געהאַט גאָטספאַרכטיקע רבנים און התלהבות׳דיקע גוטע יידן; ענג-געפּאַקטע חדרים און תלמוד-תורה׳ס מיט תינוקות של בית רבן, און ישיבות אָנגעפּיקעוועט מיט בחורים; שטילע היימען אָנגעפילטע מיט פרומקייט פון צאינה-וראינה׳דיקע מאַמעס און מיט צניעות׳דיק לויכטנדיקע בליקן פון אײדל-צאַרטע כלה-מיידלעך — א וועלט פול מיט פאַנטאַזיעס, חלומות און האָפנונגען. און גערעדט האָט דאָס דאָזיקע פאָלק אויף אַן אייגענעם צעצויגענעם, מאָדנע-זינגענדיקן לשון.

די יידישע וועלט האָט עס כמעט ווי ניט געזען. באַלעבאַטיש-משכילישע אינטעליגענטן און זייערע שרייבערס סיי אויף לשון-קודש און סיי אויף לשון-״זשאַרגאָן״, האָבן געזען אין פוילישן יידנטום בלויז קאָמישע מאַניערן. אין זייער פרומקייט האָבן זיי געזען — פאַנאַטיזם, אין זייער האַ-

פענונגען — נארישע גלויבענישן. אין חסידות — ווילדן געצנדינסט און אי-נעם גערעדטן לשון — א ווילדן קוידערוועלש!...

איז געקומען אש און מיט זיין צויבערדיקער פעדער האָט ער אנט-פלעקט די צניעות'דיק לויכטנדיקע שיינקייטן פון פוילישן יידנטום. וואָס פאר א שיינע און רייכע וועלט!

תורה און מדות-טובות גייען ארום לעבעדיקע אין אלע געסלעך פון פוילישן שטעטל. קינדער הלומ'ען מיט די פארבנרייכסטע פאנטאזיעס, אויף די פרויען און מיידלעך ליגט אויסגעגאָסן דער חן וחסד פון רבקה'ן און די מוטערלעכע צארטקייט פון דער מאמע רחל.

די מערק און די קוילער-געסלעך זענען פול מיט געזונטע, קרעפטיקע האָרעפאשניקעס: גארבערס, שוסטערס, טרעגערס און קצבים — אלע אזעל-כע שטארקע, מיט ברייטע פלייצעס און שטאָלענע אָרעמס, תמיד גרייטע צו שווערער פראצע. אומדערשראָקענע, טעמפעראמענטפולע און דרייסטע, זע-נען זיי שטענדיק פארטיק זיך איינצושטעלן קעגן עוולות, און — דער עיקר — אלע מאָל גרייט צו דערלאנגען מעכטיקע קלעפּ ווען גוים פארווילט זיך צו פארטשעפּען מיט יידן אין מארק...

די פשוט'סטע פון זיי זענען התלהבות'דיק געטרייע, פעסטגלויביקע יידן, צו יעדער רגע מוכן ומזומן מקדש-השם צו זיין, און אלע זענען זיי גרויסע בעלי-בטחון, פולע מיט פרישע, ליכטיקע האָפנונגען.

דאָס פשוטע לשון איז רייך און קוואלנדיק. אויף דעם דאָזיקן לשון ווערן, דורך מאמעס, ארויסגעכישופט די דינסטע ניואנסן פון צאַרטער מו-טער-ליבשאפט, און אויף דעם זעלביקן לשון ווערט אויסגעדריקט דאָס התלהבות'דיקע דבקות בשעת רעליגיעזער עקזאלטאציע ביי מיסטיקער מיט רייכער וועלט פון געפיל און מחשבה. די קוואליקייט פון אָט דער שפּראַך דינט שארפקעפּיקע לומדים און דבנים צו באהאנדלען די קאָמפּליצירטסטע סוגיא'ס און ארויסצוברענגען די קונציקסטע אנאלאָגיעס און די טיפסטע שקלא-וטריאס פון תלמוד און פוסקים, און אויף דעם אייגענעם לשון ווערן דערציילט די וואונדערלעכסטע פאָלקס-מעשיות און לעגענדעס. דערביי זע-נען די מעשיות דורכגעוועבט מיט אן אוצר פון שארפזיניקע אידיאָמען און רעדנסאָרטן, מיט אן עשרות פון חכמה'דיק-באלערנדיקע פאָלקס-ווערטלעך

און אפאָריזמען. סיי די שפע פון אויסדרוק סיי דער אינהאלט איז רייך גענוג צו שפייזן די רייכסטע ליטעראטור פון א גרויס פאָלק...

*

אַש האָט פאר דער וועלט אנטפלעקט דאָס שיינע און דערהויבענע דאָס שבת-יום-טוב׳דיקע אין לעבן פון פוילישן יידנטום.

ניטאָ, דוכט זיך, ביי אַש׳ן קיין איין ווערק פון פויליש-יידישן מיליע עס זאָל דאָרט ניט שוועבן דער דראנג צו דערהייבונג. צי דאָס איז א ראָמאנטיש ווערק ווי דער "תהילים-ייד" אָדער א רעאליסטיש ווערק ווי "מאָטקע גנב", אומעטום זוייעט מיט בענקשאפט צו שבת׳דיקייט. און ניט פאראן כמעט ביי אש׳ן קיין גרעסער ווערק אין וועלכן ער זאָל ניט שילדערן דעם שבת.

ביי פרץ׳ן איז שבת אויסגעוואקסן צו א סימבאָל פון אוניווערסאלער גאולה, איז געקומען שלום אש און אויפגעזונגען דאָס געזאנג, דעם הימן צו דער שיינקייט און גרויסקייט פון שבת גופא.

ביי אַש׳ן ווערט דער שבת דערהויבן צו דער מדרגה פון א קאָסמישער סימפאָניע; עפּעס א מלאכים-געזאנג נידערט אראָפּ פון די הימלען און צעגיסט זיך מיט א זיסער מחיה׳דיקייט אין יעדן ייד באזונדער און אין אלע יידן צוזאמען. יידן גיסן זיך צונויף מיטן שבת; ווערן ביידע איין גרויסע הייליקייט. יידן ווערן געהייליקט דורכן שבת ניט ווייניקער ווי דער שבת ווערט געהייליקט דורך די יידן.

ווי אין א צאָל אנדערע ווערק, שילדערט אַש אין זיין באַרימטן ראָמאן "קידוש-השם", דעם ייד׳ס דערהויבנקייט אין דער קדושה פון שבת־

"אשת חיל מי ימצא — צעזינגט זיך מענדל. דאָס זינגט ער איצט א סערענאדע צו דער געטלעכער כלה שבת. ער זינגט צו דער גרויסער הייליקייט און ריינקייט מיט וועלכער זי באשענקט די אלע וואָס זענען פארליבט אין איר. דאָס איז א לויב צו דער גרויסער ליבע וואָס זיינע אבות-אבותינו ביזן לעצטן דור, וועלן פילן צו דער אייביקער כלה שבת. א מזמור-געזאנג צו זיין מלכה

שבת, וואָס דורך איר ווערט זיין לעבן פאַרוואַנדלט אין א גרויס הימליש גליק.
און ווייטער:

"וואָס זשע גייען אים איצט אָן די שכנים מיט די פּאַנעס, מיט זייער קראַפּט און הערשאַפט, קעגן דער אייביקייט פון זיין ליבע צו דער געטלעכער כלה שבת."

צו אזעלכע שבת'דיקע הייליקע יידן מעגן קומען אלע פּאַנעס און פּריצים פון גאַנץ פּוילן נאָך סחורות און בראַנפן. דער ייד האָט בלויז איין שטאָלצן ענטפער:

— היינט איז שבת איבער דער וועלט.

אים שרעקן ניט קיינע שמיץ און אנדערע ענויים, היינט איז שבת!

זאָל דער פּריץ זידלען דעם "פאַרשאָלטענעם ייד", אז דערפאַר וואָס ער האלט שבת "דאַרף גאַנץ פּוילן בלייבן אָן בראַנפן און אָן סחורות".

שבת פילט זיך דער ייד אזוי דערהויבן, אז ער קען מבטל זיין די רשעות'דיקע זידלערייען פון עפּעס א גוי, וועלכער איז ניט מסוגל צו דערפילן די גרויסקייט פון שבת אויף דער וועלט...

איז דאָס ראָמאַנטיק? איז דאָס א לעבן פון „גוטע אלטע צייטן", אדער איז דאָס א בענקשאַפט צו פאַרלוירענע שיינקייטן? ניין, דאָס וואָס עס דאכט זיך אונדז אויס, אז ס'זענען ראָמאַנטישע שטימונגען, האָט דורך אש'ן זיך אנטפּלעקט ווי רעאַלע ווירקלעכקייט. אזוי דערהויבן האָבן ווירקלעך געלעבט יידן זינט הונדערטער יאָרן אויף פּוילישער ערד.

זינט צענדליקער דורות האָבן זיך געשפּונען די פעדעם פון יידישן לעבן אויף פּוילישער ערד. דאָ האָט זיך אויסגעוועבט א פּיל פאַרביקער, אייגנאַרטיק-אָרנאַמענטירטער שטייגער פון א יידיש-פּוילישער קאָ-עקזיסטענץ, וואָס האָט פאַרקריצט טיפע סימנים אינעם געמיט און כאַראַקטער

* * *

פון ביידע פעלקערשאַפטן.

אין שרעק אנטרונענע פון קרייץ-צוגן, פאַרטריבענע און באַגזל'טע דורך רויבערישע הערשער פון צענטראַל און מערב-אייראָפּע, האָבן יידישע פּליטים פון 10-טן ביזן 14-טן יאָרהונדערט געשטראָמט קיין פּוילן.

טראַגישער דואַליזם

און אַ לעגענדע דערציילט, אַז קומענדיק אויף פוילישער ערד האָבן ייִדן געהערט אַ בת-קול פון הימל וואָס האָט צו זיי געזאָגט:

— "פה-לין", דאָ בלייב נעכטיקן!... אזוי איז פוילן, נאָך בבל, געוואָרן די בליענדיקסטע אכסניה פון ייִדן אין גלות.

אין פוילן איז, נאָך בבל, אַנטשטאַנען דער גרעסטער צענטער פון תורה. פוילן איז דאָס לאַנד, וואו דערציאונג און תורה איז דעמאָקראַטי־זירט געוואָרן און פאַרבליבן דער קנין פון גרויסן מאסן. אין פוילן איז אויפגעקומען די איינציקאַרטיקע אָרגאַניזאַציע פון ייִדישן לעבן אין גלות — די קהילה, און איר צענטראַלער אָרגאַן — דער ועד ארבע הארצות, די אויטאָנאָמע זעלבסט-פאַרוואַלטונג מיט אייגענע, אָפיציעל אַנערקענטע גע־ריכטן און בתי דינים. צו די דאָזיקע געריכטן האָבן אפילו זיך געווענדעט גוים, וויסנדיק אַז אין ייִדישן בית-דין וועלן זיי געפינען מער גערעכטי־קייט ווי אין די אַלגעמיין-מלוכה׳שע געריכטן.

דער באַזונדערער און ספּעציפישער אופן פון דעם ייִד׳ס אינדיווי־דועלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, מיט אַלע זיינע מנהגים און רעליגיעזע איסורים, האָט זיך אין פוילן איינגעבירגערט פאַר די אויגן פון דער קריסט־לעך-פוילישער באַפעלקערונג.

אויך אין פוילן, ווי אין אַנדערע גלות׳ן, האָבן ייִדן צייטנווייז געליטן פיין און יסורים. אין זייער רעליגיעזער שנאה, האָבן יעזואיטישע גלחים, דורך אָפטע בילבולים, געפונען אַ גוטן באָדן אויפצורייצן קעגן ייִדן דעם שטאָטישן קריסטלעכן המון, די אזוי גערופענע מיעשטשאַנעס, וועלכע האָבן אין ייִדישן בעל-מלאכה און סוחר געזען אַ געפערלעכן קאָנקורענט, און גע־זוכט פון אים פּטור צו ווערן דורך אָנפאַלן און בילבולים.

אויך די שליאַכטע האָט, פון צייט צו צייט, באַקעמפט די ייִדן, מחמת ייִדן האָבן קאָנקורירט מיט שליאַכטשיצעס ביים אַרענדירן מלוכה׳שע מאָ־נאָפּאָלן און שטייערן.

בדרך כלל אָבער, האָבן די פוילישע שליאַכטע און די פוילישע קעניגן געשטיצט די ייִדן. אגב, איז דער פוילישער קעניג, סטעפאַן באַטאָרי, דער איינציקער קריסטלעכער קעניג אין דער וועלט, וואָס האָט געדראָט מיט טויט-שטראָף פאַר באַלעסטיקן ייִדן מיטן עקלדיקן בלוט-בילבול.

אזוי האָט זיך געשלענגלט ייִדיש לעבן אין פוילן, און אזוי צווישן

שטורעמדיקע אויפרייצונגען און שטילער שכנה׳שאפט, האָבן זיך איינ־געשטעלט אומבאדינגטע טראדיציעס פון געמיינזאמען צוזאמענלעבן.

יידן זענען, זינט די עלטסטע צייטן, אריינגעוואקסן געוואָרן אין דער פוילישער ערד און אין איר געשיכטע.

געמיינזאמע יידיש־פוילישע לעגענדעס וויסן צו דערציילן וועגן יידן. פוילישע מלכים און מלכות. מיט איינעם פון זיי, מיט דעם לעגענדארן דריי־טאָגיקן יידישן קעניג פון פוילן, אברהם פראַכאָווניק, איז, אגב, פארבונדן די לעגענדארע אנטשטייאונג פון דער אידעאלער און באליבטסטער פויליש־קריסטלעכער מלכים־דינאסטיע — די פיאסט־דינאסטיע.

אן איינציקארטיקע דערשיינונג אין לאנגן גלות איז דער יידישער מיליטערישער אָנטייל אין פוילנס קאמף פאר אומאָפּהענגיקייט, ניט ווי יחידים אין פוילישע קאמפס־פאָרמאציעס נאָר ווי א נאציאָנאל־יידישער קאָלעקטיוו, אין יידישע פאָרמאציעס און אונטער יידישער פאָן. אזעלכע זענען געווען דער יידישער פולק אונטער דער קאמאנדא פון בערעק יאָסע־לעוויטש און די בארימטע ווארשעווער יידישע גווארדיע. די גווארדיע איז געווען א פרייוויליקע פאטריאָטישע קאמפס־גרופּע וואָס האָט זיך פאָרמירט פון פרומע יידן, וועלכע זענען ניט געגאנגען אין די אלגעמיינע פרייוויליקע מיליטערישע איינהייטן, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט אָפּשניידן באָרד און פאות. אָט די דאָזיקע פרומע גווארדיע האָט זיך בארימט געמאכט מיט איר העלדישן קאמף ביים פארטיידיקן ווארשע קעגן די האָרדעס רוסישע קאָ־זאקן. אין א שפּעטערער תקופה איז דער בארימטער ווארשעווער און קראָ־קעווער רב, דוב בעריש מייזעלס געווען איינער פון די וויכטיקסטע מענ־טשן פון פוילישן אויפשטאנד קעגן די אונטערדריקער.

קעגנזייטיקע השפעות פון שכנה׳שאפט, האָבן אמאָל אפילו דערפירט צו א באוועגונג פון אידעאליזירן א געמיינזאמען פויליש־יידישן מיסטי־ציזם. אין דער דאָזיקער באוועגונג האָבן געשפּילט די וויכטיקסטע ראָלעס אזעלכע הויכע גייסטער ווי דער גרעסטער פוילישער פּאָעט אדאם מיצ־קעוויטש, און דער פוילישער דענקער טוביאנסקי פון איין זייט, און דער מקובל ר׳ יונתן אייבעשיץ פון דער צווייטער זייט.

דאָס לאנגיעריקע שכנה׳שאפט האָט אויך געפונען אָפּקלאנג אין דער קלאסישער און נעאָ־קלאסישער פוילישער ליטעראטור.

די פוילישע ליטעראטור האָט ניט אויסגעמיטן קיין יידישע געשטאל־

טן, און אויף דער פּאַן פון דער פּוילישער לאַנדשאַפט ווערן יידן געשיל-דערט אין מער אָדער ווייניקער סימפּאַטישע פאַרבן. געניג צו דערמאָנען דעם יידישן העלד, יאַנקל צימבאַליסט אין מאַקסימאַלן ווערק פון דער פּוי-לישער ליטעראַטור אין מיצקעוויטשעס "פּאַן-טאַדעאוש", און די יידישע פיגורן ביי עליזאַ אָרזשעשקאָ. אין דער נעאָ-קלאַסישער תקופה איז כדאי צו דערמאָנען טייל סימפּאַטישע געשטאַלטן ביי די שרייבער וויספּיאַנסקי און זשעראָמסקי.

*

* *

אונטער אַזעלכע קעגנזייטיקע באַציאונגען און השפעות אין פּוילישן גלות, זענען יידן געוואָרן אויף פּוילישער ערד אַן אייגנאַרטיק פאָלק מיט אַ ספּעציפישן חן פון אינעווייניקסטער, נשמה'דיקער עשירות.

דער ייד אויף פּוילישער ערד האָט זיך קיינמאָל ניט באַהאַלטן מיט זיין נוסח און שטייגער. ער האָט ניט געלעבט ווי אַ גאַסט ביי יענעם אין הויז, וואו מ'דאַרף תמיד געדענקען די דרכים און פירונגען פון באַלעבאָס. יידן האָבן אין פּוילן געלעבט ווי אינדערהיים; אויף אַ היימישן אופן זיך געפירט אין גאַס ווי אין שטוב, פאַר קיינעם, און מיט גאָרניט זיך באַ-האַלטן.

אַ יידישער, שבת'דיק בהרחבה'דיקער גאַנג פון דאַוונען אָנגעטאָן איז טליתים — ווייל מ'האָט ניט געטאָרט טראָגן אום שבת — איז ניט געווען קיין עקזאָטיש בילד אין פּוילישע שטעט און שטעטלעך. דאָס איז שוין גע-ווען אַן אָרגאַנישער שטייגער אין דער אַלגעמיין פּוילישער פּאַנאָראַמע.

אַ שמחת-תורה'דיקער טאַנץ איז די גאַסן איז געווען אַזוי נאַטירלעך ווי, להבדיל אַ קריסטלעכע פּראָצעסיע... אין פּוילן האָבן יידן ברוב-עם, אין די גאַסן מקבל-פּנים געווען אַ נייעם רב אָדער חסידיש-רביישע געסט, מיט ספרי תורות און מיט גרעסערן טומל און התלהבות, ווי, די פּאָליאַקן האָבן אויפגענומען זייערע העכערע גייסטלעכע.

אין פּוילן זענען יידן געווען אַן אינטעגראַלער טייל פון דער אַלגע-מיין-פּוילישער לאַנדשאַפט, סיי אין דער גרויסער שטאָט סיי אין שטעטל. אפילו אין פּויליש-קריסטלעכן דאָרף איז דער יידישער שמיד, סטעלמאַך,

ט ר א ג י ש ע ר ד ו אַ ל י ז ם

קרעטשמער און פאכטער געווען אן אָרגאַנישער טייל פון דער דאָרפס-דע־קאָראַציע און פון דאָרפישן סאָציאַלן שטייגער.

אי ן אָ ט ד ע ר י י ד י ש - פּ ו י ל י ש ע ר פּ אַ נ אָ - ר אַ מ ע ל י ג ט אפ ש ר ד ע ר מ ק ו ר פ ו ן ד ע ם ו ו אָ ס ב י י אַ ש ׳ ן , ד ע ם פּ ו י ל י ש - י י ד י ש ן ד י כ - ט ע ר פ אַ ר ע ק ס ע ל אַ נ ס , ט ר ע פ ט מ ע ן א י ן י ע - ד ע ר ג ר ע ס ע ר ע ר ש י ל ד ע ר ו נ ג פ ו ן י י ד י ש ן ל ע ב ן ד ע ם ב אַ ק אַ נ ט ן פּ אַ ר אַ ל ע ל י ז ם פ ו ן י י ד י ש ק י י ט א ו ן ק ר י ס ט ל ע כ ק י י ט .

*

* *

שוין די צווייטע אָדער דריטע דערציילונג פון אַשס פעדער באַשעפ־טיקט זיך מיטן געמיינזאַמען צוזאַמענלעבן פון יידן און פּאָליאַקן. דאָרטן שילדערט אַש צוויי שכנות, אַ יידישע און אַ קריסטלעכע, וואָס האָבן, יאָרנ־לאַנג געוואוינט אין צוויי דירות אונטער איין דאַך. אַז אין דער יידענעס שטיבל האָט אָנגעהויבן אַריינצוזעגנען, האָט זי גענומען איר קעסטל, אין וועלכן זי האָט געהאַט באַהאַלטן אירע תכריכים, און וואָס האָט איר גלייכ־צייטיק געדינט פאַר אַ טישל, גענומען די תחינה און די שבת׳דיקע לייכ־טערלעך און זיך אַריבערגעקליבן אין אַ ווינקעלע צו דער קריסטלעכער שכנה.

וואָלט אַלץ גוט און מענטשלעך געווען. ווען ניט די געטער... די יידישע שכנה קען ניט פאַרטראָגן וואָס אַקוראַט ווען זי לייענט די תחינה אין איר ווינקל, נעמט די קריסטלעכע שכנה גראָד תפילה טאָן צום הייליקן בילד וואָס הענגט אין אַנדערן ווינקל. דער גויע ווידער פאַרדריסט, הלמאַי די יידישע שכנה „פאַריידישט״ איר קריסטלעכע היים מיטן יידישן גע־בעט...

פרייטיק-צו-נאַכטס, צום ליכט-בענטשן זוכט די יידישקע מיט אַלע מיטלען צו שיצן די הייליקע שבת-ליכט, עס זאָל אויף זיי, חלילה, ניט פאַלן קיין אָפּשיין פונעם נר-תמיד ביים קריסטלעך-הייליקן בילד, און די קריסטין קען ניט פאַרליידן, הלמאַי דער שיין פון די שבת-ליכט אין יידישן ווינקל, פאַלט צוזאַמען און מישט זיך אויס מיטן ליכט פון נר-תמיד אין קריסטלעכן ווינקל.

טראגישער דואַליזם

נאָר אָט פארבעט די יידענע דער קריסטלעכער שכנה צו די שבת'-דיקע פיש. זיצן ביידע שכנות ביים יידישן טיש, און קליבנדיק די ביינדלעך פון די פיש רעדן זיי וועגן זייערע זין, וואָס זענען צוזאַמען אנטלאָפן קיין אמעריקע, קוקן אויף זייערע פאָטאָגראַפיעס, און מידע דרימלען ביידע איין ביים טיש.

און זייערע, אויפן טיש צונויפגעפאַרטע קעפּ, ווערן צוזאמען באלויכטן מיטן אויסגעמישטן שיין פון די הייליקע שבת-ליכט און פון נר-תמיד ביים הייליקן קריסטלעכן בילד...

זינט זיינע ערשטע שריט אין דער ליטעראטור, קען זיך שלום אש ניט באפרייען פונעם קריסטלעך-יידישן צוזאמענזיין אויף פוילישער ערד און ניט פונעם קריג צווישן ביידע געטער.

שווער צו געפינען ביי אשן ווערק פון היימיש-פוילישער סביבה אין וועלכע ער זאָל ניט ארויסברענגען די ניואנסן-פארבן פון די צוויי פעלקערשאפטן אין פוילישן לאנד.

צווישן דער גרויסער צאָל ראָמאנען פון נאציאנאל אומפאסנדיקן פארנעם, האָט אש דערגרייכט דעם נאציאָנאלן הויכפונקט אין זיין בארימטן ווערק "דער תהילים יידי".

אין דאָזיקן ווערק קומט צום אויסדרוק דאָס סאָציאל-עטישע און נאציאנאל-העראָאישע פון יידישן לעבן. ביידע עלעמענטן זענען דאָ פאראייניקט אין איין קוואל פון נאציאָנאלער באגייסטערונג, וואָס דערגרייכט צום העכסטן פאטאָס דורך דער מסירת-נפש'דיקער אהבת-ישראל פון תהילים-יידי.

אש אליין זאָגט עדות, אז אין תהילים-ייד האט ער געוואָלט אויפדעקן דאס מאָראלישע שיינקייט פון אונדזער לעבן. און געוואָלט האָט ער אינספּירירן דעם יינגערן דור מיט דאָס אידעאַלע און דערהויבענע וואָס האָט אים אינספּירירט און באגייסטערט שרייבנדיק דעם "תהילים-ייד".

וואונדערלעך, פשוט און נאָענט איז דער גאָט-געפיל פון יחיאלן דעם תהילים-ייד. א גאָט וואָס איז פאראן אומעטום און צו יעדער צייט. א פשוט'ער גאָט אָן פרוזדורס, אָן שווערע תורות, נאר א קאפּיטל תהילים — און ביסט שוין לעבן אים און ער איז שוין לעבן דיר... יעדער פשוט'ער ייד וואָס קען נאָר אָפּפּרעפּלען א קאפּיטל תהילים קען זיך דאָך צו גאָט אויפ-

טראגישער דואַליזם

הייבן און זיין צוזאמען מיט אים בכפיפה אחת. "ביי יחיאלס טיש — זאגט אש — זאָט מען גאָט ניט געזוכט, מ'האָט אים געהאַט".

אין א צווייטן שמועס וועגן דאַזיקן גרויסן ווערק, האָט שלום אש דערקלערט:

„איך האָב פארטראכט צו געבן ניט בלויז דעם קידוש-השם פון לעבעדיקן יידישן מענטש, נאָר דעם קידוש-השם פון דער יידישער אידייע, פונעם יידישן גייסט ווי ער איז פארקערפערט געוואָרן אינעם לעבעדיקן יידישן לעבן; פונעם לעבן, וואָס טראָגט אין זיין וואכעדיקן אינהאלט, אין זייןווירקלעכקייט די יידישע מאָראל, די יידישע אינערלעך-גייסטיקע וועלט אין אירע אויסער-לעכע פאָרמען. איך בין, זעלבסטפארשטענדלעך געגאנגען צום פוילישן יידנטום אויפגעגנומען זיין אייגנאַרטיק לעבן פון דורות, ווייל דאָס לעבן איז מיר נאָענט, עס ליגט אין מיין בלוט."

אפילו אינעם דאָזיקן עכט-יידישן ווערק, האָט שלום אש אריינגעפירט פיגורן פון דער פויליש-קריסטלעכער וועלט. אויך דאָ ווערן צונויפגעבראַכט יידישע און פויליש-מיסטישע ניואַנסן צוזאמען מיטן גאנצן קאָמפּלעקס פונעם קאמף צווישן די געטער.

אין זיינע יונגע יאָרן, האָט שלום אש פארבראכט אין דער לופט פון חסידישע בתי-מדרשים וואו — לויט זיין אייגענעם אויסדרוק — דער מיס-טישער זוהר איז געשטאַנען העכער פונעם שכל'דיקן רמב"ם און צו דער זעלביקער צייט איז אים אויסגעקומען צו זיין אין פוילישן דאָרף און זיך גוט צוקוקן צום הארטן, און דאָך פארבענקטן לעבן פון פוילישן קריסטלעכן פויער.

ביידע ספערעס האָבן געלאָזט טיפע שפורן אין דער נשמה פון יונגע דיכטער, און אָנגעפילט זיין געמיט מיט פיינלעכע ספקות.

אש האָט אמאָל דערציילט ווי ער פלעגט דאַווענען פרום און הייס, און

טראַגישער דואַליזם

אַפּט פלעגט ער צו די תפילות פון סידור צוגעבן זיין אייגן געבעט אויף פּראָסט יידיש:

"גאָט, העלף מיר, שלומ'ען פון קוטנא, אז איך זאָל קענען בייקומען מיינע ספקות און ניט אַפּווייכן פון גלייכן וועג"...

עס איז אָבער יאָ געשען אז א טייל פון אַשס שאַפן פאר די לעצטע יאָרן, האָבן ארויסגערופן פאַרדרוסן אין הייס-בלוטיקע דיסקוסיעס. ווילן מיר זיך איצט ניט פונאַנדערקלייבן אינעם רעכט אָדער אומרעכט פון די פּלוגתות ארום אַשס שאַפן. מסתמא זענען פאַראַן טענות גערעכטע, און אויך א היבש ביסל קנאת-סופרים. מיר ווילן בלויז אויפמערקזאַם מאַכן אויף דער צעטיילטקייט פון אַש'ס נשמה מיט וועלכן ער האָט זיך זיין לעבנלאַנג טראַגיש געראַנגלט. אַש פלעגט זייער אָפט רעדן וועגן דואַליזם און זיינע ראַנגלענישן.

אין תוך איז יעדער גרויסער קינסטלער א טראַגישע פיגור. דער קינסטלערישער דראַנג איבערצוגעבן אומיטלבאַר זיינע שפּירונגען, און די מורא אז אונטערן דרוק פון געפילן און אינספּיראַציעס קען ער אָפּווייכן אויף זייטיקע וועגן, שאַפן טראַגישע קאָנפליקטן אינעם קינסטלערס געמיט.

אַש איז געווען א דיכטער פון אַזא פאַרנעם, וואָס האָט ניט געקענט צוימען זיין אינערלעך-צעשטורעמטן געמיט; שלום אַש האָט געמוזט געבן אומיטלבאַרן אויסדרוק זיין קינסטלעריש-שאַרפע סענסיביליטעט.

און די שאַרפסטע פילבאַרקייט פון וועלכער שלום אַש האָט זיך קיינמאָל ניט באַפרייט איז געווען די פּוילישע לאַנדשאַפט, דאָס "פייכטע פּויליש דאָרף" פונוואַנען ס'שטאַמט זיין מוטער און "די טרוקענע פּוילישע פעלדער אין רייפע גערטענער" פון וועלכע ס'קומט זיין פאָטער.

שלום אַשס ראָמאַנען, אפילו אַזעלכע, וואָס זייער מיליע איז ווייט — אין צייט און אין רוים — פון פּוילן, זענען דורכגעזאַפּט מיט דער אַטמאָספער פון פּויליש-חסידישן בית-המדרש און פון קריסטלעך-פּוילישן פּויערים-דאָרף.

דער יידישער און קריסטלעכער מענטש אויף פּוילישער ערד, מיט זיינע דעאַלע און אויסגעחלומטע וועלטן, האָבן אַשן געדינט אלס שטאָף, פון

וועלכן ער האָט געפּאַרמט זיין גאלעריע פיגורן, טיפן און כאראקטערן, ניט נאָר פויליש-יידישע, דאָס איז א גאלעריע וואָס גרייכט אין די טויזנטער.

נאָר ארויסגייענדיק פון אָט דעם קוק-ווינקל וועגן אשס השפעות און קינסטלערישע ראנגלענישן, וועט אונדז לייכטער זיין צו פארשטיין זיינע, צומאָל פארדריסלעכע טעותים. פארשטיין און — מוחל-זיין.

★

דיכטער, ייד, חבר

אויף דער גרענעץ צווישן זיין קינדהייט און פריער יוגנט, האָט פינ-סקין באַגעגנט איינע פון די שטורעמדיקסטע עפּאָכעס פון יידישן לעבן אין אַמאָליקן יידיש-רוסישן תחום-המושב און אויסער אים.

ביז יענער צייט, ביז די פּאָגראָמען פון די אכציקער יאָרן, איז נאָך דער אידעאַל פון "השכלה", פון כלומרשטער אייראָפּייאישער בילדונג און אויפגעקלערטקייט געווען דער אני-מאמין ביים דינעם שיכט פון דער דענקענדיקער יידישער אינטעליגענץ; דער איינציקער בעסטער מיטל צו גלייכבארעכטיקונג און אַלגעמיינע אינטעגראַציע מיטן גוישן ארום.

אָבער די פּאָגראָמען פון די אכציקער יאָרן און דער גירוש פון מאָסקווע האָבן פּריטשמעלעט און געגעבן א טויט-קלאַפּ דעם משכילישן גלויבן; די אייראָפּייאיש-געבילדעטע יידישע אינטעליגענץ האָט גענומען זיך אויסטשוכען פון משכיליש-אסימילאַטאָרישן חלום.

אין יענע יאָרן האָבן אויפן ברייטן שטח פון צאַרישן רוסלאַנד אָנ-געהויבן פערמענטירן נייע געזעלשאַפטלעכע און רעוואָלוציאָנערע כוחות. ס'איז געווען דער אָנהויב פון אינדוסטריעלער אנטוויקלונג און פון קאַ-פּיטאַליסטישן אויפשטייג. אָבער גלייכצייטיק מיט דער דאָזיקער אנטוויק-לונג, זענען אויך אויפגעקומען מעכטיקע פּראָלעטאַריש-סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע כוחות.

אונטער דער השפעה פון ציוויליזירטן דעמאָקראַטישן מערב-אייראָ-

פע, האָט דאָס רוסיש-ליבעראַלע בירגערטום אָנגעהויבן באַקעמפן די צאַ-ריש-אַבסאָלוטיסטישע הערשאַפט, און אַלץ דרייסטער אַרויסגערוקט קאָנ-סטיטוציאָנאַלע פאָדערונגען.

די טערריטאָריעלע פעלקערשאַפטן ווי פּוילן, לעטלאַנד און אַפילו אוקראַינע האָבן געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף פאַר זייער נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט, און די קלענערע פעלקערשאַפטן פון דער ריזיקער אימ-פּעריע, האָבן ענערגיש אַרויסגערוקט זייערע פאָדערונגען פאַר נאַציאָנאַ-לער אויטאָנאָמיע.

דעם פערמענט און מעכטיקן כח אין די אַלע נאַציאָנאַלע קאַמפּפן האָבן געבילדעט דוקא די כסדר וואַקסנדיקע אַרבעטער און סאָציאַליסטישע באַוועגונגען.

די אָפטע טעראָריסטישע אַקטן מצד דער רעוואָלוציאָנערער „נאַ-ראָדנאַיאַ וואָליאַ„ האָבן געמאַכט ציטערן די הערשאַפט פון די סאַטראַפּן און אויפגעטרייסלט דאָס עפנטלעכע לעבן פון דער ריזיקער אימפּעריע. די עפנטלעכע פּראָצעסן קעגן די רעוואָלוציאָנערן האָבן דעמאַסקירט דאָס צעשראָקענע, רעאַקציאָנער-צעפוילטע פּנים פון דער סאַטראַפּיע, און די טויט-אורטיילן, אייביקע קאַטאָרגעס און שליסלבורגער פעסטונג, האָבן נאָכמער פאַרהאַסט די הערשנדיקע מאַכט אין הארץ פון די פעלקער אין גרויסן רוסלאַנד.

די דאָזיקע שטורעמדיקע צייט, האָט נאַטירלעך ניט געלאָזן אָן השפעה דאָס יידישע לעבן אין רוסישן תחום-המושב. די אַלע אַלגעמיינע אויפטרייסלונגען האָבן פאַראורזאַכט אַ ראַדיקאַלן שנוי אינעם צוגאַנג צום יידישן פּראָבלעם.

די משכילישע תרופה — אינטעגראַציע אינעם אַלגעמיינעם אַרום דורכן פאַרוואַרפן דעם טראַדיציאָנעלן יידישן דעקוויזיט, איז אַדורכגע-פאַלן, און צווישן יידן האָבן, לויטן ביישפּיל פון אַנדערע פעלקערשאַפטן, אויך זיך אָנגעהויבן אויספּיקן בולטע סימנים פון אַ נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן באַוואוסטזיין. ס'האָבן זיך דאַמאָלסט אָנגעהויבן די נאַציאָנאַלע "בילו" און "חיבת ציון" באַוועגונגען פון איין זייט, דער אוטאָפּיש-סאָציאַליסטי-שער "עם עולם" און די סאָציאַליסטישע אַרבעטער באַוועגונגען פון דער צווייטער זייט. נייע אידייאישע שטרעמונגען האָבן באַהערשט די יידישע גאַס. אָנשטאָט די ביז איצט געפּרעדיקטע משכילישע אינדיווידועלע עמאַנ

ציפאציע, איז אויפגעקומען דער געדאנק פון פאָלקישער נאציאָנאלער אױ־טאָ־עמאנציפאציע. און אָנשטאָט "פראוועס" בירגערלעכע רעכטן פאַרן פרייז פון יידיש נאציאָנאלער ליקווידאציע, איז ארויסגערוקט געוואָרן די אידייע פון נאציאָנאלער גלייכבארעכטיקונג אויפן יסוד פון א דורותדי־קער אייגנארטיקער יידישער קולטור. די דאָזיקע אידייע איז שפּעטער פאָרמולירט געוואָרן דורך די סאָציאַליסטישע פאַרטייען ווי א נאציאָנאל־קולטורעלע אָדער פערסאָנאלע אויטאָנאָמיע אין די ראמען פון אלגעמיי־נעם מיעוטים-רעכט פאר די פעלקערשאפן אין רוסלאנד.

אָט־אָ די שטורעמדיקע תקופה האָט עס פינסקין באגעגנט אין זיין פריער יוגנט; פון אָט דעם שטורעמדיקן ווירוואר פון אידייען און באוועגונגען האָט זיך ביי פינסקין ארויסגעהעלט דער קאמף און די סאָציאַליסטישע דערוואכונג פון יידישן ארבעטער, אין וועמען ער האָט מיט רעכט דערזען דעם אוואנגארד פון קאמף פאר די רעכט פון די אונטערדריקטע יידישע מאסן, און די גאראנטיע פאר זייער נאציאָנאל-קולטורעלן קיום. די לאָגישע הנחה איז געווען: אויב ביי אלע אנדערע אונטערדריקטע פעלקער זענען די ארבעטער די הויפּט-קעמפער פאר נאציאָנאלער באפרייאונג — פארוואָס-זשע זאָל ביי יידן אנדערש זיין?

און צום ערשטן מאָל ווערט דורך דוד פינסקין אריינגעבראכט אין דער יידישער יונגער בעלעטריסטיק, א נייער העלד, א נייער פיגור — דער יידישער לוין-ארבעטער, דער פּראָלעטאריער, דער קעמפער פאר זיין מענטשלעכער רעכט.

מיט פינסקיס דערשיינען הערן זיך צום ערשטן מאָל אין דער יידי־שער ליטעראטור ניט קיין טענער פון קלאג און באדויער פון ארבעטערס טרויעריקער דאליע, נאָר טענער פון ארבעטערס רעוואָלט קעגן זיינע ליידן, קלאנגען פון בונט קעגן אומרעכט און קעגן עקזיסטירנדן סדר.

אזוי ארום, ווערט פינסקי מיט רעכט באטראכט ווי דער ערשטער פּראָלעטארישער שרייבער, ווי דער פּיאָנער פון דער קינסטלערישער פּראָלעטארישער דערציילונג אין דער יידישער ליטעראטור פון אמאָליקן רוס־לאנד.

ווי געזאָגט, איז דער אידעאל פון השכלה, בעת פינסקיס אָנקום, שוין געווען טויט אלס אן אני מאמין, אָבער ווי א ליטערארישער מעטאָד האָט די השכלה נאָך געלעבט אירע לעצטע טעג.

פון אָט דעם משכילישן מעטאַד און שטייגער איז פינסקי ביי זיינע ערשטע שריט, ניט פריי געווען. זיינע ערשטע דערציילונגען זענען אויפ־קלערעריש כמעט ווי די פריערדיקע משכילישע בעלעטריסטיק, אָבער שוין א סאָציאַליסטיש־אויפקלערערישע; פינסקי איז אין זיינע ערשטע דערציילונגען — לויט ניגערס דעפיניציע — א סאָציאַליסטישער משכיל. פינסקי איז אָבער ביי זיינע ערשטע שריט ניט געבליבן.

בשעת דוד פינסקי האָט אָנגעהויבן, איז נאָך ביי יידן ניט געווען קיין ציל־באַוואוסטע יידישע אַרבעטער באַוועגונג. אָבער דער דיכטער האָט שוין דעמאָלט דערפילט דעם אַנוואַקסנדיקן צאָרן פון אַרבעטס־מענטש און די געפילן פון מרידה, וואָס נעסטיקן אין זיין וועזן. און ווען עס קו־מען אויף די ערשטע סימנים פון א יידיש־סאָציאַליסטישער אַרבעטער באַ־וועגונג, בלייבט ניט פינסקי דער אייפקלערער, דער וועג־ווייזער פאַר אַנ־דערע, פינסקי הויבט אָן אַליין מיטגיין, מיטקלעטערן דעם שווערן באַרג־אַרויף פון יידישן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן ווידערגעבורט — ער דערנענ־טערט זיך צום "בונד", דעמאָלט די ערשטע און איינציקע יידיש־סאָציא־ליסטישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע.

די נאָענטקייט צום דעמאָלטיקן "בונד" האָט אפשר אין פינסקין באַפרידיקט דעם סאָציאַליסט, אָבער ניט דעם נאַציאָנאַל־פילנדיקן ייד. די נייע כוואַליע פון פּאָגראָמען שטורעמען אויף פינסקיס נאַציאָנאַלן געמיט; צו יענעם פעריאָד געהערט זיין פּאָגראָם־דראַמע — "די פאַמיליע צבי".

אין דער דאָזיקער דראַמע ברענגט פינסקי צום אויסדרוק די אכזו־ריותדיקע אומנאָרמאַלקייט פון דער יידישער נאַציאָנאַלער ווירקלעכקייט, און די שטימונגען פון אַנטוישונג און חרטה פון א גאַנצן דור. צום ערשטן מאָל אין דער יידישער ליטעראַטור, ווערט אין דער דאָזיקער דראַמע אַרויסגעברענגט קלאָרע און דרייסטע פאָרמולירונגען וועגן נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט אין אן אייגענער מדינה. צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקט זיך אין א ליטעראַריש־קינסטלערישער פאָרם, די וויזיע פון א סאָציאַליס־טישן אידעאַל אין די ראַמען פון א זעלבסטשטענדיקן נאַציאָנאַלן אויפקום אין אן אייגענעם שטאַט. פינסקי איז, בכן, געווען דער ערשטער קינסט־לערישער וויזיאָנער פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם — פון שפּעטערדיקן

פועלי-ציוניזם, מיט וועלכער ער האָט זיך נאָכדעם פארבונדן און געטריי געבליבן זיין גאנצן לאנגן און שעפערישן לעבן.

אין יאָר 1899 האָט פינסקי זיך באזעצט אין אמעריקע און הגם ער האָט זייער יונג, צו 27 יאָר שוין עמיגרירט, דאָך איז פאראן א סך צו דערציילן וועגן זיינע טילטולים און גלגולים וואָס אים איז אויסגעקומען דורכצומאכן אין אייראָפּע. פון דעם דאָזיקן פעריאָד איז אמוויכטיקסטן פינסקיס באָענטע מיטארבעט מיט פּרץ'ן, מיט וועמען ער האָט זיך באַגעגנט אלט זייענדיק 20 יאָר, און באלד, צוזאמען מיט פּרץ'ן, אָנגעהויבן ארויסצוגעבן אין ווארשע די בארימט-געוואָרענע "יום טוב בלעטער".

די דאָזיקע "יום-טוב בלעטער" האָבן געשפּילט אן עפּאָכע-מאכנדיקע ראָל אינעם בראשית'דיקן רענעסאַנס פון דער מאסנקולטור אויף יידיש. אויף די "יום-טוב בלעטלעך" זענען ליטעראריש אינסטרואירט געוואָרן טויזנטער יידישע ארבעטער און פאָלקס-מענטשן. אויף זיי, אויף די "בלעטער", האָבן זיך מאסן דערצויגן אויפצונעמען און באוואוסטזיניק צו באַהאנדלען נאציאָנאַלע און אלגעמיינע סאָציאַל-פּאָליטישע פּראָבלעמען.

צו יענער תקופה דארף מען אויך צורעכענען פינסקיס עיקר'דיקע ראָל ביים אויפשטעלן די אזוי-גערופענע "זשארגאָנישע קאָמיטעטן" וועלכע האָבן געדינט סיי ווי בילדונגס און קולטור-קרייזן אויף יידיש, און סיי ווי קאָמפּלירטע יאטשייקעס, באהאלטענע קעמערלעך, פאר רעוואָלוציאָנעדער טעטיקייט. די "יום-טוב בלעטלעך" און די זשארגאָנישע קאָמיטעטן האָבן ביי ארבעטער און יוגנט אויפגעפלאקערט דעם אידעאליזם, געדעגט דערהויבענע אספּיראציעס לטובת דעם אייגענעם יידישן פאָלק און לטובת דער גאנצער ליידנדיקער מענטשהייט. אין די דאָזיקע "זשארגאָנישע קאָמיטעטן" האָבן זיך געפאָרעמט די שפּעטערדיקע סאָציאַליסטישע ארבעטער פּארטייען, וועלכע זענען געוואָרן די שטאָלצע פאָנען-טרעגער פון דער מאָדערנער יידישער קולטור, די אקטיווסטע פארקעמפער פאר די נאציאָנאַלע רעכט פון דער יידישער מינדערהייט, און פאר דער עפנטלעכער מלוכישער אנערקענונג פון דער יידישער שפּראך און קולטור אין די לענדער פון מזרח-אייראָפּע וואו יידן האָבן, ביז היטלער'ן ימ"ש, געלעבט

אין קאָמפּאַקטע מאסן און אָנגעהאלטן אַן אייגנאַרטיקן נאַציאָנאַלן לעבנס-שטייגער.

* * *

ווען דער 27-יאָריקער דוד פּינסקי, איז אין יאָר 1899 געקומען קיין אמעריקע האָט ער שוין מיטגעפירט מיט זיך שריפטשטעלערישן באגאזש און א גאנץ אָנגעזעענעם סך-הכל פון סאָציאַליסטישער קולטור-אקטיוויטעט. אגב איז פּינסקיס נאָמען ניט פרעמד געווען דעם יידישן לייענער אין אמעריקע. נאָך זייענדיק אין בערלין, וואו ער האָט שטודירט מעדיצין, האָט פּינסקי ליטעראַריש זיך באטייליקט אין אָרגאַן פון דער יידישער סעקציע ביי דער אמעריקאנער ארבעטער פּארטיי — "אָוונט-בלאט" און אויך אין דער וואָכנטלעכער "ארבעטער צייטונג". פּינסקי איז טאקע פאַרבעטן געוואָרן קיין אמעריקע, כדי צו זיין דער ליטעראַרישער רעדאקטאָר פון די צוויי דערמאָנטע ארבעטער-צייטונגען; ער איז אין אמעריקע שוין געווען א באקאנטער נאָמען.

מיט פּינסקיס קומען קיין אמעריקע הייבט זיך אָן א נייע תקופה סיי אין זיין ליטעראַרישן שאפן, סיי אין זיין געזעלשאפטלעכער טעטיקייט. ווען מיר מאכן א סך הכל פון פּינסקיס רייפער ליטעראַרישער שעפעריש-קייט אין אמעריקע, באקומט זיך דער איינדרוק אז דער אייראָפּייאישער פעריאָד איז בלויז געווען א שוואכע צוגרייטונג.

אין אמעריקע האָבן זיך געעפנט נייע, ברייטערע האָריזאָנטן פאַר ליטעראַרישער און געזעלשאפטלעכער אקציע. דאָ, אין אמעריקע האָט פּינסקי אָנגעטראָפן אַן אמת'ן יידישן פּראָלעטאריאט, וואָס איז מוראדיק עקספּלואטירט געוואָרן אין די שוויץ-פאבריקן. דאָ האָבן די ארבעטנדיקע יידישע אימיגראנטן געבילדעט אַן אמת'ן ארבעטער-קלאס, וועלכער האָט שוין ביטער געקעמפט פאַר בעסערע באדינגונגען און פאַר דער אנערקע-נונג פון זיינע קלאסן-אָרגאניזאציעס — די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אָדער ווי זיי הייסן אין אמעריקע — יוניאָנס.

דאָ אין אמעריקע, איז שוין דוד פּינסקי, אפילו ניט געווען קיין פּיאָנער פון דער פּראָלעטארישער דיכטונג. שוין געווען דעמאָלסט אין אמעריקע א באדייטנדיקע סאָציאלע אָדער סאָציאליסטישע פּאָעזיע און

פראָזע. צווישן דער יידישער ארבעטער מאסע זענען שוין דאן פּאָפּולער געווען די לידער און פּאָעמען פון דוד עדעלשטאַט, מאָריס ווינטשעווסקי מאָריס ראָזענפעלד און אנדערע. זייערע לידער, ס׳רוב עלעגישע, פּאַרזאָרג־טע, וואָס באַקלאָגן די טרויעריקע דאליע פון ארבעטער, אָבער אויך לי־דער וואָס מוטיקן צום קאמף זענען אמאָל מעלאנכאָליש, אמאָל האָפּערדיק געזונגען געוואָרן פון צענדליקער טויזנטער ארבעטער. דורך די דאָזיקע לידער האָבן די נייערס און די פּרעסערס אין ״סוועט־שאַפּ״ ארויסגעזונ־גען זייער צער און צאָרן פון זייער ביטערן לעבן און נאָכמער ביטערער האָרעוואַניע; אין די לידער פון קאמף האָט דער פארצאגטער ארבעטער געפונען טריסט און האָפענונג אויף א בעסערן און ליכטיקערן מאָרגן. ס׳איז שוין אויך דעמאָלט געווען אַן אָנגעזעענע פּראָזע וועמענס פאָרשטייער ס׳זענען געווען אזעלכע באַדייטנדיקע שריפטשטעלער ווי ליבין און דער דראמאטורג־דערציילער ל. קאָברין, און דער עיקר, געווען א געבילדעטע אינטעליגענטע ארבעטער־פּירערשאפט. אין אָט דער דאָזיקער ארבעטער־פירערשאפט איז געווען געווענדעט דער גלייכער אָדער דער קרומער וועג אויף וועלכן ס׳האָט געזאָלט גיין דער, דאמאָלט נאָך יינגער, מאסן־קיבוץ אין אמעריקע.

* * *

אין יענע יאָרן, סוף 19־טן און אָנפאנג פון איצטיקן יאָרהונדערט, איז די יידיש־סאָציאַליסטישע און ראדיקאלע אינטעליגענץ אין אמעריקע געווען אסימילאטאָריש־קאָסמאָפּאָליטיש, געווירצט מיט פלאכער, מיש־טיינסגעזאָגטער ״קולטור״ פון עמי־ארצישער אפּיקורסות און גאָט־פארליי־קענונג.

ס׳האָט געהייסן, אז מ׳דארף די ״פינצטערע מאסע״ פון די מזרח־איראָפּייאישע אימיגראנטן ״אויסמענטשלען״, אויסוואָרצלען פון צווישן זיי די רעליגיעזע זאבאבאנעס פון אָפּהיטן שבתים, ימים־טובים און אנדערע יידישע מנהגים וואָס זיי האָבן אריבערגעבראכט פון די רוסישע און פּוי־לישע שטעט און שטעטלעך. די דאָזיקע אינטעליגענטן זענען געווען זי־כער, אז מיטן פארשפּרייטן צווישן די אימיגראנטן וויסנשאפט און אמערי־קאַניזאציע וועט אָפּגעווישט ווערן יעדער שפּור פון יידישער אייגנארטי־

קייט און דערפאר וועט אין אמעריקע קיינמאָל ניט אויפקומען קיין יידן־פראגע. אב. קאהאן, דער הויפּט־פירער, האָט דאן געוואָרפן זיין בארימטן זאָג:

״מיר האָבן ניט קיין יידישע פראגע אין אמעריקע. די איינציקע פראגע וואָס מיר האָבן איז — ווי אזוי ניט צו דערלאָזן, אז ס׳זאָל אויפקומען א יידישע פראגע.״

די דאָזיקע אסימילאַטאָרישע מלאכה האָבן זיי דערוויַיל, נעבעך, גע־מוזט טאָן אויף יידיש. דערביי האָבן זיי, אין וואָרט און אין שריפט, ווי בכוונה צעקאַליעטשעט דאָס יידישע לשון מיט געוואלט־און אומגעלומ־פערט־אריינגעשטאָפּטע אנגליציזמען.

דעם ״קוידערוועלש״, וואָס זיי האָבן געמאכט פון פאָלקסטימלעכן מאמע־לשון, האָבן די ״יידיש־שפּרעכנדע״ ראדיקאלן באנוצט בלויז ווי אן אינסטרומענט צו פּראָפּאגאנדירן זייערע אידייען פון לעזן די יידישע פרא־גע דורך אויפלייזונג, דורך טאָטאלער ליקווידאציע פון א זעלבסטשטענדיק יידיש קולטור־לעבן.

דוד פּינסקי האָט, בכן, דאָ אנגעטראָפן א מין אמעריקאנער אויפ־לאגע פון ״השכלה״ מיט א סאָציאליסטיש־אנארכיסטיש־קאָסמאָפּאָליטישן אונטערשלאג. פאר פּינסקין, דעם נאָר־וואָס אָנגעקומענעם אימיגראנט פון אייראָפּע, איז אזא מין אָריענטאציע געווען שוין א לאנג אָפּגעלעבטער אידעאל, א מין אנאכראָניזם, א זאך וואָס שטייט אויסער דער צייט און רוים פון דער יידישער רעאליטעט.

מיט פּינסקיס קומען קיין אמעריקע האָט זיך אָנגעהויבן די רעווי־זיע, דער נייער צוגאנג, די נייע אָריענטאציע אין באצוג צום יידישן פּראָב־לעם, צו יידישער קולטור און צו די נאציאָנאלע גאולה־אספּיראציעס פון יידישן פאָלק.

ס׳האָבן זיך באוויזן צייטונגען און פּעריאָדישע אויסגאבן מיט א ריי־נעם יידישן לשון און מיט א נייער טעמאטיק. א טעמאטיק — וועלכע האָט באהאנדלט פּראָבלעמען וואָס זענען געשטאנען ברומו של עולם פון יידישן וועלט־פאָלק. א פּובליציסטיק וואָס ברענגט נאציאָנאלן באוואוסטזיין און וועקט צו נאציאָנאלער אחריות.

צו יענער צייט, שפּראָצט אויף און עס צעבליט זיך א יידישער קול־

טור-רענעסאנס, פון וועלכן ס׳וועלן גאַר שנעל פּאַרכאַפּט גרויסע טיילן פון די יידיש-אמעריקאנער ארבעטער-מאסן.

די פייגנבוימס, די פיליפּ קראַנצס און זייער גלייכן, זענען שוין ניט מער די אויטאָריטעטע וואָרטזאָגער און פירער. די ארבעטער-מאסן פאָלגן איצט נאָך אנדערע וואָרטזאָגער, דאָס זענען די שעפערישע קולטור-בויער ווי דוד פּינסקי, אברהם ליעסין, יהואש, אברהם רייזען, חיים זשיטלאָווסקי און צענדליקער אנדערע יינגערע און עלטערע וואָרט-קינסטלער און גע-זעלשאפטלעכע טוער.

עס דאַרף אָבער קלאָר געזאָגט ווערן, אז אין דער אָפּווענדונג פון די יידישע ארבעטער מאסן פון אויבערפלעכלעכן קאָסמאָפּאָליטיזם צו א בא-וואוסטזיניקער נאציאָנאל-פּראָלעטארישער אָריענטאציע, און אין דער אנטשטייאונג פון גרויסע נאציאָנאל-אָריענטירטע יידישע ארבעטער-פאר-באנדן און קולטור-אינסטיטוציעס אין אמעריקע, האָט פּינסקי געשפּילט א היסטאָרישע ראָל.

פּינסקי איז דער ערשטער יידישער דיכטער אויפן אמעריקאנער באָדן, וואָס האָט אין דער ליטעראטור און אין זיין געזעלשאפטלעכער ארבעט געצייכנט דעם נייעם וועג, דעם וועג וואָס האָט נאציאָנאל אָפּגעפרישט און באלעבט די יידישע ארבעטערשאפט אין אמעריקע, און זי פארוואנדלט אין א מעכטיקן שטיצפּונקט אין דער רעהאביליטאציע פון יידישן פאָלק און אינעם אויפבוי פון דער יידישער מדינה.

דעם אידעאל פון געמיינזאַמען גורל און שותפות פון די אמעריקא-נער יידישע ארבעטער מיט די יידישע מאסן אינעם אויפבוי פון אונדזער נאציאָנאלן עתיד, האָט פּינסקי געדינט ניט בלויז אלס דיכטער נאָר אויך אלס געזעלשאפטלעכער טוער, און ספּעציעל אין דער אנטשטייאונג פון יידישן שול-וועזן. זיינע פארדינסטן פאַר דער יידישער שול אין אמעריקע איז אין לשער. ספּעציעל איז פאַר דער יידישער שול פיל דערגרייכט גע-וואָרן אין דער צייט ווען דוד פּינסקי איז געווען דער פאָרזיצער פון יידיש-נאַציאָנאלן ארבעטער-פארבאנד.

* * *

פון דער גרויסער צאָל ליטערארישע פאָרמען אין פּינסקיס ליטערא-

דיכטער, ייד, חבר.

רישן שאפן, הייבט זיך אמקענטיקסטן ארויס די דראמאטישע פאָרם. שוין אין זיינע ערשטע דערציילונגען האָט מען געקענט ארויספילן דעם קומעדיקן דראמאטורג; אין זיינע געדיכט-פארביקע שילדערונגען קען מען זיך פאָרשטעלן די שארפע קאנטורן פון א סצעניש בילד, פון א שארפער סצענישער אקציע.

אין זיינע פילבענדיקע ווערק, געפינט מען א שלל פון טעמאטיק, זשאנער און פאָרם. אָט האָבן מיר געלייענט א רעאליסטישע, כמעט נאטוראליסטישע דערציילונג ווי "דער מויערער" און אנדערע. און אָט לייענען מיר אזעלכע סימבאָלישע גראָטעסק-דראמאטישע דערציילונגען ווי "די וועסט ביי מיר נישט פועלן, גאָט!" און באלד קענט איר געפונען א דערציילונג, וואו, מיט דער זעלביקער פינסקיס כאראקטעריסטישער, דראמאטישער שארפקייט, פון וויזיע און האנדלונג, ווערן ארויסגעבראכט שטורעמדיקע ליבע-מאָמענטן, וואָס גרענעצן זיך אזש מיט ערָאָטיק.

אויך אין זיינע דראמעס איז צו זען די זעלביקע פארשידנארטיקייט און זשאנער און טעמע. אָט האָבן מיר פאר זיך אזעלכע רעאליסטישע דראמעס פון שטייגערישן, קעגנווארטיקן לעבן ווי "אייזיק שעפטל", "יאנקל דער שמיד", "די מוטער" און אנדערע, און באלד לייענען מיר פינסקיס הויך-סימבאָלישע דראמעס אויף א היסטאָרישן הינטערגרונט ווי דער "אייביקער ייד" "שטומער משיח" און אנדערע משיחיש-סימבאָלישע ווערק. און אָט האָט פינסקי געגעבן דער יידישער ליטעראטור אזא אבסטראקט-רעאַליסטיש, סימבאָליש-פאָלקלאָריסטיש ווערק ווי די קאָמעדיע "דער אוצר".

אין דער גאָלדענער עפּאָכע פון ערנסטן קינסטלערישן יידישן טעאַטער האָבן פינסקיס דראמאטישע ווערק פארנומען אן אויבנאָן. אזעלכע דראמאטישע ווערק ווי, "די מוטער", "יאנקל דער שמיד" און דער "אוצר" זענען כמעט ניט אראָפּ פון דער ערנסטער בינע. נאָך ביז היינט, איז פינסקיס בארימטע דראמע "דער אייביקער ייד" אן אָנגעזעענער טייל פון רעפּערטואַר ביים גרעסטן און וויכטיקסטן טעאטער אין ישראל — ביים טעאטער "הבימה".

צו זיין 75-טן געבוירן-טאָג האָט דוד פינסקי פארעפנטלעכט א ליד אין וועלכן ער כאראקטעריזירט זיך אליין. אָט איז דאָס ליד:

דיכטער, ייד, חבר.

בין יונג פאר נייע פאָרמען, נייע סטילן
פאר יעדן שטורעם, יעדן דראנג;
מיין אלטער קרוג לאָזט זיך לייכט אָנפילן
מיט נייען, נייסטן געטראנק.

עס איז די קונסט פון אויפנעם און פארדייען
און בלייבן זיך אליין געטריי;
די קונסט פון כסדר זיך באנייען,
וואָס האלט און וועט מיך האלטן יונג און ניי.

ניט דאָס אליין האָט מיך פון זשאווער,
פון גרויען עלטער-שימל אויפגעהיט;
די קונסט אין מיר האָט נאָך א חבר,
דעם ארבעטס-קעמפער און דעם ייד.

צוויי וואָס זענען איינער אין מיין וועזן,
און איינער אין דעם קאמף און שטרייט,
דער נביאים-קאמף פון אייביק-אָן געוועזן
פאר פרייהייט און גערעכטיקייט.

דער שאפער איז זיין פאָלקס שליח-ציבור,
א קנעכט, וואָס גייט זיין פאָלק מיט ליכט פאָרויס,
באווייזט אים וועג, באלויכט אים שטרויכל-גריבער,
דערצו שטרעב איך — און האלט זיך דערמיט גרויס.

אין פרט פון אומרו, פון זוכן און פארזוכן אלץ נייע ליטעראַרישע פאָרמען און זשאנערן, איז פינסקי שטארק ענלעך געווען צו זיין עלטערן יוגנט-חבר י. ל. פרץ.

פינסקי האָט זיך קיינמאָל ניט צופרידנגעשטעלט מיט זיינע דערגריי-כונגען אויפן ליטעראַרישן געביט. ער האָט אלץ געזוכט נייע דערגריי-כונגען, נייע פאָרמען און נייע צילן.

דערפאָלגרייך אין זיינע ערשטע דערציילונגען איז אָבער פינסקי ניט געבליבן ביי דער דאָזיקער פאָרם, ער איז אריבער צו דראמע. אָבער

אויך דאָ קען דער אומרואיקער פּינסקי ניט שטיין בלייבן. ער גייט איבער צו א נייער פאָרם — צום ראָמאן.

פּינסקי האָט א געבענטשטן חוש פאר צייט-גייסט און סאָציאלע אנט-וויקלונגען, ווי ער כאראקטעריזירט זיך אליין אינעם נאָר-וואס ציטירטן ליד — "די קונסט פון אויפנעם און פארדייען". עס איז אין אמעריקע אויסגעוואקסן אן אלזייטיקער, מיליאָניקער יידישער ישוב, אן עקאָנאָמיש און סאָציאַל-דיפערענצירטער. א קבוץ מיט אן אייגנאַרטיקן פּנים און מיט אן אייגענעם פּסיכישן און קולטורעלן איינשטעל. אזא אלזייטיק לעבן איז שוין מאטעריאל פאר א ברייטקאנוועגדיקן ראָמאן. און פּינסקי, וועלכער זאָגט עדות אויף זיך אליין אז ער איז "יונג פאר נייע פארמען, נייע סטי-לן" פארקאשערט די ארבל און שאפט דעם נייעם ראָמאן פון נייעם יידישן לעבן אויף דער נייער אמעריקאנער ערד.

אין די דאָזיקע ראָמאנען דערגרייכט פּינסקי, צו א הויכער מדרגה פון שילדערן די געזעלשאפטלעכע און פּאָליטישע אטמאָספערע אין אמע-ריקע און די קאָמפּליצירטע פּסיכישע קאָנפליקטן ביים אמעריקאנער-געבוירענעם ייד, וועמען דאָס לעבן האָט אוועקגעשטעלט אויפן קרייץ-וועג צווישן אויסגעהוילטער בורזשואזער אסימילאציע און ראדיקאלער, יידישלעכער אטמאָספער.

אין די ראמען פון פּינסקיס ליטערארישער שעפערישקייט, דארף מען געדענקען ניט בלויז דעם דיכטער און דראמאטורג, נאָר אויך דעם עסייאיסט און — וואָס נאָכמער — דעם רעדאקטאָר פון פארשידענע צייט-טונגען און פעריאָדישע אויסגאבעס. ניט איינער פון די שפּעטער באקאנ-טע פּראָזאיקער, פּאָעטן, עסייאיסטן און סתם זשורנאליסטן האָבן צו פאר-דאנקען פּינסקין פאר זייער באווייזן זיך אויף דער ליכטיקער שיין.

פּינסקי איז געווען איינער פון די זעלטענע שרייבער אין אמעריקע וואָס האָט ארויסגעפירט און געמוטיקט יונגע טאלאנטן. דערפאר טאקע, איז פּינסקי געווען תמיד ארומגערינגלט מיט צערטלעכער ליבע און יראת הכבוד מצד אלע קרייזן פון דער אמעריקאנער יידישער אינטעליגענץ און פון געזעלשאפטלעכע און פּאָליטישע עסקנים, אן אונטערשייד פון אידיי-אישן איינשטעל און איבערצייגונג.

* * *

דיכטער, ייד, חבר.

א ריר׳נדיק קאפיטל ביז גאָר, איז פינסקיס בונד מיטן ארבעטער ציו-ניזם וועמען ער האָט געדינט מיט לייב און לעבן במשך עטלעכע פופ-ציק יאָר.

אלס דערציילער און דראמאטורג, האָט פינסקי דער ערשטער אין דער יידישער ליטעראטור מבשר געווען די סאָציאַלע און נאציאָנאַלע באַ-פרייאונג פון ארבעטנדיקן יידישן פאָלק אין אבות-לאַנד. אלס רעדאקטאָר און גרינדער פון דער ערשטער פועלי-ציוניסטישער טאָג-צייטונג "די צייט", איז ער געווען אַ מוסטער פון זשורנאליסטישער ריינקייט און אח-ריות; אלס פובליציסט האָט פינסקי אין דער יידיש-אמעריקאנער פובלי-ציסטיק ארייגעפירט א נייעם גייסט, א גייסט פון די יידיש-קולטורעלן רענעסאנס אויפן אמעריקאנער באָדן. א פובליציסטיק, וואָס האָט צום ערשטן מאָל אין אמעריקע, געוועקט דאָס דאָרטיקע יידנטום צו מיטפאר-אנטוואָרטונג אינעם אויפבוי פון אן אייגענער היים אין ארץ-ישראל, זיי גערופן צו שטארקן די הענט פון די חלוצישע בויער דורך העלפן אויפ-שטעלן א שטארקע און גוט-אָרגאניזירטע יידישע ארבעטער-געמיינשאפט אינעם יידישן לאנד.

די קרוין פון פינסקיס גזעלשאפטלעכער טעטיקייט אינערהאלב דער ציוניסטישער ארבעטער-באוועגונג, איז זיין עיקר׳דיקע ראָל אין דער אי-דעאליזירונג און גרינדונג פון דער נעץ נאציאָנאַלע יידישע שול-און קול-טור-אָרגאניזאציעס. דערמיט האָט פינסקי ממש רעוואָלוציאָניזירט דאָס קולטור לעבן פון די יידישע מאסן אין אמעריקע.

אומעטום, ביי יעדער פונקציע, ביי יעדער טעטיקייט איז ער ניט געווען קיין דורכשניט; אומעטום געווען משכמו ומעלה — מער ווי אנ-דערע.

דוד פינסקי איז צווישן שרייבער געווען כמעט דער איינציקער וואס האָט געקענט פאראייניקן אין זיך די אלע מעלות, דאָס איז געווען אַן אָרגאנישע טייל פון זיין קונסט.

אין זיין פריער ציטירטן ליד זאָגט פינסקי:

"די קונסט אין מיר האָט נאָך א חבר
"דעם ארבעטס-קעמפער און דעם ייד".

אזא איז ער געוועזן דוד פינסקי. ווי א קינסטלער האָט ער פאר אונדז אנטפלעקט די וויזיע פון גאולה, פון א ליכטיקן אויסגעלייזטן מאָרגן, און אלס מענטש און ייד איז ער ניט געזעסן מיט קיין פארלייגטע הענט, נאָר באגלייט מיט וואָרט און מיט מעשים דעם סאָציאַל-קעמפערישן און נאַציאָנאַל דערלייזערישן שווערן בארג-וועג פון יידישן פאָלק.

אָפּלעבנדיק אין אמעריקע פינף צענדליק יאָר, נאָכן פייערן זיין 75-יאָריקן יובילייַ, האָט דוד פינסקי עולה געווען קיין ישראל. די נאָר וואָס אנטשטאַנענע מדינת ישראל איז געווען די שכינה, וואָס האָט אים קינסטלעריש באגלייט זיין גאנצן שעפערישן לעבן. דער אויפקום פון מדינת-ישראל איז דער נצחון פון זיין לעבנסלאנגן גאולה קאמף... ביים געזעגענען זיך מיט זיינע לעזער, אינעם חודש-זשורנאל "די צוקונפט" פון יאַנואר 1949 שרייבט פינסקי:

"איך פאָר אוועק לעבן מיטן לעבן פון ישראל."

"דער גאולה-קאמף, וועלכן איך האָב אוועקגעגעבן א העלפט פון מיינע יאָרן, איז געוואונען געוואָרן, און איך וויל געניסן פון אונדזער זיג דאָרטן אויפן אָרט, אין לאנד פון אונדזער בענקעניש און אונדזער צוקונפט."

מיט גרויס פארערונג איז פינסקי אויפגענומען געוואָרן אין ישראל. די ארבעטער-שטאָט חיפה, אין וועלכער ער האָט זיך באזעצט, האָט אים געמאַכט פאר איר ערן-בירגער, און צום הויז אויפן כרמל-בארג, האָבן זיך געווענדעט די בליקן פון די טויזנטער פרייע ארבעטער אין דער אינדוסטריעלער יידישער שטאָט.

די דאָזיקע ארבעטער זענען גענוג אנטוויקלט כדי צו וויסן אז דאָרט האָט זיך באזעצט און שעפט פון זיי גרויס נחת, דער דעקאַן פון דער יידישער ארבעטער-קולטור און איינער פון די ראשונים אין קאמף פאר זייער סאָציאַלער און נאציאָנאַלער באפרייאונג.

זאט מיט יאָרן און מיט אויפטוען, זאט מיט ליבשאפט, כבוד און אנערקענונג, איז פינסקי אוועק פון דער ערדישער וועלט. פון זיין גייסטיקער ירושה וועלן נאָך דורות געניסן, מחמת פינסקי איז איינער פון די וועמענס שאפן עס האָט באַרייכערט אונדזער קולטור מיט אייביקע ווערטן.

צאָרן פון ליבשאפט

(ח. נ. ביאַליק)

צאָרן פון ליבשאַפט

מכמה יאָרן האָט זיך אין אונדזערע מקומות איינגעשטעלט א מנהג, איינצואָרדנען יעדער יאָר, כ׳-כ״א תמוז, יאָרצייט-אקאדעמיעס לזכר הערצלען און ביאַליקן.

פאַרשטייט זיך אז ביי יאָרצייט-געלעגנהייטן שיקט זיך ניט צו רעדן וועגן ביאַליקן ווי וועגן סתם א דיכטער. ביי יאָרצייטן איז נאַטירלעך צו רעדן וועגן ביאַליקס נאַציאָנאַלע ״צער און צאָרן״ מאָטיוון. ביאַליקס לי-רישע און נאַטור-לידער ווערן כמעט ווי ניט דערמאָנט, מחמת זייער באַ-דייט איז פון הוילן קינסטלעריש-עסטעטישן ווערט. דאקעגן זענען ביאַ-ליקס נאַציאָנאַלע לידער אריין אין גייסטיקן פאָלקס-פאַרמעג ווי אַ תורה, וועמעס אויסווירקונג ס׳איז וויטאַל פארן קיום פון פאָלק, און דעריבער דאַרף מען זיי ביי יעדער געלעגנהייט פאָרשן און טייטשן — מאי קא משמע לן?...

די יידישע איינשטעלונג, אין קעגנזאַץ צו דער העלענישער, איז ניט גורס קיין הוילע עסטעטיק. אונדזערע חכמים האָבן געלערנט: זאָגט אימיצער ״מה נאה אילן זה״ — ווי שיין איז דער בוים, און איז דערביי מפסיק פון לערנען איז ער א מתחייב בנפשו.

דער גרעסטער יידישער פּאָעט פון מיטלאלטער, ר׳ יהודה הלוי, האָט אָנגעזאָגט:

— ״לאָזט זיך ניט פארפירן פון העלענישע שיינקייטן, דאָס זענען — אין בעסטן פאַל — בלומען אָבער ניט קיין פירות״.

ניט אַלץ וואָס איז שיין איז — לויט אונדזער איינשטעלונג — גוט, דאַקעגן אַלץ וואָס איז גוט איז במילא שיין.

יידן האָבן ליב דעם תוך; די פאָרם, דאָס פּלאַסטישע בילד איז ניט וויכטיק. עיקר דער תוכן.

אונדזער ערשטער מיטאָס איז די טיפע טראַגיק פון פאַרטריבענעם גן-עדן און פון ברודער-מאָרד. אין ערשטן פאַל איז דער תוך, דער מוסר השכל:

— נעם ניט לייכט דאָס לעבן — בעצב תלדי בנים... בזעת אפך תאכל לחם. און אין צווייטן פאַל, יאָגט אונדז כסדר די וואָרנונג פון געוויסן:

— קין איה הבל אחיך?...

זענען טאַקע ביי אונדז אַזוי זעלטן די פרייד און יובל-געזאַנגען די "אז ישירס" און "שירות דבורה". און האָבן מיר זיך אַמאָל צעזונגען אין פרייד פון נצחון איבער אַ שונא'ס מפּלה, האָט באַלד אַ בת קול פון הימל איבער אונדז זיך צעשריען:

מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה.

מאָראַל: מ'טאָר ניט, קינדערלעך, זיך צופיל פרייען.

אָבער גרויסע דיכטער דערשפּירן דאָס לעבן אין האַרמאָנישער שלי-מות; זיי אנען די וועלט אין אייביקן שפּיל פון ליכט און שאָטן; באַגרייפן זי אין שמחה און טרויער, אין פרייד און אין לייד.

מיר האָבן פאַרמאָגט גרויסע דיכטער. דיכטער וואָס האָבן געזונגען מיט עקסטאַז וועגן שיינקייט און פריידן, ניט ווייניקער ווי מיט "צער און צאַרן" וועגן איבלען אוןליידן.

איינער פון זיי איז דער מיטלאַלטערלעכער פּאָעט יהודה הלוי, וועל-כער האָט אונדז געלאָזן בירושה אַן אוצר פון פריידיקע וויין און יוגנט-לידער.

אָבער ווער קען, און ווער באַשעפּטיקט זיך מיט יהודה הלוי'ס פאַר-שכור'נדיקע פּאָעמען? עפּעס האָבן זיי זיך ביי אונדז ניט אָנגענומען. דאַ-קעגן איז דער זעלביקער הלוי זייער און זייער באַקאַנט מיט זיינע עלע-גיען, די טרויער-לידער אין וועלכע ער באַקלאָגט דעם גורל פון פאָלק און פאַרגייט זיך אין בענקשאַפט צום חרוב'ן לאַנד פון די אבות. פּונקט אַזוי געשעעט מיט הלוי'ס חבר אין דיכטערישער גרויסקייט און אין היסטאָרישער מדרגה — מיטן פּאָעט חיים נחמן ביאַליק.

אומצאָליק זיינען ביאַליקס פּאָעמען פון ליכט און פרייד. לידער וואָס פאַרפלייצן מיט זייער לעבנס-לוסט, מיט קינדערישער אַנטציקונג פון נאַטור-שיינקייטן; פון אַלערליי ברואים און באַשעפענישן, רעאַלע און פאַנטאַסטישע, וואָס ווידמענען זיך און פילן אָן גאָטס וועלט. פאַראַן ביי ביאַליקן געזאַנגען וואָס פאַרכליניען אייך מיט תענוגי עולם הזה, וואָס מאַכן פאַרגעסן אַז ס׳איז ערגעץ אויף דער וועלט פאַראַן צער און צרות.

זעלטן אָבער קומט אויס צו הערן אויף אָוונטן אָדער אפילו אין קלענערע קרייזן וועגן די דאָזיקע ביאַליקס לידער און ווייניקע ווייסן אַז אין זיינע געזאַנגען פון פרייד און זונענשיין, איז ביאַליק ניט ווייניקער גרויס ווי אין זיינע פּאָעמען וועגן צער און חושך.

*

*   *

ס׳איז אַמאָל אַרומגעגאַנגען אַ פּזמון:

— ביאַליק, ביאַליק, לית מאַן דפליג.

דאָס האָט געזאָלט הייסן אַז דורך אַלעמען איז אָנגענומען און אָנערקענט, אַז ביאַליק איז דער גרעסטער דיכטער פון אונדזערע דורות און במילא ווערט ער דורך אַלעמען באַטראַכט ווי דער היינט-צייטיקער נאַציאָנאַלער דיכטער.

אויב עס איז ריכטיק — און קיינער האָט נאָך עפּעס אַנדערש ניט איינגעוווענדעט — אַז ביי גרויסע דיכטער קומען צום אויסדרוק די דערפאַרונגען פון אַמאָל, די אָפּשפּיגלונג פון איצט און די אַספּיראַציעס פון מאָרגן ביים באַטרעפנדיקן פאָלק, איז ביאַליק די לעגיטימע פאַרקערפּערונג פון אַ יידיש-נאַציאָנאַלן דיכטער.

אַ פאָלק שאַפט זיין געשיכטע, וועבט זיינע חלומות און פאַרהייליקט סימבאָלן; אַ פאָלק האָדעוועט טראַדיציעס און געוויינהייטן, וואַרעמט אויס זיין פילפאַרביקן לעבנס-שטייגער. דאָס אַלץ שפּיגלט זיך אין דיכטערס געמיט און שיינט צוריק אַרויס אין אַ שפע מיט פאַרבן פון דיכטערס שאַפן.

פון ביאַליקן האָט עמאַנירט דאָס פאַרביקע יידישע ליכט מיט אַלע ניואַנסן. פון אים האָט געשטראַלט מיט יידיש-גייסטיקן אַמאָל, מיט רייכן

פֿאָלקס-שטייגער פון זיין צייט און מיט יידישע, משיחיש-דערלייזערישע אספּיראַציעס פאַרן עתיד.

ביאַליקס דיכטערישע גאַמע איז זייער רייך. צי דאָס איז זיין צאַרטע ליריק אָדער זיין פלאַמענדיקער, דערהייבנדיקער פּאַטאָס; צי דאָס איז זיין שטורעמדיקער נבואה-סטיל אָדער זיין חנ'עוודיק-פּרימיטיווער פֿאָלקס-טאָן, אַלע ביאַליקס פאָרמען זענען פון שלימות'דיקער דיכטערישער מדרגה און פול מיט נאַציאָנאַלער, פֿאָלקישער קערנדיקייט.

אין אַלע זשאַנערן פון זיין פּאָעטישן שאַפן איז ביאַליק ניי, אָריגי-נעל און רעוואָלוציאָנער.

ביאַליק האָט באַפרייט די העברעאישע פּאָעזיע פון איר געשוואָלע-נער מליצה, און די יידישע פּאָעזיע האָט ער אויסגעלייזט פון צעיאַכמער-טע לאַמענטאַציעס און פון בדחנישע הלצות.

אונדזער שטייגערישע און נאַטור-דיכטונג האָט, ביז ביאַליקן, ניט פאַרמאָגט אַזאַ פֿאָלקסטימלעכן חן, ניט אַזאַ קינסטלערישע מדרגה.

צאַרטקייט, ליבשאַפט און געניאַד ליגן אויסגעגאָסן אין ביאַליקס פֿאָלקסטימלעכע לידער און פּאָעמען.

ביז ביאַליקן איז דער יידישער פּאָעזיע פרעמד געווען דער ברייטער, שטורעמדיקער נאַטור-פּייזאַזש. ביאַליקס נאַטור-פּאָעמע „הברכה" איז אַ פּערל פאַר יעדער גרויסער ליטעראַטור. ס'איז מסתמא ניט קיין גוזמא מצד יענע, וואָס האַלטן אַז ביאַליקס „הברכה" איז, ביז היינט צו טאָג, די גרעס-טע נאַטור-פּערל אין דער יידישער פּאָעזיע.

בשעת מיר לייענען ביאַליקס פּאָעמע געשריבן אין יידיש „מיין גאָר-טן" ווערן מיר ממש פאַרבליפט פון דער שיינקייט פון גאָרטן און פון דער פּשוט'ער נאַטירלעכער עולם-הזה'דיקייט פונעם בעל-הגאָרטן, — דעם יידישן בעל הגוף. ביז ביאַליקן האָבן מיר אַזעלכעס אין דער יידישער פּאָעזיע ניט פאַרמאָגט.

אָבער וואָס ס'מאַכט ביאַליקן פאַר אַ נאַציאָנאַל געשעעניש אין יידי-שן לעבן איז דאָס, וואָס אין אונדזער מאָדערנער דיכטונג איז ניט געווען — און ס'איז נאָך לעת-עתה ניט אויפגעקומען — אַזאַ שטורעמדיקע, וועקנ-דיקע קראַפט ווי ס'איז ביאַליקס דיכטונג. קיינער האָט אַזוי ניט אויפגע-ברויזט די געמיטער און געקערעוועט דעם יידישן גאַנג אויף אַ נייעם וועג, צו אַ נייעם עתיד, ווי דאָס האָבן געטאָן ביאַליקס „צער און צאָרן" לידער.

צאַרן פון ליבשאפט

אין דער קינה-ארטיקער פארצאָגטער יידישער פּאָעזיע האָט ביאַליק אריינגעבראכט נאציאָנאַל-רעוואָלוציאָנערן טאָן; ער האָט געגעבן דער יידישער דיכטונג גרויסע דימענסיעס.

פארן באַנייטן טאָן, האָט ביאַליק פארדינט זיין דיכטערישן רום. אָבער די קרוין פון נאציאָנאַלן דיכטער האָט ביאַליק באקומען פאר זיינע פּאָעמען פון נביאישן פּאַטאָס און פון נביאיש-אויפטרייסלענדיקן טעמפּעראמענט.

*

* *

פאראן צייטן פון נאציאָנאַל היסטאָרישער סכנה, ווען א פאָלק ווערט געשטעלט אויפן שיידוועג צווישן דעקאַדענץ און ווידערגעבורט. אזא געפערלעכע עפּאָכע אין געשיכטלעכן לעבן פון א פאָלק, איז אמערסטן מסוגל פאר דער דערשיינונג פון א גרויסער נאציאָנאַלער פיגור, וועלכע וויזט די ריכטונג, פונעם שליאך אויף וועלכן דאָס פאָלק מוז גיין.

ווי און ביטער איז דעם פאָלק ביי וועמען די גרויסע געשטאלט האָט זיך צו דער געהעריקער צייט ניט באוויזן, אָדער זי האָט זיך יאָ באוויזן, נאָר דאָס פאָלק האָט זיך צו איר שטים ניט צוגעהערט...

אין אונדזער געשיכטלעכן לעבן זענען מיר געשטעלט געוואָרן פאר גאָר גרויסע נאציאָנאַלע סכנות. דעמאָלט זענען ביי אונדז געהאט אויפגעקומען געשטאלטן מיט העכסטער געטלעכער גאָב — די נביאים...

אין אונדזער, כלומרשטער עמאנציפּאציע-צייט, זענען מיר עדות פון גרויסער, אפשר גרעסטער, נאציאָנאַלער געפאר אין אונדזער געשיכטע. האָט טאקע דער שר האומה באשערט אונדזער דור מיט גרויסע נאציאָנאַלע געשטאלטן, וועלכע האָבן געלענקט אונדזער גאנג אויף שווערע, אָבער ליכטיקע וועגן פון נייעם אויפקום. און פאר איינעם פון די געציילטע, פאר חיים נחמן ביאַליקן, האָט דאָס פאָלק ארויסגענומען די העכסטע באצייכענונג, פון זיין באגריפס-אוצר און דערמיט געקרוינט זיין גרעסטן דיכטער: — נביא.

דער נביא איז א מענטש פון העכערן מין, א סאָרט איבערמענטש פון רעגונגען און געפילן. ער איז ניט קיין געלערנטער אינטעליגענט, אָפּט-

מאָל איז ער זייער פשוט און פרימיטיוו, מיט א רויען, אָבער בילדלעכן האמערדיקן לשון.

דערפאר איז דער נביא באשאַנקען מיט אַן איבערפלוס פון אנונגען וועלכע קיין איינפאכער מענטש באזיצט ניט. זיין עמפינדלעכקייט איז זייער צארט און סובטעל; וואו מיר פשוטע מענטשן מענטשן זיינען צופרידן, איז דער פּאָעט-נביא גליקלעך; וואו מיר זענען גליקלעך, איז ער אין עקסטאַז; אויב מיר זיינען טרויעריק איז ער פארצווייפלט, און דאָס וואָס דערוועקט ביי אונדז פארדרוס רופט ביי אים ארויס א שטורם פון צאָרן און פּראָ-טעסט, קללות און תוכחות.

איבערגעלאָדן מיט שפירונגען וואָס ברויזן אין זיין געמיט, קען דער נביא נישט שווייגן, ער מוז רעאגירן. איז ער אנטציקט מיט דעם שיינעם און דערהויבענעם, זינגט ער אויס הימנען, געזאַנגען פון עקזאלטאציע; זעט ער עוולות און אומרעכט, לאָזט ער הערן זיינע צארנדיקע תוכחות. א נביא מוז אויסלאָדן זיינע געפילן בקול-רם. און רעדן רעדט דער נביא אומעטום: אין טעמפּלען און אויף מערק פאר זונות; אין קעניגלעכע פּאַ-לאצן און אין הקדש פון מצורעים; פאר פארזאמלטע מאסן און אין וויסטן מדבר. קומט די אינספּיראציע, הייבן ביי אים אָן צו ברענען די ליפּן — ער מוז רעדן!

די קלאסישסטע דעפיניציע פון נביאישער אינספּיראציע געפינען מיר ביים נביא ישעיהו (פרק ו', פּסוקים א-ט) דאָרט דערציילט דער נביא וועגן דער געטלעכער וויזיע ביים היכל און די אימה וואָס האט אים ארומ-גענומען, ווייל ער איז "א מענטש מיט אומריינע ליפּן" און צווישן "א פאָלק מיט אומריינע ליפּן זיצט ער". אָבער דאָ איז צו אים צוגעקומען א שרף מיט אַן אָנגעגליטן שטיין, גענומען פון מזבח, און באַרירט זיינע ליפּן. איצט, אז ער דערהערט ווי גאָטס שטים פרעגט:

— וועמען זאָל איך שיקן? ענטפערט דער נביא:

— דאָ בין איך, שיק מיך!

אין זיין פּרעכטיקן שיר, "חלפה על פני", דערציילט אונדז ביאליק פון אַן ענלעכער אינספּיראציע.

חלפה על פני נשמת אפך אלהים ותלהטני
וקצה אצבעך החריד רגע מיתרי לבבי.

צ אָ ר ן פ ו ן ל י ב ש א פ ט

אין יידיש:

דיין אָטעם, גאָט, איז מיר פארביי.
האָט מיך באהויכט און מיך פארפלאמט.
און ס׳האָט דיין פינגער-שפּיץ מיין הארץ
באריַרט אין קליינע רגע.

(שווארץ)

פונקט ווי ישעיהו, בלייבט ביאַליק אין אימה׳דיקער פארצווייפלונג:

במה אבא אל-הקודש ואיככה תטהר תפילתי
ושפתי, אלהים, שקצה כלה ותהי כשפת פגולים.
ומלה אין בקרבה אשר לא-נטמאה עוד עד-שרשה.

מיט וואָס זאָל איך אין הייליקייט אריין, און ווי זאָל ריין זיין
גאָר מיין תפילה?
אז ס׳איז מיין שפראך געוואָרן אומווירדיק, א טריפה שפראך
געוואָרן.
קיין וואָרט ניטאָ אין איר וואָס איז ניט טמא ביזן ווארצל.
(שווארץ)

אין תשוקה נאָך נביאישער לייטערונג שרייט ביאַליק אין צעטומלטן
פחד:

ומי-הוא השרף אשר-יגעיל פי ברצפת אשו?

וואו איז דער מלאך וואָס זאָל כשרן מיין מויל מיט פייערדיקער
קויל?

דער ברענענדיקער מלאך האָט זיך באוויזן. דער אנגעגליטער שטיין,
גענומען פון גרויליקן מזבח פון יידישן פיין, פון יידישער אָפּהענטיקייט
און רעכטלעכער שפלות, פון חרפה׳דיקער הילפלאָזיקייט און פּאָגראָמען,

צאַרן פון ליבשאַפט

האָט א ברען געטאָן די ליפּן פון ביאַליקן. ער דערפילט א מעכטיקע קראַפט אויפצורייסן בערג, א פון גאָט געשענקטן מוט און א צונג שאַרפער ווי אַ שווערד.

איך בין פון גאָט מיט מוט באַשמידט,
וואָס רייסט אויס בערג און ווערט ניט מיד,
וואָס לאָזט מיין רוקן זיך ניט בויגן
און קוקט דעם בייז גלייך אין די אויגן;
און גאָט האָט מיר געשענקט א צונג,
א שאַרפע ווי א שאַרפער קלונג —
אויב איר זייט שטיין, איז זי אַן אייזן,
אויב איר זייט אייזן — איז זי שטאָל...
איך קום, איך וועל זיך נאָר באַווייזן —
און איר וועט אויפשטיין מיט אמאָל!...

ביטערניש און אנטוישונג איז אָבער דער גורל פון אלע נביאים פון אלע צייטן. ביאַליקן איז באַשערט ניט עפּעס אנדערש. אַן עקזאַלטירטער, מיט גאָטס וואָרט אויף די ליפּן לויפט ביאַליק צו זיין פאָלק:

איך גיי, איך קום, איך טראָג א טרייסט,
איך טראָג א בשורה פון נחמה;
איך בין געבענטשט פון גאָט מיט גייסט —
אייך וועל איך שענקען מיין נשמה...

נאָר ביאַליק באַגעגנט א פאָלק, וואָס „אַש און רויך איז געוואָרן זיין נשמה" און ער קלאָגט:

איצט שטיי איך ביי אייער טיר
און אָפּגענומען איז מיין לשון.
עס הענגט א שווערע נאַכט אויף מיר —
מיין פונק, מיין ליכט איז אויסגעלאָשן.
מיך האָט באַגעגנט שפּאָט און שאַנד

צ אָ ר ן   פ ו ן   ל י ב ש א פ ט

איך האָט פאַר מיר די טיר פאַרמאַכט
און אָפּגעשטויסן איז גאָטס האַנט
און גאָטס וואָרט איז אויסגעלאַכט.

דער דיכטער פאַלט אַריין אין טראַגישער פאַרצווייפלונג. אַנשטאָט האָפענונג קומט אַנטוישונג, אַנשטאָט האָפערדיקייט קומט אַפּהענטיקייט:

אכן חציר העם, יבש היה כעץ
אכן חלל העם, חלל כבד אין קץ.

פאַר וואָר, גראָז איז דאָס פאָלק,אויסגעטריקנט פון זאַפט.
ס'איז געפאַלן דאָס פאָלק, און געזונקען אָן קראַפט.

און אַנשטאָט "לעקן דאָס בלוט וואָס טריפט פון דער וואונד" שרייט דער דיכטער אין פאַרצווייפלטן צאָרן:

הוא לא ייקץ אם לא יעירנו השוט
הוא לא יקום אם לא יקימנו השוד.

וועט ניט אויפכאַפּן זיך, סיידן ס'בייטשט אים די רוט.
וועט ניט אויפשטעלן זיך, סיידן ס'גיסט זיך זיין בלוט.

דערמאָנט עס אונדז אין יענעם דערשיטערנדיקן בילד ווען דער נביא פון אַלע נביאים נידערט אַראָפּ א שטראַלנדיקער פון באַרג מיט דער דערהויבענער בשורה פון א נייעם סדר פאַר א באַפרייטן פאָלק. און ער דערזעט ווי דאָס פאָלק באַגרייפט ניט די דערהויבנקייט פון מעמד הר סני; דאָס פּראָקלאַמירטע עם סגולה טאַנצט גאָר אַרום אַן עגל הזהב... פאַלט דער נביא אַריין אין צאָרן און אַנשטאָט דער ברכה פון סני-הימלען צום לעבן, טרינקט ער אָן דעם פאָלק מיטן גאָלד-שטויב פון טויט.

אַזעלכער איז דער טראַגישער גורל פון נביא. ער איז אָפט געצוואונגען זיין גרויסע ליבשאַפט אין צאָרנדיקן גיפטיקן האַס צו פאַרוואַנדלען. און

צאָרן פון ליבשאפט

וואָס שטארקער ס'איז די ליבשאפט אלץ מורא'דיקער און שרעקלעכער איז דער האס.

גרויס, גרענעצלאָז גרויס האָט געמוזט זיין ביאליקס ליבשאפט צו זיין געפייניקטן פאָלק און נאָר דערפאר, זעענדיק ווי דאָס פאָלק האָט זיך ניט געקענט אויפהויבן צו דער הויך פון זיין טראגעדיע, האָט דער דיכטער אין גרימענדיקן צאָרן און האס געלעסטערט די הייליקסטע געפילן, אפילו ניט געשוינט די קדושים:

אנטלאָפן ווי די מייז, באהאלטן ווי וואנצן.
און ווי די הינט געשטאָרבן... און צומאָרגנס
איז פון זיין שטוב א זון ארויס און האָט געפונען
אין מיסט זיין טאטנס פגר...

מערקווירדיק, אין צייט פון גרויסן נאציאָנאלן אומגליק, ווען מיר האָבן זיך גענייטיקט אין א טרייסט-וואָרט, האָבן מיר מיט געבויגענע קעפ אויסגעהערט זיין גרימיקן סארקאזם. ער האָט אונדז דאן געשליידערט אין פנים, אז ווען מ'האָט געמאָרדעט טאטעס און געשענדעט טעכטער האָט יעדערער געשעפטשעט א תפילה:

"טו, גאָטעניו, א נס, פארבלענד זיי די אויגן.
זיי זאָלן מיך, דיין קנעכט ניט דערזען"...

מיר האָבן אלץ איבערגעטראָגן אָן תרעומות. פארקערט, מיר האָבן אים נאָכמער ליב באקומען און הויכגעשאצט. מיר האָבן געפילט זיין נביאישן צער און אז זיין גרימצאָרן קומט פון גרויסער ליבשאפט.

מיר האָבן ווי שולדיקע אויסגעהערט זיינע לעסטערונגען און קללות. ווייל מיר האָבן געפילט אז ביאליק איז עס דער, וואָס זאמלט אונדזערע טרערן אין זיין נאד הדמעות; אז דורך אים, דורך זיין מויל, רעדט ארויס אונדזער אייגענער דערדריקטער צער; ער איז דער אָרגאן דורך וועמען עס קומט צום אויסדרוק אונדזער חרפה'דיקע שוואכקייט און אומבאהאלפנקייט.

האָבן מיר דאָך אויך געהערט ווי אין אייפער צו אונדזער פיין, ווענ-

צאַרן פון ליבשאפט

דעט ער זיין גיפטיקן סארקאזם קעגן די הימלען ביי וועלכע ער פאַדערט, אז אויב ס׳איז ביי זיי פאראן א גאָט און צדק — זאָלן זיי זיך באוויזן. און אויב ניט — זאָל דאָס פארגאָסענע בלוט אונטערשווענקען די תהום׳ען און איינוואַרפן די צעפוילטע ערדישע יסודות:

נקמה? ניטאָ אזא נקמה!

וארור האומר: נקום
נקמה כזאת, נקמת דם ילד קטן
עוד לא ברא השטן —
ויקוב הדם את-התהום!
יקוב הדם עד תהומות מחשכים,
ואכל בחושך וחתר שם
כל מוסדות הארץ הנמקים.

און ווי איז צו יענעם וואָס זאָגט: נקמה!
נקמה פאר בלוט פון אן עופה׳לע קליין
ניט אויסגעטראכט האָט נאָך דער טייוול אליין.
זאָל גראָבן זיך ס׳בלוט ביז די תהום׳ען!
דאָס בלוט זאָל אין טיפעניש גראָבן זיך, שטראָמען,
און פרעסן אין חושך, און איינוואַרפן אונטן
די צעפוילטע, די ערדישע גרונטן!

אזוי איז ביאליק געוואָרן דער פּירזאגער פון זיין צעוויטיקטן פאָלק. א גאנצער דור האָט יעדער טאָג געוואַרט אויף ביאליקס פלאמיקן וואָרט. יעדער נייער שיר איז געווען אַ געשעעניש. און ווען ביאליק האָט געשוויגן, האָט מען זיך געשראָקן. ס׳האָט זיך אויסגעדאכט אז מ׳איז עלנט. ניטאָ דאָס געטלעכע וואָרט וואָס מאכט לייכטער מיט זיין צאַרנדיקייט. דורך ביאליקן האָט א דור אויסגעשריגן זיין צער און ס׳איז לייכטער געוואָרן.

* * *

אין היסטאָרישער פערספעקטיוו איז ביאליק אַ געשעעניש, א היס-

טאַריש געשעעניש. ביאַליק איז געקומען אין א צייט פון בין השמשות, פאַרן יידישן פאָלק. אויסזיכטלאָז איז דאַן געווען דער מצב פון מזרח-איי- ראָפּעאישן יידנטום. די אכציקער יאָרן פון פריערדיקן יאָרהונדערט האָבן צעשטערט די האָפנונגען פון השכלה און עמאַנציפּאַציע.

איז געשען א נס, ווי א לייכטנדיקער מעטעאָר האָט זיך צו אונדז באַ- וויזן דער גרעסטער דיכטער פון דער מאָדערנער תקופה. ער האָט אויפ- געוועקט די "מתי מדבר...

די אויסדערוויילטע זיינען אים נאָכגעגאַנגען, די שוואכע זיינען גע- בליבן.

אָבער אַלע האָבן דערשפּירט דאָס געשעעניש; סיי די מוטיקע, די וואָס האָבן אים באַגלייט צום קעניגרייך פון דערוואַכונג און סיי די שוואכע, די פון הינטן געבליבענע. אַלע, דערמאָנען איצט מיט יראת הכבוד דאָס גע- שעעניש וואָס טראָגט דעם נאָמען ח. נ. ביאַליק און ווע מען דאָס פאָלק האָט מיט רעכט באַקרוינט מיטן העכסטן טיטול —

— נביא.

לויטערער געוויסן

א זון פון למדניש-רבנישן יחוס און פון גרויסער אָרעמקייט, האָט ער נאָך אין זיינע פריסטע קינדער-יאָרן זיך באגעגנט מיט די גרויליקסטע עוולות און אומגערעכטיקייטן מצד מענטשן און פונעם גורל. זיין אײדעלע נשמה איז טיף פארוואונדיקט געוואָרן און געמיש פון נויט און צאָרן געשפּענסטער, אין געראנגל צווישן צער און רחמנות.

אינדערהיים פּייפט דער דלות. דער טאטע לערנט מיט מיידלער שרייבן יידיש און פארדינט גראָשנס; ער איז א פארביטערטער, א בייזער, איז שטרענג און שלאָגט ביי יעדער געלעגנהייט. דאָס קינד ווערט א שטילער, עקשנות'דיקער שוויגער און דער טאטע רופט אים דעריבער: מענדי נאַר.

אָט ווי דער דיכטער שילדערט:

קינדער טומלען,
און דער בייזער טאטע שלאָגט זיי.
קינדער ווערן מיד און אנטשלאָפן,
און דער בייזער טאטע שלאָפט ניט.
איך שלאָף אויך ניט,
איך — דער שטילסטער פון די קינדער,
אויף מיין פּנים פיל איך נאָך דעם טאטנס פינגער.
וויין איך שטיל פאר זיך אין קישן.

לייטערער געווייסן

לייוויק האָט ניט געטראָגן קיין כעס אויף זיין פאָטער. ער האָט אים פארשטאַנען און געפילט. אָבער דער צער און ווייטיק איז דערפון ניט געמינערט געוואָרן. אדרבא, דער פיין ווערט נאָך שטארקער, מחמת דאָס קינד נעמט זיך איבער מיטן טאטנס צער. אין שלאָפלאָזיקייט ווייסט דאָס קינד אַז: "דעם יאמער פלעגט טאטע מיטברענגען אהיים אין שפעטער נאכט." לייוויק טראָגט אין זיך אַ גאנץ לעבן דעם טאטנס ווייטיק און אַ סך יאָרן שפעטער, ווען לייוויק קומט אויף קבר-אבות הערט ער פון קבר ארויס זיין טאטנס שטים וואָס זאָגט צו אים:

ייִנגל דו מיינער, יינגל דו מיינער,
טראָג אויף דיין האנט מיינע אלע באַרירן,
טראָג אויף דיין מויל מיינע קושן,
וואָס כ'האָב געוואלט און געזאָלט
און אייביק געשעמט זיך דיר געבן.

מיט צער און רחמנות קוקט זיך צו דאָס קינד צו זיין מאמעס שווערער האָרעוואניע מיט די קינדער, אין דער באלעבאטישקייט און אין דער בעקערשער פרנסה. דאָס קינד זעט אַז:

מאמע ווײנט מיט טרערן
אין אַ שטומען קלאַג;
אויף איר יונגן שטערן
הענגט שוין גרוי אַ לאָק.

מאמע בייסט די ליפּן,
נידערט צו דער שוועל
און נעמט ווייטער זיפּן
פולע זעק מיט מעל.

מאמע ווערט אַ ווייסע,
קלייד אירס זאַק פון זעק
בלוט אויף ליפּ פון בייסן
ווערט אויך ווייס פארדעקט.

לויטערער געוויסן

די טרויעריקע קינדהייט מיט איר פאַרצערנדיקער אָרעמקייט, די בייזקייט פונעם פאַראומערטן פאָטער, די פּראַצע און דאָס פּריציייטיקע פּאַרוועלקן פון דער שיינער יונגער מאַמען האָט דערפירט דערצו, אַז גאַנץ פרי איז דאָס יינגל לייוויק געוואָרן אַ פאַרטראַכטער, אַ שווייגער. איבער-געפּולט מיט אַנונגען פון פאַרצווייפלונג און האָפענונג, פון יסורים און גלויבן האָט דאָס יינגל געלעבט אַ פאַרטראָגענער מיט זיך אַליין.

נאָך יינגלווייז, ווען אַלע קינדער האַלטן זיך אין שפּילן,
האָב איך מיך פאַר אַ גרויסן שוין געהאַלטן,
געלעבט מיט זיך אַליין, מיט מענטשן פון דער ווייטן,
אַזוי ווי עפּעס וואָס פון אַלעמען באַהאַלטן.

איך האָב שוין דאַן געזען, ווי מענטשן ליידן, שווייגן,
איך האָב דעם שווייגן זייערן אין זיך פאַרנומען,
און עפּעס פאַרגעשטעלט זיך ווייט אין ווייטערן עלטער,
עפּעס גרויסעס, וואונדערלעכס וועט פון ליידן קומען.

שפּעטער, "אין ווייטערן עלטער", ביי ערשטער רייפקייט, האָט זיך שוין געצונדן אין לייוויקן אַ באַגער צו פאַרענטפערן די קרומקייטן פון לעבן און צו באַשיידן די אומגערעכטיקייטן פונעם גורל. אין לייוויקן האָט זיך געוועקט אַ ברענענדיקער פאַרלאַנג מיט זיך אַליין, מיט זיין אייגע-נעם גוף מתקן צו זיין דאָס וואָס דאַרף תיקון; אַליין זיך אַריינצוואַרעמען אי-נעם פּיין פון די, וואָס לעכצן נאָך דערלייזונג, און זיך צו באַהעפטן מיט זיי אויפן וועג צו גאולה. "דער עיקר — זאָגט לייוויקס אַ העלד — איז מכוון צו זיין מיט גרויס כוונה, מיט אַלע אברים זיך אַריינטאָן אין דורות'דיקן פּיין ווי אין עבודת-הבורא."

איז אַן אַנדער ליד דריקט לייוויק אויס אויף נאָך אַ שאַרפערן אופן זיין ווילן זיך איינצוגלידערן "מיט אַלע אברים אין דורות'דיקן פּיין"

איך וויל צוליב דיר גיין פאַרלאָרן,
איך ליב דיך, באַוועלטע ערד.
איך הער ווי דו יאָמערסט אין צאָרן,

לויטערער געוויסן

וויל איך יאָמערן אינאיינעם מיט דיר
און — ווי דו — אויך ניט ווערן דערהערט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

כ׳וויל וויינען אַן אמת׳ן געוויין
אין פּיין און אין סם זיך פאַרגיין.

דאָס דאָזיקע לייוויקס געמיט, האָט געלייגט דעם חותם אויף אַלץ וואָס שטראַלט אַרויס פון זיינע מאָנומענטאַלע דיכטונגען. ס׳איז דאָס געמיט פון זיין דיכטערישער וויזיע אַז ״עפּעס גרויסעס, וואונדערלעכס וועט פון ליידן קומען״.

דערפאַר באַגעגענען מיר אָפט ביי לייוויקן קעגנגעזעצטע בילדער און שטימונגען, מחמת פון לייוויקס לידער פון יאוש שיינט בטחון, פון פּאָעמען פון פאַרצווייפלונג שטראַלט אמונה און אין דיכטונגען פון פּיין הילכט ביי לייוויקן די טריט צו דערלייזונג.

אַלץ וואָס לייוויק האָט געשריבן איז אַרויסגעחלומט, אַרויסגעכישופט און אַרויסגעוויטיקט פון זיין אייגענעם געמיט. יעדער שורה לייוויקס איז אַן אימאַזש פון זיינע דיכטעריש-עמאָציאָנעלע וויזיעס. סיי דאָס רעאַל-קאָנקרעטע און סיי דאָס אילוזאָריש-אַבסטראַקטע שטראַלט אָדער — אָפט ביי לייוויקן — פינצטערט אַרויס פון זיינע אייגענע וויזיאָנערישע אימאַגינאַציעס; זיינע זעערישע איבערלעבונגען עמאַנירן מיטן ליכט פון אמת.

פון זיינע ערשטע דיכטערישע שריט איז לייוויק באַהערשט דורכן קאָמפּלעקס פון יסורים און קרבן, רעוואָלט און גאולה. מיט בונטעווען זיך, מיטן רעוואָלטירן קעגן פּיין, קעגן אַלערליי אומגערעכטיקייטן און קעגן אומגענאָד פון גורל שטאַרקן זיך לייוויקס דערלייזערישע בענקענישן, ער פיבערט ממש מיט משיחישע גאולה-באַגערן. אין איינעם פון זיינע ערשטע לידער געשריבן אין דער מינסקער תפיסה, דערציילט לייוויק:

איך האָב געוואָלט, אַז אויב ס׳איז דאָ
משיח ערגעץ, זאָל ער גיין

לויטערער געוויסן

באווייזן זיך — אין דער מינוט!
אין דער מינוט און ניט קיין שעה!
איך וויל ניט וויסן וואָס ער טוט
אויף וואָס ער גאַרט, אויף וואָס ער וואַרט, —
און אויב ער ליגט ערגעץ און שלאָפט,
צעשמעטערן זאָל ער זיין שלאָף
צעפּיצלען אין דער שנעלסטער שנעל
און ברענגען שוין דעם קץ — דעם סוף!
ווייל איך וויל עס! ווייל איך באַפעל.

דער משיח מאָטיוו ווערט כמעט דער צענטראַלסטער עלעמענט אין לייוויקס יוגנטלעכן שאַפן. אין רעוואָלט קעגן שטומען, רעזיגנירטן וואַרטן, איז מרידה קעגן חורבן שרייט דער דיכטער:

כ׳וועל ניט לאָזן די פּיס פונעם גואל פאַרשמידן.
אז דער גואל דאַרף קומען אהער — זאָל ער קומען
צו ברענגען גאולה און ניט כדי צו ווערן
אליין א שטיק חורבן און שטיין דאָ און שטומען
מיט אויגן פאַרקלאָגטע, פאַרשעמטע,
מיט קנעכלעך פאַרדרייטע אין רינגען
וואָס וועלן איין עובדא נאָר האָבן — קלינגען.
די וועלט קאָן ניט וואַרטן
ס׳איז צו גרויס דער חורבן —
ס׳איז צו גרויס דעם קרבנ׳ס געוויין
די וועלט וויל משיח׳ן שוין!״

* * *

אַן אינטעגראַלער גרונט-מאָטיוו, וואָס שנירלט דורך ווי מיט אַ רויטן פאָדעם אַלע לייוויקס שאַפונגען, לידער און דראַמעס, איז דער אַזוי-גערופענער עקדה מאָטיוו.

ל ו י ט ע ר ע ר ג ע ו ו י ס ן

די עקדה איז געווען די ערשטע דיכטערישע אינספיראציע ביים יונגן לייוויק, און פון דעמאָלט אָן איז לייוויקס שאַרפע דיכטערישע סענסיביליטעט באַהויכט פון עקדה-מאָטיוו וואָס באַאיינפלוסט זיין מענטשלעכע און פּאָעטישע וועלט אנשויאונג, אָדער זיין וועלט-דערקענטעניש.

מיין ערשטע ייִנגלשע זעאונג איז געווען דער ווידער *)
וואָס האָט געוואַרט פאַרפּלאָנטערט מיט זיין הערנער-קאָפּ,
ביז וואַנען יצחק וועט צוריק מיט אָפּגעבונדענע גלידער
פון טויט פאַרגרוויליקטער עקדה אויף דער ערד אַראָפּ.
צווערשט האָב איך פאַר יצחק'ן געגאַד ביי גאָט געבעטן,
דערנאָך האָט ס'האַרץ מיך צו דעם ווידער געטאָן אַקער
און א צעמישטער בין איך נאָכדעם אין סוף טאָג אין שפּעטן,
פון חדר ניט געגאַנגען, נאָר געשלעפּט זיך קרענקלעך שווער.
כ'האָב ניט פאַרשטאַנען צוליב וואָס האָט זיך פאַרפלאָכטן
דער ווידער אין געדיכטן בוש — מיט גוטן צי מיט געוואַלד?
אויב יצחק'ס האַלדז האָט אויסגעמיטן פון צו זיין געשאָכטן,
צי מוז א צווייטער האַלדז זיין ליידיק אָרט פאַרנעמען באַלד?

דאָס דאָזיקע ליד אָטעמט מיט ליבשאַפט, רחמנות און דער עיקר — מיט מאָראַלישן אויפבדויז און פּראָטעסט וואָס איז אויף אייביק פאַרקריצט געבליבן אין לייוויקס וועלט-געפיל, אין זיין טיפער איבערצייגונג אַז "דער אמת איז נאָך אַלץ מיט דעם געפּייניקטן און ניט מיטן פּייניקער".

לייענענדיק אויפמערקזאַם לייוויקן, קען מען לייכט דערפילן אַז דער עקדה-מאָטיוו ווי א וועלט-דערקענטעניש איז, אייגנטלעך, אַן עטאַפּ אויפן וועג צו זיינע גאולה-מאָטיוון, אין וועלכע ס'ווערט אין דער גאַנצער ווייטיקלעכער שאַרפקייט אוועקגעשטעלט די פראַגע: צי מוז די גאולה קומען מיט בלוט פאַרגאָסן דורכן גואלס הענט, אָדער דעם גואלס הענט מוזן פון בלוט ריין זיין ווען אפילו די גאולה זאָל צוליב דעם ניט קומען?...

עקדה און גאולה זענען ביי לייוויקן צוויי זייטן פון איינער און דער זעלבער מטבע; זיי באַשעפטיקן לייוויקן אין אַלע זיינע לידער און דראַמעס.

---

*) שעפּסנבאָק

לויטערער געוויסן

אין אן ארטיקל "עיקר אידייען און הויפט-מאָטיוון אין מיין שאפן" שרייבט דער דיכטער:

"איינע פון די וויכטיקסטע רעגונגען וואָס לאָזן מיך ניט אָפּ, איז דאָס זוכן א וועג ווי אזוי צו רעאגירן און פּראָטעסטירן קעגן דעם הפקר פון מענטשלעכע לעבנס. דעם צער פון פשוטן מענטש. לעכן גוף וואָס ווערט אומגעבראכט אויפן מזבח פון נאציאָנאלע, סאָציאלע און געזעלשאפטלעכע באוועגונגען, ווי בויטיק די אידעאלן זאָלן ניט זיין, און ווי איך אליין זאָל זיך ניט באטראכטן ווי אן אָנ- הענגער פון דעם רעוואָלוציאָנערן אידעאל פון דער וועלט, אָט דעם צער פון געאָפּערטן מענטשלעכן גוף, קען איך ניט פארשווייגן. איך קען ניט שלום מאכן מיטן געדאנק וואָס דאָס מענטשלעכע לעבן ווערט אזוי צעטראמפלט. דאָס מאטערט מיך כסדר. דאָס איז, טראכט איך, דער גרונט-מאָטיוו פון מיינע ווערק ווי די גאולה-קאָמעדיע, עקדה און אנדערע."

לייוויקן האָט נישט צורו געלאָזט דאָס "הפקר פון מענטשלעכע לעבנס" און די נסיונות וועלכע דער מענטש דארףביישטיין.

די טראגישע שפּיל פון מענטשנס גורל'דיקן נסיון איז טיף פאר- קריצט געוואָרן אין געביין און געבליבן איינגעגעסן אינעם לייב און לעבן פון דיכטער.

* * *

די יסורים פון לייוויקס קינדערישע איבערלעבונגען אין דער גע- פאלנקייט פון דער היימישער נויט, זענען נאָכגעפאָלגט געוואָרן דורך תפיסה און לאנגיאָריקער סיבירער קאטאָרגע. דאָ האָט דער דיכטער זיך באגעגנט מיטן גרעסטן צווישן דערהייבונג און געפאלנקייט. אָט איז איין עפּיזאָד:

אין איין צעל אין טורמע זענען געזעסן עטלעכע געפאנגענע. איינער פון זיי, א רעוואָלוציאָנער און פרייהייטס-קעמפער, האָט געקראָגן צוגע-

שיקט א געבראָטן געגנדזעלע, און אנשטאָט, ווי דער שטייגער איז תמיד געווען, זיך צו טיילן מיט חברים, האָט ער זיך אוועקגעדרייט אין א ווינקל און אליין אויפגעגעסן דאָס געגנדזל. פון דער דאָזיקער דערפארונג און פון אַזעלכע ענלעכע דערפארונגען איז לייוויק געבליבן א טיף צעוויייטיקטער. דערציילנדיק דעם עפיזאָד באמערקט לייוויק:

״א מענטש קען זיך מוסר-נפש זיין און אפילו גיין אויף דער תליה. ער קען אָבער אין דער זעלבער רגע ניט גובר זיין דעם יצר-הרע בנוגע א נישטיקער קלייניקייט... איך האָב געזען — פירט אויס לייוויק — אי סדום אי וואונדער.״

אין א ליד זאָגט ער דאָס אויף א שארפערן אופן כמעט עפיגראמיש:

צווישן וואלד-וואָיען חיה'שע
און נבואות ישעיה'שע
אויף א האָר, טויאיק דין
הענגט דער מענטשלעכער מין.

במשך די גהינום'דיקע יאָרן פון צארישער קאַטאָרגע אין וועלכער לייוויק האָט זיך אנגעזעטיקט מיט מענטשלעכער מאָראלישער פארדאָרבנ- קייט, האָט לייוויקס שטארקער גייסט זיך ניט איינגעבראָכן. ער איז, אמת, פון דאָרט ארויס מיט א צעוואונדיקטער, צעוויייטיקטער נשמה אָבער מיט א שארף געלייטערטן גייסט.

פון לייוויקס שאפן הילכט דעריבער דאָס געשריי פון ווייטיק און מרידה קעגן א וועלט-סדר וואָס שטעלט אוועק דעם מענטשן פאר אַזעלכע גורל'דיקע נסיונות. אין זיין פארטיפטן, סובטעלן עטישן געפיל פארמאָגט לייוויק מיטלייד און פארשטענדעניש ניט נאָר פארן געפייניקטן נאָר אויך פארן פייניקער. מחמת אויך דעם פייניקערס מענטשלעך לעבן איז צע- טראמפלט, אויך ער נויטיקט זיך אין תיקון.

דורך לייוויקס דיכטונג שרייט דאָס פארגוואלטיקטע וועלט-געוויסן. דורך זיינע לידער אָטעמט א געפייניקטע וועלט; צוזאמען מיטן דיכטער ווערן מיר דורכגעדרונגען מיט א געפיל פון אחריות פארן יחיד און כלל, פארן יידישן און אלמענטשלעכן און לסוף, פאר דעם גוטן און שלעכטן ביים מענטש און ביי דער וועלט.

לייוויק און דער גולם

ל ו י ט ע ר ע ר ג ע ו ו י ס ן

אַט דער דאָזיקער עטישער וועלט-באַנעם, האָט עס לייוויקן געפירט
אויפן וועג צו זיינע קרויז-שאַפונגען און קודם-כל צו זיינע באַדייטנדיקסטע
דראַמאַטישע פּאָעמעס "דער גולם" און "גאולה-קאָמעדיע".

*

ווי ביי אַלע ייִדישע קינדער פון יענער צייט, האָט ביי לייוויקן גע-
דרעמלט די פּאָפּולערע לעגענדע וועגן גולם פון פּראַג, וועמען דער מהר"ל
האָט געשאַפן כדי ער זאָל מיט זיין ווייסנלאָזער סטיכישער גבורה
אָפּווענדן די בלוטיקע געפאַרן וואָס לויערן אויף ייִדן. ווי אַנדערע ייִדישע
קינדער האָט לייוויק זיך אָנגעהערט און געחלומט מיט די מעשיות וועגן
משיחן, וואָס זיצט א געשמידטער און וואַרט געדולדיק ביז ס'וועט קומען
זיין צייט אויסצולייזן די וועלט.

אין יאָרן פון רייפקייט וועקן זיך פון שלומער און עס טויכן אויף
די קינדערישע בילדער. ביי לייוויקן אַנטפּלעקט זיך א געדאַנק וועגן ווע-
זנטלעכן באַטייט און כאַראַקטער פון אָט די ביידע געשטאַלטן מיט דער
לייזערישע שליחות'ן. דאָס התגלות ווערט, מיט דער צייט, קלאָר:

דער גולם איז די פאַרקערפּערונג פון רויער סטיכיע און גבורה,
פון אומגעדולדיקן צאָרן וואָס וויל תיכף אָפּפאַרטיקן דעם חשבון מיטן
שונא. דאַקעגן דער געשמידטער משיח סימבאָליזירט אויסדויער און גע-
דולדיקייט.

אין דער ערשטער וועלט-שחיטה און אין דער רעוואָלוציע, האָט
לייוויק דערזען דעם גולם אין זיין ווייסנלאָזער שליחות מיט האַק אין
האַנט. פונקט ווי דער פּראַגער גולם גייט אין שליחות אָן צו וויסן וואָס ער
טוט, אָן זיין ווילן, נאָר מיטן כוח פון שם-המפורש אין מהר"לס הענט, פונקט
אַזוי גייט איצט דער גולם מיט האַק און צאָרן, ניט ווייסנדיק וואָס ער
טוט, און שפּרייט אויף זיין וועג פייער און בלוט...

דער באַשאַפענער גולם האָט אויפגעהויבן די האַק קעגן זיין באַשע-
פער. די אידייע פון רעטונג, צוליב וועלכער דער גולם איז באַשאַפן געוואָרן
ווערט פאַרטרונקען אין בלוט דורכן גולם'ס בלינד-צעווילדעוועטן צאָרן.
און עס פרעגט זיך: ווער האַלט דעם שם-המפורש וואָס זאָל אָפּשטעלן די
חורבן-שפּרייטנדיקע, צאָרנדיקע עסטיכיע?

ל ו י ט ע ר ע ר   ג ע ו ו י ס ן

לייוויק האָט באַצייטנס דערפילט, אַז דער גולם-וועג וועט די גאולה ניט ברענגען...

ווער-זשע וועט אָפּשטעלן די בלוטיקע וואַקכאַנאַליע? ווער-זשע קען, און וועט פירן צו דערלייזונג?

אין דער דראַמאַטישער פּאָעמע "דער גולם" שטייט תנחום (די פּער-זאָניפיקאַציע פון לייוויקן) אַ פאַרצווייפלטער, שרייט און מאָנט: ווער וועט ראַטעווען? ווען קען ראַטעווען? דער גולם מיטן צאָרן — ניט; משיח איז אַ געבונדענער אין קייטן. אפשר די ליבע? ברענגט לייוויק צוזאַמען אין פינפער טורעם די "דריי": גולם-סימבאָל פון צאָרן און אומגעדולד, דעם מאַן מיטן קרייץ — יעסוס, דער סימבאָל פון ליבע און דעם יונגן בעט-לער — משיח אין קייטן, סימבאָל פון געדולדיקייט און אויסדויער. פאַר-שמאַכטע פאַלן זיי אריין אין דער הייל. דער גולם לייגט זיי פאַר צו טרינ-קען פון זיינע פלעשער מיט בלוט... זיצן אַלע "דריי" צוזאַמען אַרום דעם גולם'ס פלעשער מיט בלוט און האָבן ניט וואָס צו זאָגן... נעבן זיי צונויפ-געבערגלט.

ליגט דער צלם אויף דער האַק,
און די קייטן אויפן זאַק;

אַרום צעטאַנצן זיך די רוחות און זינגען דאָס "ליד פון גאַרנישט": דאָס "ליד פון אומזיסט"

האָבן מיר ניט וואָס צו זאָגן,
דרייען זיך ווי שטיל מיר קענען,
און מיר טראָגן, טראָגן, טראָגן
ליכט וואָס קענען שוין ניט ברענען...
זינגען מיר דאָס ליד פון גאָרנישט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

לויטערער געוויסן

אלץ וואָס האָט זיך אָנגעפאנגען,
האָט שוין לאנג זיך אויסגעלאָזן;
וואו א פוס איז ניט געגאנגען
האָט דער ווינט שוין לאנג פארבלאָזן...
זינגען מיר דאָס ליד פון אומזין.

אז די "ליכט קענען שוין ניט ברענען" און אז "דער ווינט האָט שוין אלץ פארבלאָזן" קענען זיי שוין די גאולה ניט ברענגען. טאנצן די רוחות אָפּ דעם "טאנץ פון גאָרנישט", דעם "טאנץ פון אומזין" און לאָזן זיך אוועק צו זייערע קברים.

תנחום-לייוויק קען זיך עס ניט שענקען. לויפט ער ארום און שרייט: "אָפּגענארט תנחום'ען, אָפּגענארט תנחום'ען און תנחום האָט זיך נארן געלאָזט! און ווער איז דער אָפּנארער? ווער? אגולם האָט אָפּגענארט תנחום'ען...

גרויס איז דער צער פון אָפּגענארטן, פון אנטוישטן. ווידער די זעלביקע בענקעניש, און די אומענדלעכע לעכצעניש; ווייטער די פארצערנדיקע תשוקה צו אויסלייזונג. ס'בלייבט:

דאָרשט דער זעלבער אויך — דער הונגער
אויך די זעלבע אויגן גליען
אונטער שווערע גרויסע ברעמען.
כ'בין אן אלטער, כ'בין א יינגער,
כ'בין א זון און כ'בין א טאטע,
כ'טראָג די כהונה און — א לאטע
אין איהומען, אין מצרים
אין ניו-יאָרק און ירושלים
און בין אלץ נאָך ניט געקומען
צו מיין אויסגעחלום'ט לאנד...

*

די דראמאטישע פּאָעמע "דער גולם" איז דערשינען אין 1921. דער

לויטערער געוויסן

רושם אין די ליטעראַרישע און אין די לייענער-קרייזן איז געווען אין לשער. ביי דער יוגנט איז ממש פאַרגעקומען א מין פיבערדיקער גייסטי-קער אויפברויז. א גאַנצע ליטעראַטור איז אָנגעשריבן געוואָרן וועגן גולם. יוגנט האָט זיך געחקרנט, געזוכט און געגישטערט, געטייטשט און איבער-געטייטשט די פּראָבלעמען וואָס ווערן אין "גולם" אַרויסגעבראַכט. אומעטום דיסקוטירט מען וועגן די הויפּט-אידייען פון דער דראַמע — די אידייען פון שליחות, פון אחריות און גאולה. יוגנט האָט געבדרענט מיט די פּראָבלע מען פון קאַמף צווישן חומר און רוח, יחיד און כלל און על-כלם די טראַגעדיע און עלנט פון פּאַרזינדיקן, מיט בלוט-באַפלעקטן גואל גופא, וואָס קען זיין שליחות ניט אויספירן.

דער זעלביקער גייסטיקער אויפברויז איז געשען מיט עטלעכע יאָרן שפּעטער, ווען ס'איז דערשינען דער צווייטער טייל פון "גולם" די דראַ-מאַטישע פּאָעמע "דער גולם חלומ'ט" אָדער די "גאולה קאָמעדיע". אויף א ברייטערער קאַנווע ווי אין "דער גולם", ווערן אין דער "גאולה-קאָמע-דיע" אַרויסגעבראַכט די זעלביקע פּראָבלעמען און אידייען פונעם טראַ-גישן קאָמפּלעקס משיח און גאולה. די "גאולה-קאָמעדיע" איז בלויז ווייניקער געבונדן מיט דער גולם-מהרל-לעגענדע. דאָס איצטיקע ווערק באַ-שעפטיקייט זיך מערער מיטן משיחישן מיטאָס פון כולו זכאי, אָדער כולו חייב, פאַרקערפּערט, לויט דער פאָלקס-פאַנטאַזיע, אין דער שליחות פון די צוויי גואל-פיגורן — דער, מיט בלוט באַפלעקטער משיח בן יוסף און רעז לויטערער משיח בן דוד.

זינט דאָס דערשיינען פונעם "גולם" איז לייוויק און זיינע ווערק אוועקגעשטעלט געוואָרן ברומו של עולם פון דער נייער יידישער קול-טור. יעדער לייוויקס דערשיינונג האָט, זינט דעמאָלט, אריינגעבראַכט אָפּ-פרישונג און דערהייבונג, מחמת אין יעדער ליד לייוויקס איז געווען פאַרטיפטער געוויסן, דיכטערישער אָנדייט אויף דער אייביקייט פון יידי-שן גייסט און פון יידיש-עטישער מחשבה.

*

* *

אָבער... לייוויקס מאַטעריעלע לאַגע און זיין געזונט האָבן, ליידער.

ביט נאָכגעפאָלגט זיין רומפולן ליטעראַרישן באַרג-אַרויף.

כדי זיך מפרנס צו זיין, האָט לייוויק געמוזט טאָן זייער שווערע פי-זישע אַרבעט: זיך דראַפּען אויף ווענט און קלעפּן פּאַפּירענע טאַפּעטן... די שווערע אַרבעט און די קאַרגע פאַרדינסטן, פון וועלכע ס'איז שווער גע-ווען ווי געהעריק צו לעבן, האָבן אויפסניי אַרויסגערופן די אַלטע לונגען-קראַנקהייט וואָס ער האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט אין תפיסה און אויף סי-בירער קאַטאָרגע. לייוויק איז געצוואונגען אויף אַ לענגערער צייט זיך צו אינטערנירן אין אַ סאַנאַטאָריע.

צו יענער צייט געהערט זיין וואונדערלעך-רירנדע סעריע דיכטונ-גען אונטערן נאָמען "לידער פון גן-עדן" אין וועלכער עס געפינט זיך די באַרימטע פּאָעמע "באַלאַדע פון דענווער-סאַנאַטאָריע".

ביי זיין אָנקומען אין דער סאַנאַטאָריע, אויפן שוועל פון שפּיטאָל-צימערל, טויכט אויף ביים דיכטער דאָס בילד פון דער אַמאָליקער תפיסה-צעל. ער איז דאַן בסך-הכל צוויי און פערציק יאָר אַלט, אָבער זיין קאָפּ איז שוין ווייס ווי שניי.

עפן זיך, טויער,
נעענטער זיך, שוועל —
איך קום צו דיר ווידער,
צימערל-צעל.

מיין לייב — פייער,
מיין קאָפּ — שניי;
און אויף מיינע אַקסלען
אַ זאַק מיט געשריי.

ערשט אין יאָר 1936 איז לייוויק פריי געוואָרן פון דער סאַנאַטאָ-ריע. ער ווערט דעמאָלט דעלעגירט פון יידישן פּען-קלוב אין ניו-יאָרק צום אַלוועלטלעכן פּען-קאָנגרעס אין בוענאָס-איירעס.

אין זיין אַרויסטריט אויף יענעם קאָנגרעס האָט לייוויק שאַרף פּראָ-טעסטירט קעגן דער גלייכגילטיקייט פון דעם וועלטס-געוויסן און פון דער וועלט-ליטעראַטור צום נאַציזם און פאַשיזם. זיין רעדע האָט דאַן אויפ-

געשטורעמט מיט איר פייערדיקער שארפקייט און אויפגעשווידערט מיט איר צעווייטיקטן געמיט. זיין דערשיינונג איז דעמאָלט אין דער וועלט-פּרעסע געשילדערט געוואָרן ווי די דערשיינונג פון א נביאישער געש-טאלט וואָס האָט געשמיסן דעם וועלטס-געוויסן מיט פייערדיקע שטראַ-ריטער.

ס׳איז טיף איינגעקריצט אין זכרון:

זאלבערדריט זענען מיר געזעסן ביי א טישל אין ריאָ׳ער "פּייסאנדו"-האָטעל און דער גרויסער יידיש-דייטשער שריפטשטעלער, סטעפאַן צווייג, וועלכער האָט בייגעוואוינט דעם בוענאָס-איירעסער קאָנגרעס, איז געזעסן אנטקעגן אונדז און מיט א שטילער, קוים געהערטער שטים, מיט האלב פארמאכטע אויגן, ווי ער וואָלט אין דמיון געוואָלט צוריק אויפלעבן יענע בילדער, האָט ער געשילדערט לייוויקס אויפטריט אויף יענעם קאָנגרעס.

סטעפאַן צווייג האָט געמאָלט לייוויקס אויסגעדארטן גוף, זיין יונגן פּנים מיטן ווייסן קאָפּ און די לאנגע ווייסע הענט, ווי די פיגור פון א הייליקן; לייוויקס געדעמפטע טיפע שטים, דורך וועלכער ס׳האָט זיך דעמאָלט געהערט דער פיינלעכסטער געשריי פון דער גאנצער פאראומגליקטער מענטשהייט האָט דערמאָנט אין דער דערשיינונג פון א העכערער געש טאלט.

אמת זענען די פריער ציטירטע שורות לייוויקס:

מיין לייב — פייער,
מיין קאָפּ — שניי;
און אויף מיינע אקסלען
א זאק מיט געשריי.

*

* *

מיט דער צווייטער וועלט-שחיטה און מיטן אומקום פון 6 מיליאָן ברידער איז דער "זאק מיט געשריי" פולער און שווערער געוואָרן. עס קומט צו דאָס געשריי, פון שולד און פיין פארוואָס ער איז "אין טרעבלינקע ניט געוועז." דאָ דערגרייכט לייוויק צום אפאגיי, צום הויכפּונקט פון זעלבסט-פּיין.

ל ו י ט ע ר ע ר ג ע ו ו י ס ן

באדארפט האָב איך מיט אייך צוזאמען שטארבן,
נאָר כ׳האָב קיין כוח ניט געהאט דערויף,
און איצטער טו איך אלץ נאָר צו פארפארבן
די צאפלעניש פון מיין וואָרט און פון מיין גוף.

ניט צער און צאָרן העלפן צו דערטרינקען
אין זייער שטורעמדיקער טיף מיין שולד פון ז י י ן -
מיין שולד פארוואָס די פלאמען פון טרעבלינקע
אין מיינע אברים זענען ניט אריין.

מיט שטומען געוואלד שרייט דאָס שולד-געפיל פון יעדער שורה וואָס ליוויק האָט ארויסגעשטומט מיט ברענעדיקן ווייטיק. ווי אמאָל ביי ביאליק, אזוי איצט ביי לייוויקן שטייט גאָט ווי א נאקעטער, פארשולדיקטער בעטלער, רופט צו משפט זיך אליין און בעט א געשענקט, אָדער און אנטליען וואָרט אויסצושרייען זיין שולד.

משפט מיך פאר צולאָזן אז מענטשן-היינט
זאָלן אויפעסן אויף טויט ישראלס הויז-געזינד,
ווארף מיך אין א גאז-אויוון אריין, און מיך פארשלעפער
מיך — דעם שטומען בעטלער, דעם געוועזענעם באשעפער.

ביסטו איינער וואָס פארשטייט מיין שפרוך פארשטעלט
איז דאָס ווייניק מיר, איך מוז פאר גאָר דער וועלט
אויסשרייען מיין שולד אין סאמע אינדערפינצטער,
און — איך האָב ניט אויף מיין צונג דאָס וואָרט דאָס מינדסטע.

אָבער אויך דער דיכטער איז פארשטומט, אויך זיין וואָרט איז ער געץ אין שטומקייט געבליבן הענגען.

״אָט אזוי האָט גאָט געוואונקען מיט שטומע הענט.
און געזוכט האָב איך אין זיך א וואָרט אן אָנגעברענט,
און געפונען, און געוואלט צו זיינע ליפן ברענגען,

לויטערער געוויסן

ערשט — אויך מיין וואָרט איז געבליבן אין פארשטומקייט
הענגען.״

דאָס שולד-געפיל פארוואָס ״איך טרעבלינקע בין איך ניט געווען״ האָט דעם דיכטער ניט אָפּגעלאָזט; ער באשטרייט זיין אייגענע רעכט פון ארומגיין א לעבעדיקער, א פרייער אויף גאָטס ערד. ער פרעגט זיך אליין:

פארוואָס קומט דיר פרייהייט און שוואונג?
פארוואָס קומט דיר וואונדער און נס,
אויב ס׳האָט ניט געפיבערט דיין לונג
מיט גאז פון א יידישן מת?

דאָס דאָזיקע געמיט האָט לייוויקן געפייניקט ביז זיינע לעצטע טעג.

*
* *

לייוויקס באזוך אין די לאגערן ביי דער שארית-הפלטה נאָך היטלערס מפלה, האָט נאָכמער פאראומערט זיין הארץ, נאָך שטארקער אים פארקלעמט און פארצערט.

דאָ האָט ער דערזען דעם ״חורבן-פלעק, די גהינום׳דיקע וואונד אויפן קארק פון דער וועלט״.

לייוויק פילט זיך שוואך און אנמעכטיק אנטקעגן די יסורים פון מינדסטן יידישן קרבן. די אויסגעברענטע נומערן אויף די אָרעמס פון קינדער, על פי נס געראטעוועטע פון קרעמאטאָריעס, גליען מיט זייער שווארצן פייער און ברענען זיינע אויגן. אים באהערשט א מורא, אז ער וועט מיט וואָרט ניט קענען באוועלטיקן דאָס חרוב׳דיקע פון דער שארית-הפליטה. ער גלויבט ניט אז אימיצנס א וואָרט איז מסוגל צו גרייכן נאָענט צו ״די גרענעצן פון אויסגעברענטע ציפערן אויף קינדערשע הענטלעך.״

די ערד דארף קיין צייכנס ניט האָבן,
אירע הרוגים נאָך וואלגערן זיך נישט באגראָבן.
איין טויט פון א קינד איז בכוח
צו האלטן די וועלט אין שרעק.
צו אָנפילן דעם טרערן־קרוג
ביז איבער דעם ברעג.

די דאָזיקע שורות לייענען מיר אין לייוויקס יוגנט־ווערק "משיח אין קייטן" געשריבן מיט איבער פופציק יאָר צוריק. און דאָ האָט ער זיך באגעגנט מיט אויסגעברענטע טויט־צייכנס אויף ארעמס פון על פי נס געראטעוועטע קינדער.

שפאנט דאָ לייוויק צווישן חורבות פון היטלערס פאלאצן אין בערכ־טעסגאדען, אין מינכען, און פילט ניט קיין נקמה... (נקמה פאר א טויט קינד — האָט ביאליק געזאָגט — האָט נאָך דער טייוול אליין ניט צו־געטראכט...) ווי קען ער דען פילן די הנאה פון בארעכטיקטער נקמה, ווען אים רינגלט ארום "אן עולם וואָס איז כולו־יתום, כולו־אבל, כולו־אל־מלא־רחמים".

צווישן אזא עולם ווערן ביי אים אטראָפירט אלע חושים, אפילו דאָס געפיל פון גערעכטער נקמה.

אין לייוויקס הארץ נעסטיקט זיך בלויז א תפילה, אז די חורבות זאָלן דאָ אזוי בלייבן אויף אייביקע דורות, און זייערע פינצטערע לעכער זאָלן אָן אויפהער ארײנשרייען אין די טריפה'נע נאצישע פנים'ער.

*

* *

איך האָב געזען, ווי מענטשן ליידן, שווייגן,
איך האָב דעם שווייגן זייערן אין זיך פארנומען,
און עפּעס פארגעשטעלט זיך ווייט אין ווייטערן עלטער,
עפּעס גרויסעס וואונדערלעכס וועט פון ליידן קומען.

אויך פון לאגערדיקן עמק־הבכא שיינט ארויס צו לייוויקן די וויזיע פון גאולה.

אין סאָציאַלן און קולטורעלן לעבן פון דער שארית-הפליטה אין די לאַגערן, איז אַלץ געווען געריכטעט צו אויפקום, צו אויפלעב. געווען דער שיינונגען וואָס האָבן ביי יענע באַדינגונגען אויסגעוויזן סימבאָליש.

אין דער פאַך-שול פאַר נייטאָרינס אין לאַגער פון פערנוואַלד, האָט מען לייוויקן באַוויזן אַ שאַנק מיט לאַנגע, ווייס-זיידענע חופה-קליידער, וואָס זענען צוגעגרייט „ווי אַ קאָלעקטיווער צושטייער פאַר כלות. יעדער מיידל וואָס גייט חתונה האָבן, קומט אהער און נעמט זיך אַ חופה-קלייד".

דער דאָזיקער עפּיזאָד האָט, אַפּנים, אָנגערעגט לייוויקן צו אַ נייעם משיחישן מיטאָס, אים אינספּירירט צו דער שאַפונג פון דער סימבאָליש-דראַמאַטישער מיסטעריע, „די חתונה אין פערנוואַלד".

דאָ, צו דער חתונה צווישן ניצול-געוואָרענע פון קרעמאַטאָריע, קו-מען זיך צוזאַמען אומגעקומענע און לעבעדיקע; דאָ ווערט אָפּגעווישט די גרענעץ צווישן לעבן און טויט. „איך מוז דעם טויט פון אַ פאַרברענטן ייד צוזאַמענברענגען מיט דער שמחה פון אַ חתונה".

דאָ קומט צום אויסדרוק דער טראַגישער געראַנגל פון פיינלעכן שולד-געפיל ביי רעשטלעך לעבנגעבליבענע מיטן באַגער פאַרצוזעצן דאָס לעבן. אינעם דאָזיקן געראַנגל טריאומפירט דאָס לעבן.

„די חתונה אין פערנוואַלד" איז אַ ווייטערדיקער עטאַפּ פון לייוויקס פריערדיקע גאולה-דראַמעס; זי באַשעפטיקט זיך מיט דער זעלביקער גאולה און גואל פּראָבלעמאַטיק. דאָ, אָבער, ווארט מען ניט אויפן גואל, „אַ חופה אויף אַ קרעמאַטאָריע טראָגט אויף זיך דעם חותם פון גאולה".

די ערשטע חתונה פון פערנוואַלדער לאַגער סימבאָליזירט, בכן, אַ פּראָצעס פון תחית-המתים וואָס קומט אויף צווישן דער שארית-הפליטה גופא. דאָ איז דאָס ליכט גובר די פינצטערניש.

שמואל ניגער ווייזט אָן, אַז מיטן שרייבן „די חתונה אין פערנוואַלד" האָט אָנגעהויבן ליכטיקן אין לייוויקס שאַפן. און ניגער פרעגט: זאָל עס אפשר זיין אונטער דער ווירקונג פון דער נאָר-וואָס אויפגעקומענער מדינת-ישראל?...

*

* *

א ליכטיק קאפיטל אין לייוויקס לעבן איז פארבונדן מיט ארץ-ישראל.

דאָס ערשטע מאָל, בשעת לייוויק איז אין יאָר 1937 געווען אין ארץ-ישראל, איז נאָך ארום דער ארץ-ישראל-אידייע אָנגעגאנגען א שארפע חילוקי-דעות. א טיפער תהום האָט צעטיילט די יידיש-סאָציאַליסטישע אר-בעטער-באוועגונגען. לייוויק האָט מיט ווייטיק געטרעדט וועגן דאָזיקן פירוד.

אין זיין ערשטער רעדע אין דער הסתדרות-העובדים האָט לייוויק געזאָגט:

> "איך רעד ניט ווי א פרעמדער, איך בין אן אייגענער אפילו ווען איך בין דאָ ניט געווען. ארבעטנדיק אין די שעי-פער פון ניו יאָרק, פירנדיק אונדזער קאמף פאר יידישע רעכט, פארן יידישן וואָרט, פארן יידישן קיום אין ניו-יאָרק און אין פאריז, אין ווארשע און אין בוענאָס-איירעס, האָבן אויך "מיר" געבויט ארץ-ישראל, פונקט ווי "איר" בויענדיק דאָ קבוצות, דעם פאָרט און די גאס, בויעט איר דאָס יידישע לעבן אומע-טום, נאָר אין די ראמען פון אָט דער איינהייט נעם איך אויף אלע פראגן, אפילו די פראגן פון שפראך, אָבער ס'איז מער ווי שפראך — ס'איז גורל.

די ארץ-ישראל'דיקע ארבעטערשאפט, מיט וועמעס טריט ס'איז בלו-טיק געצייכנט די "וויא דאָלאָראָזא", דער ליידנס-וועג צו גאולה, האָט גאָר נאָענט דערפילט לייוויקן, מחמת לייוויקס דיכטונג איז אידענטיש מיטן פיין איז לייד פון גאולה-לעכצנדיקן מענטש.

לייוויקס ערשטער באזוך אין ארץ־ישראל איז געווען געבענטשט מיט א מין השפעת-גומלין, מיט ברכה'דיקער קעגנזייטיקייט.

די ליידנדיקע און שאפנדיקע חלוצישע ארבעטער אין ארץ-ישראל האָבן דערזאנט און טיף דערפילט דעם קינסטלערישן מהות פון לייוויקן. דאָס דיכטערישע געמיט פון דעם צער-פולן פאָעט איבער גאולה-ווייען איז זיי גאָר נאָענט געווען; לייוויקס פיינפולע געזאנגען איבער דערלייזונגס-יסורים, האָבן זיי, די חלוצים, געפילט אין אייגענעם בלוט און פלייש,

פארקריצט אין זייער אייגענעם לייב און לעבן. און לייוויקס וויזיע אז "פון ליידן וועט עפּעס גרויסעס קומען", אז פון גואלס יסורים וואַקסט דער כוח וואָס וועט צעפּיצלען אלע קייטן און פירן די באפרייטע אויף דרכים פון רעכטפארטיקייט, איז זיי נאָענט צום הארצן. דאָס איז אידענטיש געווען מיט זייערע אייגענע חלוציש-וויזיאָנערישע האָפנונגען און גאולה-אַספּירא-ציעס פאר וועלכע זיי האָבן זיך מוסר-נפש געווען.

דאָס בויענדיקע חלוצישע ארץ-ישראל האָט זיך גייסטיק געשטארקט, געמוטיקט און געקוויקט מיטן ליכט וואָס האָט צו איר געשטראַלט פון ליי-וויקס דיכטערישער שכינה.

פונקט אזוי איז לייוויק געווען גליקלעך צו זען און נאָענט צו זיין מיט די קריסטאַל-ריינע חלוצישע בויער פון דער נאַציאָנאַלער, מענטש-לעכער און סאָציאַלער באפרייאונג. דער סענסיטיווער דיכטער האָט טיף באנומען און דערזעט דאָס גרויסע גאולה-ווערק פון ארבעטנדיקן ארץ-ישראל. דאָ האָט לייוויק דערשפּירט די גאולה-וויבראַציעס פון א נייעם שאַ-פנדיקן פּראָצעס.

ביים געזעגענען זיך אין דער הסתדרות האָט דאן לייוויק צווישן אַנ-דערן געזאָגט:

"דאָס וואָס איך האָב דאָ געזען איז פאר מיר ניט קיין עקזאָטיק, ניט קיין סענסאַציע... איך האָב דאָס באטראכט ווי א טייל פון מיין אייגענעם לעבן. דאָ האָב איך דערזען דעם שאפער אינעם ליכט פון א גאולה-קרבן. דאָ האָב איך דערזען א נייעם וועג, א נייעם פּראָצעס, א וואונדערלעכן פּראָצעס"...

לייוויקס ערשטער באזוך אין ארץ-ישראל איז אויסגעפאלן אין דער שווערער צייט פון די אראבישע אומרוען פון 1936-1939. יענע יסורים-פולע צייט האָט לייוויק געווידמעט א סעריע פּאָעמעס "די ביימער בליען בלוי". די בארימטסטע פון זיי איז די פּאָעמע "אויפן בארג פון שייך אברעק". לייוויקס איינדרוקספולע דיכטערישע רעאקציע אויפן טויט פון העראָאישן חלוץ און שומר, אלעקסאנדער זייד.

*

תיכף נאָך דער באפרייאונגס-מלחמה איז לייוויק צום צווייטן מאָל געקומען קיין ישראל.

זעלטן ווער ווי לייוויק האָט אזוי טיף באנומען און ארויסגעוויטיקט דעם צער פאר די יונג-פארשניטענע לעבנס פון די גבורים, די קרבנות פון מוטערלענדישער באפרייאונג. זעלטן ווער האָט אזוי רירנדיק צארט ארויסגעאבל'ט דעם צער פון עלטערן און די שטילע, פארהייליקטע פיע־טעט פון א פאראומגליקטער, פארטרויערטער מוטער ווי דאָס ווערט ארויס-געבראכט אין לייוויקס באריימט ליד "צוויי זילבערנע בעכער" געווידמעט רבקה גובר, די מאַמע פון צוויי אומגעקומענע יונגע זין.

די אימפּאָנירנדיקע גראנדיעזע דראמע פון "מרבד-הקסמים", (דער בישוף-טעפּיך), פון דער וואונדערלעך-היסטאָרישער מאסן-עליה און קליטה פון תימן באלד נאָך דער באפרייאונג, האָט לייוויק באזונגען אין אַ סעריע פּערלדיקע לידער ווי "צו א תימנ'ער" "צום שטעכנדיקן דראָט" און אנדערע לידער.

צום דריטן און לעצטן מאָל, איז לייוויק געקומען קיין ישראל צום אידעאָלאָגישן קאָנגרעס פון ירושלים, אין יאָר 1957.

מיר האָבן פריער זיך אָפּגעשטעלט אויפן איינדרוק וואָס לייוויקס דערשיינונג האָט ארויסגערופן אויפן אלוועלטלעכן פּען-קאָנגרעס אין בוענאָס איירעס. זיין רעדע האָט דעמאָלט געבריט מיט איר נביאישן פייער און צאָרנדיק אויפגעשטורעמט דאָס געוויסן פון קאָנגרעס קעגן מענטשנ-פיינטלעכן פאשיזם, קעגן דער פארניכטנדיקער יידן-שנאה פון די נאציס, און קעגן דער גלייכגילטיקייט פון דער אינטעלעקטועלער וועלט.

איצט, אויפן אידעאָלאָגישן כנוס אין ירושלים, צו וועלכן ס'זענען זיך צונויפגעקומען דער שמן און סולת פון אלוועלטלעכן יידישן געדאנק, פון טראדיציאָנעל-אָרטאָדאָקסישע תלמידי-חכמים, באריימטע רבנים און געלערנטע ביז צו סעקולערע גרויסע דענקערס, שרייבער און נאציאָנאלע עסקנים. צווישן זיי אלע האָט לייוויקס דערשיינונג אויפגעפלאמט אין אן איבערלעבעניש פון העכסטער מדרגה.

דאָ, אין ירושלים איז אים באשערט געווען אויפצושיינען אין לויטערסטן ליכט פון זיין גרויסער עטישער פערזענלעכקייט. יעקב זרובבל דערציילט:

"לייוויקס ווארט האָט ממש עלעקטריזירט און טיף אויפ-געטרייסלט די אלע, וואָס האָבן זוכה געווען צו הערן און זען דעם דיכטער אין זיין מענטשלעכער אנטפלעקונג. אלע אויפן כנוס האָבן דעמאָלט דערפילט בחוש, אז דאָ שטייט פאר זיי א גדול-הדור, א גרויסע מאָראלישע יידישע פערזענלעכקייט, וואָס גיט אויסדרוק יענע פארבאָרגענע געפילן און שפירונגען פון יידישן מענטש, וועלכער וויל ניט און קאָן ניט פארלייקענען זיין אייגנטלעכן נאציאָנאלן מהות".

יעדער רעדע לייוויקס איז געווען באהויכט מיט דער קדושה פון אמת. אין יעדער רעדע זיינער, האָט זיך געהערט דאָס געשריי פון לויטערן גע-וויסן. אָבער די רעדע אויפן אידעאָלאָגישן כינוס אין ירושלים, איז געווען א רעדע פון אומגעוויינלעכער התרוממות צו וועלטן פון לויטער אצילות. דאָס איז געווען אן עקזאלטאציע וואָס האָט געגרענעצט מיט מיסטישער קראפט, מיט עפעס אויסטערלישעס, וואָס קומט פון העכערע עולמות.

די רעדע איז געווען א הימן צו א פיינפולער, מארטירערישער און גבורה-פולער, מיט קידוש־השם באלויכטענער יידישער גלות-געשיכטע; א געזאַנג צו די גייסט-און מאָראל-רייכע ליכטיקע פיגורן אין דער פינצ-טערער גלות-אָרעמקייט; א שיר-מזמור צו די גאונים און בעל-שם-טוב'ס, צו פשוט'ע ל"ו-ניקעס און וואסער-טרעגערס; א לויב צו די גרויסע מארטי-רער ווי דער מהר"ם מרוטנבערג און ווי שלמה מולכו, און א פארערונג צו די פשוט'ע פועלים ווי הירש לעקערט און אנדערע רעוואָלוציאָנערע מאר-טירער.

מיטן פלאם-פייער פון זיין לויטערער נשמה האָט ער אין דער דאָזי-קער רעדע פראָטעסטירט און געשטורעמט קעגן די יעניקע, וואָס ווילן זיך צוקלייבן א "שיינע" געשיכטע דורך פארלייקענען און אריבערשפרינ-גען צוויי טויזנט יאָר יידיש-שעפערישע געשיכטע, און דער עיקר — דאָס איגנאָרירן די גרויסע, וואונדערלעכע מזרח-אייראָפּעאישע קולטור-תקופה און איר קרוינשאפונג — די יידישע שפראך און ליטעראטור.

רעדנדיק וועגן יידישן לשון, האָט לייוויק אנטפלעקט פארן זאל א גראַנדיעזע פאנאָראמע פון א דרך צו משיחישע גאולה־הויכקייטן, וואָס צייכנט דעם הייליקן מארטירעריש-העראָאישן גאנג פון יידן מיטן יידישן לשון.

„איך ביז צו שטאָלץ — האָט לייוויק אויסגעשריען — היינט צו מאַ־נען ביי יידן כבוד פאַר יידיש"! וועלנדיק פאַרמינערן דאָס חשיבות פון יידישן לשון האָט עפּעס א העברעאישער שרייבער א זאָג געטאָן אז מיט העברעאיש איז א ייד געגאַנגען צום סני, און מיט יידיש צו דער גאַז־קאַמער. יאָ, — האָט לייוויק מיט פייער געשטורעמט — אויב דער ייד איז געגאַנגען מיט יידיש צו דער גאַז־קאַמער, פּאַלט־זשע כורעים, און קושט אויס יעדער שטויבעלע וואָס דער פוס פון דעם גלות־ייד האָט באַרירט אין הייליקן גאַנג צו דער גאַז־קאַמער.

בשעת לייוויק האָט געענדיקט זיין רעדע, האָבן אַלע ספּאָנטאַן זיך אויפגעשטעלט און א לאַנגע ווײַלע געשוויגן, ערשט נאָכדעם איז אויסגע־בראָכן א שטורעם פון לאַנגע אַפּלאָדיסמענטן.

יצחק טאַבענקין, דער געאַכפּערסטער חלוץ־וועטעראַן אין ישראל, האָט די רעדע קוואַליפיצירט ווי א הייליקע רעדע, ווי א נאַציאָנאַלע עבודת־הקודש.

די זיצונג איז נאָך דער רעדע איבערגעריסן געוואָרן.

די דאָזיקע רעדע איז געווען לייוויקס אַפּאָגיי און לײדער אויך אַ פּייערלעכער פינאַל אין לייוויקס לעבנס־דראַמע. קורץ נאָכדעם איז ער קראַנק געוואָרן און מערער פון בעט ניט אַראָפּגעגאַנגען.

*

מיט לייוויקן האָט די יידישע פּאָעזיע דערגרייכט צו איר העכסטער מדרגה. די יידישע ליטעראַטור האָט דורך לייוויקן, מערער ווי דורך אַנ־דערע, באַקומען איר קינסטלעריש־עטישן תיקון. מיט לייוויקן האָט די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור דערגרייכט צו דער מדרגה פון א פאַרמעסט מיט דער וועלט־ליטעראַטור. דווקא די פאָלקסטימלעכע נאַציאָנאַל־יידישע פאָרם פון לייוויקס דראַמאַטישע גאולה־פּאָעמעס, מאַכן די דאָזיקע ווערק פאַרן קנין פון דער גאַנצער קולטור־וועלט. מחמת נאָר טיף נאַציאָנאַלע ווערק אָטעמען מיט לויטערער מענטשלעכקייט און דערמיט זענען זיי שוין במילא אוניווערסאַל. דער עכט־נאַציאָנאַלער תנ"ך איז דאָך דאָס אוניווער־סאַלסטע ווערק אין דער מענטשלעכער קולטור־געשיכטע.

לייוויק איז טיף יידיש־נאַציאָנאַל סיי אין פאָרם סיי אין אינהאַלט. אָבער

די באַרירטע פּראָבלעמען וואָס קומען צום אויסדרוק אין אַלע זיינע שאַ-פונגען זענען אַלמענטשלעך.

ער איז געווען אונדזער יידישסטער און מענטשלעכסטער דיכטער. זיין קינסטלעריש וואָרט האָט געגליט מיטן הייליקן פייער פון די העכסטע עטישע רוימען. ער איז געווען דער צדיק-הדור פון דער היינט־צייטיקער, נאַציאָנאַלער יידיש-שאַפנדיקער גענעראַציע.

פון זיינע ווערק הילכט דאָס געשריי פון אומרו און זאָרג איבער דעם. אין פיין געהייליקטן ייד, און פון אחריות פארן געפּרוואוטן איוב'דיק צע-וווּנדיקטן מענטש.

במשך זיין גאַנצן דיכטערישן לעבן, האָט לייוויק זיך געטובל'ט און געלייטערט אין די יסורים פון יחיד און פון כלל, פון ייד און מענטש. אַזוי ווי משיח ביי די טויערן פון רוים וואַרט אַ פאַרוואונדיקטער און געבונדע-נער אויף זיין דערלייזערישער שליחות, אַזוי איז לייוויק געזעסן ביי די טויערן פון יידישן און אַלגעמיין-מענטשלעכן עמק-הבכא, געוויקלט און גע-בונדן די אייטערדיקע נאַציאָנאַלע און אַלמענטשלעכע וואונדן. אָבער אין יאָמער-טאַל פון צער-פּולן פּיין האָט לייוויק ניט פאַרלוירן פון זיין ווי-זיע דאָס שליחות פונעם מענטשן, די מיסיע פונעם בחיר יצירה צו זיין דער גואל, וואָס דאַרף דערפירן צו פולער גאולה.

לייוויק האָט טיף געווייטיקט איבער דער מאַרטירערישקייט פון דעם, דורכן גורל באַשטימטן, דערלייזער. אָבער פון גואלס יסורים האָט לייוויק אַרויסגעזאָגט דאָס גרויסע שליחות פון מענטש וועלכער וועט אומפאַר-מיידלעך צעפּיצלען די קייטן פון געבונדענעם משיח, אים באַפרייען, כדי צו גיין מיט אים אויף די רעכטפאַרטיקע דרכים פון פולקאָמער דערליי-זונג.

מחמת דעם, שיינט אַרויס פון לייוויקס שאַפן אַן אחדות'דיקע, אוני-ווערסאַלע איינגורל'דיקייט. זיינע דיכטונגען וויברירן מיט דער פייערלעכ-קייט פון ליטורגיע; פון תפילות אין וועלכע ס'גיסט זיך צונויף גורל'דיקע רעאַליטעט מיט דערהויבענער, משיחישער וועלט-דערלייזערישער וויזיע.

לייוויקס דיכטונג איז דעריבער דורך אַלעמען באַטראַכט און אָנער-קענט ווי דאָס נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע געוויסן פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

★

פיטן פון לשון־יידיש

(א. ליעסין)

פיטן פון לשון-יידיש

אין די פריע נײַנציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, האָט זיך אין די רעוואָלוציאָנערע קרײַזלעך באַוויזן אַ בחורל, וואָס האָט אַלעמען איבערגעראַשט מיט זײַן דרייסטער שטעלונג קעגן דעם, דעמאָלט פון אַלעמען אָנגענומענעם, קאָסמאָפּאָליטישן און אַסימילאַטאָרישן דרך פון דער יונגער, נאָרוואָס אָנגעהויבענער, אַרבעטער-באַוועגונג צווישן יידן.

דאָס בחורל האָט געהייסן אברהם וואלט. ווי אַ סך אַנדערע אינטע-ליגענטע יונגעלײַט פון זײַן צײַט, איז אויך וואלט פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער גרויסער רוסלענדישער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע.

אַנדערע זײַנסגלײַכן זענען אינגאַנצן פאַרשלונגען געוואָרן פונעם אַל-געמיינעם שטראָם, ניט לאָזנדיק קיין פּיצל אָרט פאַר די ספּעציפיש-יידישע פּראָבלעמען, און ניט קיין סימן פון די יידישע, נאַציאָנאַל-גייסטיקע ווערטן אין דער סאָציאַליסטישער אויפקלערונג. דער יונגער אברהם וואלט האָט זיך דעמאָלט אַנטקעגנגעשטעלט דעם אַסימילאַטאָרישן שטראָם און האָט געקעמפט פאַר דער אויסברייטערונג פון יידישער קולטור-טעטיקייט אין די סאָציאַליסטישע קרײַזלעך, ניט נאָר ווי אַ קאַמפּס-מיטל, נייערט ווי אַ זעלבסטציל.

אין זײַנע פאָרטראַגן אויף די קרײַזלעך און אין זײַנע שמועסן מיט סאָציאַליסטישע אַרבעטער און אינטעליגענטן, האָט אברהם וואלט געזוכט צו סינטעטיזירן יידישקייט מיט סאָציאַליזם.

די דאָזיקע באַזונדערע שטעלונג איז שנעל פּאָפּולער געוואָרן אונ-טערן נאָמען "וואָלטאַוושטשינא", אויפן נאָמען פון וואָלט, און שפּעטער ניט ווייניק משפיע געווען אויף דער גייסטיקער געשטאַלטונג פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי "בונד".

חוץ מיט זיינע רעדעס, שמועסן און פּאָלעמישע דיסקוסיעס, איז דער יונגער וואָלט באַזונדערס פּאָפּולער געווען מיט זיינע לידער, וואָס האָבן קורסירט אין געשריבענע אָדער העקטאָגראַפירטע קאָפּיעס צווישן די אַר-בעטער-קרייזלעך. די דאָזיקע לידער, רעוואָלוציאָנערע לויט זייער אינ-האַלט, זענען, קעגן דער דעמאָלט-אָנגענומענער מאָדע, געווען דורכגעוועבט מיט יידיש-נאַציאָנאַלע מעטאַפאָרן.

שוין יענע אָנפאַנגער-לידער פון יונגן וואָלט, זענען געווען אַן אָנ-זאָג פון קומענדיקן באַגייסטערטן דיכטער פון אונדזער געשיכטע, און פון עקזאַלטירטן זינגער פון קידוש-השם — שוין אונטערן באַקאַנטן נאָמען אברהם ליעסין.

געבוירן אין יחוס, און דערצויגן אין אַ הויך־לומדישער, אָרטאָדאָק-סישער ספערע, האָט אברהם ליעסין פון זיין פריער קינדהייט אָן איינגע-זאַפּט אין זיך די דערהויבענע יידיש-עטישע קולטור-ווערטן, וואָס זענען מחייב צו אַ באַזונדער התנהגות, צו אַן אָפּגעהיטנקייט אין טאָג-טעגלעכע האַנדלונגען. ליעסין איז געווען דורכגענומען, און במשך זיין גאַנצן לעבן גייסטיק נאָענט געבליבן מיט די תורות וואָס האָבן געפאָרמט און אויפגע-האַלטן דעם הייליקן נוסח פון יידישן לעבן אין די מזרח-אייראָפּעאישע גלותן.

נאָכן פאַרלאָזן די דעמאָלט-באַרימטע וואָלאָזשינער ישיבה, און שוין זייענדיק מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָט ליעסין פונדעסטוועגן ניט אויפגעגעבן די פון בית-המדרש און ישיבה באַקומענע גייסטיקע השפעות.

ליעסינס רעוואָלוציאָנערער מחנך, דער באַרימטער סאָציאַל-רעוואָ-לוציאָנער, מענדל ראָזענבוים, דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז ער איז איינמאָל געקומען צו זיין קרייזל מיט אַ פּראָיעקט צו פּראָפּאַגאַנדירן די סאָציאַליסטישע אידייען אויף די גאַסנווינקלען, האָט זיך דער יונגער וואָלט דעמאָלט אָנגערופן:

"ניט אויף די גאַסן דאַרפן מיר גיין, אין בית־המדרש, אין שול איז

אונדזער אָרט; און פרעדיקן די נייע אידייען דאַרפן מיר ניט ווי פרעמדע, מיט פרעמדע ביכער, נאָר מיט דער הילף פון באַווייזן פון תלמוד און פון אונדזערע מוסר-ספרים."

איינער פון די ערשטע מיטגרינדער פון "בונד", האָט וואַלט צווישן דער אַסימיליאַנטישער פירערשאַפט ניט אויפגעהערט זיין פּאַרעקשנטן קאַמף פאַר די יידישע, פאָלקסטימלעך-נאַציאָנאַלע ווערטן, און פאַר זייער אָרט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ביי יידן. די דעמאָלטיקע יידישע סאָציאַליסטן האָבן געהאַלטן, אַז די יידישע קולטור איז אַ מניעה, אַן אַבן נגף אויפן וועג צום "ריינעם" סאָציאַליזם. אברהם וואַלט האָט ענערגיש געקעמפט קעגן דער דאָזיקער איינשטעלונג. ער האָט ניט דערלאָזט צום פּאַנישן אַנטלויפן פון דער יידישער קולטור-ירושה, און זיין שאַרף-ענטוזיאַסטישער קאַמף האָט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס משפיע געווען דעם פּראָצעס פון אַ יידישן וועלט-קאַנצעפּט ביי דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג.

*

אין יאָר 1897, אַגב דאָס יאָר ווען ס'איז אָפיציעל געגרינדעט געוואָרן דער "בונד", האָט אברהם וואַלט עמיגרירט קיין אַמעריקע. דאָ, אין אַמעריקע איז ער געוואָרן אברהם ליעסין.

ביי זיין אָנקומען קיין אַמעריקע איז ליעסינען פאַראויסגעגאַנגען די רעפּוטאַציע פון אַ רעוואָלוציאָנער און סאָציאַליסטישן פּאָעט, און דערפאַר האָבן באַלד זיינע ערשטע אַרויסטריטן אַרויסגערופן שטוינונג ביי די קאָסמאָפּאָליטיש-אַסימילאַטאָרישע "געגנאַסן".

אין זיינע אָפטע רעדעס און צוזאַמענטרעפן מיט אַרבעטער האָט ליעסין באַטאָנט דעם יידישן מאָמענט אין סאָציאַליזם; אין זיינע ערשטע לידער אויפן אַמעריקאַנער באָדן, האָבן זיך דערהערט יידיש-נאַציאָנאַלע טענער, עקזאַלטירטע דיכטונגען וועגן אייגנאַרטיקן גורל פון יידישן גלות-פאָלק און וועגן דעם נס פון יידישער אייביקייט.

זינט זיינע ערשטע טעג אין אַמעריקע, האָט ליעסין במשך זיין רייד-געזעלשאַפטלעכן לעבן מיט אייפער אָפּגעהיט אַז אין דער יידיש-סאָציאַליסטישער באַוועגונג זאָל, חלילה, ניט איבערגעריסן ווערן דער גייסטי-

קער קשר פון דורות. ער האָט געהאלטן, אז דוקא דאָס עכטע, דאָס טיף־נאציאָנאלע פון יעדער פאָלק איז אלמענטשלעך און אוניווערסאל. דער־פאר איז זיין וואָרט צו די יידישע ארבעטער־מאסן תמיד געווען דורכגע־דרונגען מיט טיף־יידישן אינהאלט.

יאָרן נאָכדעם ווי ליעסין האָט געלעבט אין אמעריקע, איז אים אי־בערגעגעבן געוואָרן צו רעדאגירן דעם סאָציאַליסטישן חודש־זשורנאל "די צוקונפט". די דאָזיקע צייטשריפט וואָס איז ביז דאן געווען א ראכיטישער זשורנאל פון פאָפולער סאָציאליסטישער פראָפאגאנדע, איז אונטער ליע־סינס רעדאקציע פארוואנדלט געוואָרן אין א טריבונע פון גרויס חשיבות מחמת זיין הויכן נאציאָנאל־קולטורעלן ניוואָ.

אין אומצייליקע, איינציקארטיקע לייט־ארטיקלען און אין מייסטער־דיקע עסייען באווייזט ליעסין, אז די יידישע רעוואָלוציאָנערע און סאָציא־ליסטישע באוועגונגען זענען ניט קיין דיס אין געשיכטלעכן גאנג פון יידנ־טום. פארקערט, דער סאָציאליזם איז א דירעקטער המשך פון דער משי־חישער גאולה־אידייע, וואָס ציט זיך פון די נביאים, דורך דער גאנצער גלות־געשיכטע, ביז צו די חסידישע פאָלקס באוועגונגען און ביזן מאָ־דערנעם חלוצישן שיבת־ציון.

אין א פּרעכטיקער עסיי וועגן קארל־מארקסן, באווייזט ליעסין, ווי דער אפטריניקער ייד, מארקס, איז אפשר קעגן זיין אייגענעם ווילן, ניט ערגער ווי א מאָדערנער אָפקלאנג פונעם אלטן נביא, עמוס.

זייענדיק נאָענט צום "בונד", וואָס האָט אין יענע יאָרן ביטער בא־קעמפט אלע פאָרמען פון ציוניסטישער אויפפאסונג, האָט פונדעסטוועגן ליעסינען ניט געשטערט, נאָך אין יאָר 1903, צו שרייבן א באגייסטערטן ארטיקל וועגן די ערשטע שפּראָצונגען פון חלוצישע ארבעטס־געמיינשאפטן אין ארץ־ישראל.

איבערראשנדיק דרייסט האָט דעמאָלט געקלונגען ליעסינס פאטעטי־שער אויסרוף:

— "מיר, יידן, ווילן אין ארץ־ישראל לערנען דער וועלט סאָציאליס־טיש צו לעבן, ווי מיר האָבן, ביז היינט, דער וועלט געלערנט סאָציאליס־טיש צו דענקען"...

אויף אן ענערגישן אופן האָט ער פּראָטעסטירט קעגן א באשטימטער יידיש־סאָציאליסטישער פּרעסע אין וועלכער ארץ־ישראל ווערט עקשנות־

דיק אָנגערופן פּאַלעסטינע. פּאַלעסטינע — רופט אויס ליעסין — איז אַ רשעות'דיק צוגעטראַכטער נאָמען פון די גריכישע שונאים וואָס האָבן אַלץ געטאָן כּדי אויסצומעקן דעם זכר פון יידישן לאַנד און פון יידישן פאָלק.

*

דעם זעלבן אייגנאַרטיקן אינהאַלט און נאַציאָנאַלן פּאַטאָס וואָס ליע־סין דער רעוואָלוציאָנער האָט אַריינגעבריינגט אין דער סאָציאַליסטישער פּובליציסטיק, האָט ליעסין דער פּאָעט אַריינגעבראַכט אין דער יידיש־נאַציאָנאַלער דיכטונג.

אַלץ וואָס ס'איז אַרויסגעקומען פון ליעסינס פעדער האָט געוואָרצלט אין די היימישע טראַדיציאָנעלע השפּעות; אין אַלע זיינע שרייבערישע פאָרמען און זשאַנערן זענען געקומען צום אויסדרוק זיינע קינדערישע עמאָציעס; אַלץ וואָס ער האָט אין זיין קינדהייט און יוגנט געלייענט און געלערנט פון וויטע יידישע דורות, און ספּעציעל וועגן די גבורים פון דער יידישער מאַרטירער־געשיכטע, האָט ער געפילט ווי אייגענע איבערלעבונ־גען, וואָס זענען שפּעטער געוואָרן דער לייט־מאָטיוו פון זיין שאַפן און באַ־זונדערס אין זיינע לידער פון קדוש־השם:

האָט געלאָקט מיך לעבנלאַנג
אַלץ פון אָפּגרונט דער געזאַנג —
ווייסע אָרעמס צווישן שוואַרצע פעלזן.

זיצט אַ ייִנגל און קוקט אַריין אין אַן אַלט ספר'ל. דאָרט שטויסט ער זיך אָן אויף אַ שוידערלעך געשעעניש — ס'איז די ערשטע עלילת־דם געשיכטע.

עס איז ערב פּסח אין געטאָ פון בלויא. יידן זענען פאַרנומען מיטן צוגרייטן דעם יום־טוב. מ'שייערט, מען כשר'ט און מ'פּוצט די שטיבער לכבוד יום־טוב... פּלוצלינג, אַן אַליאַרם! ביים טויער פון געטאָ האָט מען געפונען אַ טויט־קריסטלעך ייִנגל.

סאָלדאַטן רייסן זיך אַריין און פאַרשלעפּן אַלע אין און דרייסיק יידן

אין תפיסה-קעלערן. מ׳פייניקט זיי, מ׳וויל זיי זאָלן זיך מודה זיין, אז דאָס האָבן זיי צוליב ריטועלע צוועקן געמאָרדעט דאָס קריסטלעך יינגל. קיינער איז זיך נישט מודה. דאן האָט מען אלע געפאנגענע יידן אין מארק אוועק־געשלעפט. דאָ האָט מען זיי אנטקעגן אַן אָנגעצונדענעם שייטערהויפן אוועקגעשטעלט און א גלח האָט פאַכנדיק מיט א צלם געגעבן די געפאנ־גענע א ברירה: שמד, אָדער לעבעדיקערהייט פארברענט ווערן אויפן שייטער. שטאָלצע האָבן אלע איין און דרייסיק יידן אָפגעוואָרפן דעם פאָרשלאג פון שמד, זיי ווילן בעסער ברענען אויפן פייער.

און אז מ׳האָט די קדושים געוואָרפן אין פייער, האָבן זיי זיך אָנגע־נומען פאר די הענט און דורך די פלאמען האָט זיך דערהערט דאָס געזאנג פון ״עלינו לשבח״.

דאָס לייענענדיקע יינגל לעבט מיט מיטן עקסטאז פון די ברענענדיקע קדושים און אים נעמט ארום א חשק אויסצופרובירן צי ער וועט, אזוי ווי די קדושים, קענען ברענען אויפן פייער... נעמט ער אראָפ דאָס גלעזל פון ברענענדיקן לעמפל און לייגט צו זיין פינגער צום פלאם... ער כאפט אָבער דעם פינגער באלד צוריק. דער אָפגעבריטער פינגער ווייטיקט שטארק, און דאָס קינד צעזינגט זיך שטיל ״עלינו לשבח״, און דאנקט דעם בורא וואָס אויך ער האָט דערפילט דעם טעם פון ברענענדיקע קדושים.

וואַרפט מען זיי אריין, די קדושים, אין די פלאמען,
כאפן זיי זיך אלע פאר די הענט צוזאמען
און זיי זינגען מיט א וואונדערלעכן כוח
דורכן פלאם און רויך: ״עלינו לשבח״.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

לייען איך און ציטער פאר התלהבות,
פאלט מיר איין אויף טשיקאַוועס,
צי א חדר-יאַט ווי איך, וועט קענען
אין א גזרה אויפן פייער ברענען?

פּיטן פון לשון־יידיש

דאַרף מען זיין דאָך גרייט און טאַקע זען,
ווי דער קדושים-ווייטיק איז געווען.

כאַפּ איך באַלד אַראָפּ פון לאָמפּ די גלאָז,
גיב זיך אויפן פינגער שטאַרק א בלאָז,
האַלט אים אויפן פּלאַם אַן אויגנבליק,
און איך כאַפּ אים באַלד אוועק צוריק.

טוט מיך פאַר יסורים ווילד א הויב,
זינג איך שטאָלץ צו גאָט א לויב,
וואָס מיין פינגער האָט דערפילט דעם טעם
פון א קדוש אויפן בייזן פלאַם.

דאָס געמיט פון דיכטער קען זיך מערער ניט באַפרייען פון אָט דעם טראַגיש-דערהויבענעם בילד. דאָס עקסטאַטישע געזאַנג פון די ברענענדיקע מאַרטירער-קדושים וועקט אינעם דיכטער א פאַרלאַנג, מיט זיין אייגענעם בלוט זיך צו באַהעפטן מיט יענע גבורים, א באַגער אליין מקדש־השם צו זיין.

אין איינעם פון זיינע גאָר ערשטע לידער קומט צום אויסדרוק אָט דער אויסטערלישער באַגער:

איך האָב ניט, אָ, עלנטע אומה, מיט וואָס דיר צו דינען
אָרום אין דעם אָרעמען, וואָכיקן לעבן.
דעם נפש, דאָס האָב איך, דעם נפש דעם הוילן —
איך קען דיר אים געבן!

אָ, זאָלן זיי קומען, די הענקער, די ווערגער, די קוילער,
וואָס האָבן דיר אַלע היסטאָרישע וועגן
מיט בלוטן פאַרטרונקען — איך שטרעק מיט א שמחה
דעם האַלדז זיי אַנטקעגן!

און ווערעם זאָל פליסן אויך מיין בלוט אהין אין די ריינע,

פיטן פון לשון־יידיש

אהין אין די הייליקע בלוטיקע ימ'ען
פון דיינע מיליאָנען גבורים און קדושים —
און פליסן צוזאמען.

ער איז באוואוסטזיניק גרייט מקדש-השם צו זיין, אוועקצוגעבן זיין נפש.

עס פאַרפאַלגן אים די געשפּענסטער פון דער פאַרבלוטיקטער יידישער געשיכטע. ער פילט זיך פאַרבונדן מיט זיי אין היסטאָרישער גורל־דיקייט...

מאָמענטנווייז דערשרעקט ער זיך, ער דערפילט זיך ווי שוואך אנטקעגן יענע הערלאישע דורות וואָס האָבן געהאַט גענוג כוח און אמונה, גענוג פעסטקייט צו ענטפערן "אויפן בייזן ברום פון צורר מיטן פעסטן מוט פון קדושים". וועט ער האָבן גענוג פעסטקייט, ווי יענע, צו ליידן ענויים פארן גלויבן, צו שטארבן פארן אידעאל?... אין די דאָזיקע מינוטן פון שוואכקייט, בעט ער ביי יענע גבורה'דיק-הייליקע יידעס זיי זאָלן אים געבן גלויבן און טרייסט.

אָבער דאָס זענען בלויז מאָמענטן; באלד דערפילט ער זיך געשטארקט און געמוטיקט דורכן הייליקן גאנג פון דער טויזנט-יאָריקער יידישער מארטירער-געשיכטע. ער טריאומפירט מיטן נס פון יידישער נצחיות: ער איז נתפעל פונעם עצם וואונדער וואָס זיין גערודפ'ט פאָלק, אָן מיטלען זיך אנטקעגנצושטעלן איז ניט אומגעקומען; ער ווערט געטרייסט דערמיט וואָס:

גע‏שען איז דער וואונדער דער גרויסער,
וואָס ניט האָבנדיק מער זיינע הענט,
האָט מען שלאָגן געקענט אים אָן אָפּהאלט,
און דערשלאָגן אים אלץ ניט געקענט.

שילדערנדיק אין א סעריע לידער דעם יאָמער פון חורבן און די יאָר-יערלעכע תשעה-באב'ס במשך דעם לאנגן גלות, פאַרענדיקט דער דיכטער מיט האָפנונגספולע שורות:

איך זע און וויס: עס קען ניט גיין פארלאָרן
דאָס פאָלק, וואָס ווארט יאָרטויזנטער אזוי.
און טראָגט נאָך אזוי הייס די עלטסטע האָפנונג,
און פילט נאָך אזוי טיף דעם עלטסטן וויי.

אין דעם אומבאנעמלעכן פענאָמען פון יידישער אייביקייט, אינעם נצחון פון יידישן לעבן און איבערלעבן על אפם וחמתם פון אלע צוררים, שעפט ליעסין זיין ־ דיש-נאציאָנאלן פאטאָס.

מיט זיין אומגעהייער גרויסן יראת-הכבוד פאר דער יידישער היסטאָרישער פארגאנגענהייט, זעט ליעסין אין יעדער אות פון אלע אונדזערע תורות אין אלע צייטן, אן אומאויסשעפלעכן קוואל פון הויך-עטישע פרינציפן און לעבנס-קאָנצעפטן. אין אויפהאלטן די אלע תורות, געהייליקטע אין פארגאָסענעם בלוט פון דורות, און געלייטערטע אין די פלאמען פון ברענענדיקע קדושים, זעט ליעסין דעם זין און ציל פון דער יידיש-היסטאָרישער עקזיסטענץ. א באגייסטערטער פון דער דערהויבענער קדושה פון יידישקייט, שווערט ער אין מינוטן פון אינספיראציע:

צו ציען אלץ ווייטער דורך דורות,
דעם וואונדער פון ווילן און וויי,
צו לעבן פאר הייליקע תורות
און שטארבן מיט פעסטקייט פאר זיי.

מיט פיעטעט צו די טרעגער פון די הייליקע תורות קלייבט ליעסין התלהבות'דיק די פערל פון גייסטיקער גבורה, פון קדוש-השם. אן עקזאלטירטער באזינגט ער דעם העלדנמוט פון אלע גבורים און קדושים פון אלע תקופות און פון אלע אידעאלן.

אָנהייבנדיק מיט דער עקדה און חנה מיט אירע זיבן זין, ציט ער אין עקסטאטישן געזאנג די קייט פון אלערליי עקדות. פון ר' עקיבא'ן און די עשרה הרוגי מלכות, ביז צו די טויזנטער אנאָנימע מקדשי־השם פון מיטלאלטער און ביז צו די לעצטע רעוואָלוציאָנערע מארטירער ווי הירש-קע לעקערט, דער פראָסטער ווילנער שוסטער-ארבעטער, וואָס האָט מיט זיין קרבן געהייליקט די חשיבות פון מענטש.

פיטן פון לשון־יידיש

דורך די אלע ציט זיך איין פייער, איין נס, איין וואונדער, איין קדי־שה: אלע זענען זיי באהויכט מיט דער גבורה'דיקער "פרייד צו קענען זיך אפזאגן פון פרייד" און מיט דער מאראלישער עשירות פון "גליק צו קענען זיך אפזאגן פון גליק".

סיי דער קדוש השם פון רעליגיעזע, פרום-גלויביקע יידן און סיי דער קדוש-השם פון יידן אין די מאדערנע סאציאליסטישע באוועגונגען זענען געווען דער קוואל פון ליעסינס באגייסטערונג.

דער תמצית פון ליעסינס וועלט-אנשויאונג איז דער אוניווערסאליס-טיש-עטישער אינהאלט פון דער טראדיציאנעלער יידישער קולטור. ניט געווען ביי אים קיין סתירה צווישן רעוואלוציאנערן קאמף פאר סאציאלן יושר און גוטער יידישקייט. אדרבא, אין די יידיש-סאציאליסטישע באווע-גונגען האט ליעסין געזען די קאנטינואיטעט פון נביאיש-יידישן קאמף פארן תקון-העולם.

קינדער פון געטאָ, אין געטאָ אליין,
יידן-שטויב חוכא און טלולא.
לעצטע פון לעצטע אין שקלאפן-המון
זיינען די ערשטע אין גאולה.

זע איך דעם נביא, וואס האט זיי געזען,
טויזנטער יארן דערוויטערט —
דורות נאך דורות אין הייליקן ברען,
טויזנטער יארן געלייטערט.

גיי איך אן אנטציקטער און גיי,
העלט מיר אלץ העלער דער וואונדער;
הויך אין נאכט זע איך אויף יעדן פון זיי
פלאקערט א פאקל באזונדער.

אברהם ליעסין געהער צו דער עלטערער תקופה פון פאעטישן שאפן

אויף יידיש. זינט דאַן איז די יידישע פּאָעזיע אוועק גאָר א ווייטן נוסח'־דיקן און קינסטלערישן מהלך. אָבער בשעתו איז די ליעסין-דערשיינונג אין דער פּאָעזיע, געווען א רעוואָלוציאָנער-נאָוואטאָרישע ניט נאָר אין דער פאָרם, נאָר דער עיקר אין איר אינהאלט און טעמאטיק.

די מאָדערנע יידישע פּאָעזיע איז, סיי אין פאָרם, סיי אין אינהאלט ארויפגעשטיגן צו גאָר הויכע שטאפלען. די היינט-צייטיקע יידישע דיכטונג פארמאָגט א צאָל פּאָעטן פון גאָר הויכער קינסטלערישער מדרגה. ניט קיין סך ליטעראַטורן קענען שטאָלצירן מיט דיכטער פון אזא פארנעם ווי עס איז אונדזער לייוויק; אין דער איצטיקער יידישער פּראָזע און פּאָעזיע זענען שוין אויך ניט זעלטן קיין קדוש-השם און גאולה-מאָטיוון.

ביי דעם אלעמען פארבלייבט ליעסין דער פּיאָנער פון א נייער פאָרם און א נייעם אינהאלט אין דער יידישער פּאָעזיע. ער בלייבט אויך אן איינציק-ארטיקער פּאָעט פון קלאסישן נאציאָנאלן פארנעם.

די אייגנארטיקע טעמאטיק און דאָס התרוממות-הנפש וואָס ליעסין האָט אריינגעבראכט אין דער יידישער פּאָעזיע שטעלט אים אויף דער זעלבער מדרגה פון פרץ'ן, וועלכער האָט אריינגעבראכט נאציאָנאלן פּאטאָס אין דער יידישער פּראָזע.

דאָס אייביקע ליכט וואָס טראָגט זיך פון ליעסינס העראָאישע קדוש-השם־געזאנגען, דער התלהבות'דיקער נאציאָנאלער בטחון וואָס שטראלט ארויס פון יעדער שורה און זיין טיפער אומדערשיטערטער גלויבן אין נצח-ישראל שטעלט אים אוועק אין דער פאָדערשטער שורה צוזאמען מיט די גרויסע נאציאָנאל-שעפערישע פיגורן פון אונדזער צייט.

*

די השגחה האָט דעם פארגאנגענעם און אונדזער דור באשאָנקען מיט גרויסע דיכטערישע פיגורן. צווישן זיי הייבן זיך בולט ארויס ביאליק אין דער העברעאישער און ליעסין אין דער יידישער פּאָעזיע.

צווישן ביאליקן און ליעסינען זענען, אמת, פאראן וועזנטלעכע אונטערשיידן, אָבער אין זייער היסטאָרישער אויסווירקונג דערגענצן זיי איינער דעם צווייטן.

ביאליק האָט אין דער יידישער פּאָעזיע אריינגעבראכט דעם נביאי-

שן, צאָרנדיקן עלעמענט און ליעסין האָט אריינגעבראכט דעם פייט, דעם שטילן תפילה׳דיקן עלעמענט.

דער העברעאישער פּאָעט, ביאליק, האָט מיט זיינע שטייגער און פּאָלקס-לידער אריינגעפירט דאָס יידישע אין העברעאישע לשון. און דער יידישער פּאָעט, ליעסין, האָט מיט זיינע עפּישע געזאנגען אריינגעפירט דאָס העברעאישע אין יידישן לשון.

ביידע, סיי ביאליק, סיי ליעסין, וואָרצלען אין העראָאישער געשיכטע: ביידע שעפּן זייער אינספּיראציע פון זעלביקן קוואל און ביידע זענען באהערשט פון איין תשוקה — גאולה שלימה.

נאָר ביאליק, אין זיינע נאציאָנאלע לידער, זעט בלויז גבורישן נעכטן, (וואָס ער וויל זען אין אונדזער צייט). היינט זעט ער הכנעה און צעפאלונג. ביאליקן זענען פרעמד די יידיש-רעוואָלוציאָנערע באוועגונגען. דאקעגן ליעסין זעט אויפשטייג. אין זיינע לעצט-צייטיקע רעוואָלוציאָנערע יידישע מארטירער, ווי לעקערט, שמואל דער שמיד און אנדערע זעט ליעסין די אייניקלעך פון די אמאָליקע גבורים.

ביאליק איז פול מיט אייפער איבער אונדזער צוקונפט, ער שרעקט זיך, ער האָט מורא פאר דעקאדענץ אין אונדזער העראָאישן זיין. אין אן עת-צרה ווערט ביאליק פארצווייפלט, ער איז בייז, ער שרייט און שעלט, ער וועקט און רופט... ווי א קאָנטראסט צו אמאָליקער העלדישקייט, זעט ביאליק גלות׳דיקע געפאלנקייט. אין זיין נביאישן פּאטאָס זעט ביאליק די פארשוועכונג פון אייגענעם לעבן, דעם חילול פון מאקאבייאישער גבורה. ער זעט פאר זיך א צעשטויבט פאָלק. ביאליק שווידערט פון שרעק און מיט זיין דראָאונג פון פונאנדערפאל און אומקום מאכט ער אונדז אויך אויפשווידערן.

אנדערש איז ליעסין. ליעסינס דיכטערישע וויזיע לויכט פון בלוטיקן געראנגל מיט "בדמיך חיי" — מיט דיין בלוט וועסטו לעבן.

טראָגן זיך אלץ אימות איבער,
ווי און ווּיסט און ווינד...
האָב קיין מורא ניט, מיין ליבער,
ליולינקע, מיין קינד...
זאָלן בייז די בעסטיעס ברומען,

פיטן פון לשון־יידיש

דראָען ווילד און וויַט...
האָבן מיר דאָך בייגעקומען
זיי אין אייביקייט.

זאָלן די טיראַנען סמ'ען,
ברענען אונדז די ערד...
וועסטו שמידן אין די פלאַמען
פון דער קייט א שווערד —
א געהייליקטער צו שטרייטן
אין דער וועלט-אַרמיי,
אין די גרויסע גורל-צייטן,
גרויס אין גרויסן וויי.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי איך וועל מיט דיר שטאָלצירן,
ציטערן דורך נעכט,
בעת דו וועסט די מחנות פירן,
די באַפרייטע קנעכט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי איך זע דיך א באַהעלטן
גייט דאָס האַרץ מיר איין...
צינדער פון פאַרפלוכטע וועלטן,
אויסלייזער דו מיין.

(ביי דער וויג)

ליעסין זעט ניט קיין הכנעה און ניט קיין צעפאלעניש. אין אן עת צרה בלייבט ליעסין אומדערשיטערט און זיכער אין נצחון פון יידישער אייביקייט. צווישן לויערנדיקע שונאים זעט ליעסינס וויזיע די קומענדיקע פירער פון באפרייטע קנעכט, די "צינדער פון פארפלוכטע וועלטן".

מארטירערטום ברענגט ליעסינען צו העכסטער עקזאלטאציע; פון קדושים-בלוט שרייט ביי אים ארויס דער הויך-עטישער וואונדער פון "פרייד צו קענען זיך אָפּזאָגן פון פרייד", פון "גליק צו קענען זיך אָפּזאָגן פון גליק".

ביאליקס נאציאָנאלע לידער שטורמען אויף מיט זייער נביאישן פּלאַ-מיקן פּאַטאָס. ליעסינס לידער באגייסטערן אונדזער געמיט מיט הייליקן תפילה'דיקן געפליסטער. זיינע לידער לייענען זיך ווי א געבעט, ווי דער מאמעס הייליקער טייטש-חומש און ווי אירע תחינות וועגן די עשרה הרוגי מלכות.

און אויב ס'וועט געשאפן ווערן א נייע ליטורגישע זאמלונג, אויב נייע מחזורים וועלן אויפקומען, וועט ליעסין דאָרט פארנעמען אן אויבנאָן. מחמת ליעסין, אזוי ווי די פארהייליקטע מיטלאלטערלעכע פיטנים האָט אונדז געלערנט:

צו זיין א רינגל אין דער קייט...
צו ציען אלץ ווייטער דורך דורות
דעם וואונדער פון ווילן און וויי,
צו לעבן פאר הייליקע תורות
און שטארבן מיט פעסטקייט פאר זיי.

א קרבן פון דיכטערישן אמת

(מאָריס ראָזענפעלד)

די זיבן-אכט צענטליק יאָרן פון יידישע לעבן אין אמעריקע, איז אַ נאַציאָנאַלער וואונדער. דער יידישער געניוס האָט זיך דאָ ארויסגעוויזן אויף אַלע געביטן פון שעפערישקייט.

פון א נויטליידנדיקן, הילפלאָזן אימיגראנטן-עלעמענט, איז דאָס היינטיקע אמעריקאנער יידנטום ארויפגעשטיגן צו א וואוילהאָבנדיקן קאָלעקטיוו, וואָס שטיצט מיט א ברייטער האנט די הצטרכותן פון וועלט-יידנטום. אכציק פראָצענט אָפשטאמיקע פון דער פשוטער, אומגעבילדעטער אימיגראנטן-מאסע, באזיצן היינט-צו-טאָג העכערע בילדונג, און א טייל פון זיי פארנעמען העכסטע אָנגעזעענע פּאָזיציעס אין דער פּאָליטיק, עקאָנאָמיק און אויף אַלע געביטן פון דער וויסנשאפט אין יענעם לאנד.

און דאָס גאָר גרויסע וואונדער:

די צעפלאָסענע אימיגראנטן־מאסע, האָט באוויזן צו שאפן און צו קאָנסומירן א פרעכטיק-אויסגעוואקסענע יידישע ליטעראטור פון גרויסן פארנעם סיי אין כמות סיי אין איכות.

דעם דאָזיקן וואונדער האָט קיין שום עטנישע אָדער נאַציאָנאַלע גרופּע אין די פאראייניקטע שטאַטן ניט באוויזן.

ארעמע עמיגראנטן, נאָר-וואָס פון שיף אראָפּ, פארלוירענע ווי צעשראָקענע שאָף, האָבן באלד אָנגעהויבן זיך צו ווידמענען גייסטיקע ענינים

און אויסצואוואַרעמען אין מידן שויס שעפערישע עלעמענטן וועלכע האָבן באוויזן אויפצובויען אַ ליטעראַטור, וואָס באַזינגט דעם טרויער און בענקשאַפט צום אַלט-היימישן שטייגער און באַגלייט גלייכצייטיק דעם אויפגעקומענעם אופן פון לעבן אין דער נייער היים.

ניט קיין נחת-דרגא׳דיקע ליטעראַטור איז דאָ געשאַפן געוואָרן. ברייט זענען די שליאַכן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. אויף זיי זענען געגאַנגען צענטליקער שעפערישע גייערס... און הויך, אומגעהייער הויך איז דער אַרויפשטייג צום קופּאָל צו וועלכן אַ סך האָבן אַרויפגעטורעמט.

אַ געוואַלטיקער דיכטעריש-פּאָעטישער באַרג - אַרויף, געפלאַסטערט דורך ליעסינען, יהואַשן, משה לייב האַלפּערינען און אַ סך אַנדערע, פירט פון מאָריס ראָזענפעלדס אימפּולסיוו-קרעפטיקן אַריינמאַרש אין נעפּלדיקן באַגינען פון דער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע, ביז צו די הויך-פּאָעטישע, העל-זוניקע באַרג-שפּיצן דערגרייכטע דורך לייוויקן.

און גאָר מאַיעסטעטיש איז דער מלכות׳דיקער גאַנג פון דער יידישער קינסטלערישער פּראָזע אין אַמעריקע. אַ ברייט אויסגעבאַנטער וועג פירט פון די פּראָלעטאַרישע סקיצן-שרייבער ליבין און קאָברין דורך פּינסקין, מעצקערן, ברוך גלאַזמאַנען און אַנדערע, ביז צו איגנאַטאָוון, אָפּאַטאָשון און ענלעכע ברייט פאַרנעמיקע פּראָזאַאיקער און ראָמאַניסטן, וועלכע האָבן מיט אַדלער-שוואונג אַ ריס געטאָן די אַמעריקאַנער יידישע פּראָזע צו אָלימפּישע הייכן פון קינסטלערישן שאַפן.

אַזוינס האָט קיין אַנדער נאַציאָנאַלע גרופּע אויף אַמעריקאַנער ערד ניט באַוויזן. דעם פענאָמען האָט נאָר געקענט באַוויזן אַן עם-הספר...

ווי איז געווען דער באַגינען, דער אָנהייב פון אָט דער דערשיינונג?

*

אין לעצטן פערטל פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, האָט אויפן גאַנצן שטח פון ריזיקן צאַרישן רוסלאַנד זיך צעשטראָמט אַ רעוואָלוציאָנערע כוואַליע, אָנגעפירט דורך דער באַרימטער באַוועגונג "נאַראָדנאַיאַ-וואָליאַ", וועלכע האָט דורך טעראָריסטישע אַקטן געמיינט צו שטירצן די אַכזריות׳דיקע צאַרישע הערשאַפט.

די דאָזיקע באַוועגונג האָט צעשטורעמט די געמיטער און געזאַמלט ארום זיך אַלץ ברייטערע שיכטן פון דער בעסערער רוסישער אינטעליגענץ, פון וועלכע א קענטיקער טייל האָט זיך מוסר-נפש געווען לטובת דער באַפרייאונג פון אונטערדריקטן פאָלק.

דער בלוטיקער פאַרמעסט צווישן די רעוואָלוציאָנערן און דער צאַרישער רעאַקציע, איז געוואָרן אַלץ מער און מער פאַרביטערטער און האָט דערגרייכט זיין הויכפּונקט אין דער דערמאָרדונג פון קייסער אַלעקסאַנדער דעם 2-טן פון איין זייט און אין די תליות פון רעוואָלוציאָנערן פון דער צווייטער זייט.

דער טעראָר מצד דער "נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" קעגן די "קעפּ" און משרתים פון דער צאַרישער סאַטראַפּיע, האָט ביים גרויסן רוסישן פאָלק ארויסגערופן באַוואונדערונג און שטיינונג. דאַקעגן די פּראָצעסן און דער קעגן-טעראָר מצד דער צארישער רעאַקציע האָט ארויסגערופן צאָרן ביים בעסערן טייל פון דער רוסישער געזעלשאַפטלעכקייט.

די צארישע הערשאַפט וועלכע האָט זיך דערפילט צעטומלט און באַדראָט, האָט זיך גענומען צום אַלטן אויסגעפּרואווטן מיטל: אָפּצולענקען דעם פאָלקס-צאָרן קעגן אייביקן שעיר-לעזאזל — דעם ייד. די צארישע מאַכט האָט זיך א נעם געטאָן צו דערטרינקען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין טייכן יידיש בלוט.

א כוואַליע פון פּאָגראָמען האָט זיך אין די יאָרן 1881—1882 צעגאָסן איבער דער גאַנצער לענג אוןברייט פון יידישן תחום-המושב. צענטליקער שטעט און שטעטלעך זענען דורך א פינצטער-אָנגערייצטן המון צערויבט און חרוב געוואָרן; טויזנטער זענען דורכן צעווילדעוועטן רוסישן מאָב דערמאָרדעט געוואָרן און צענער-טויזנטער זענען געבליבן אינוואַלידן.

געטריבן פון פּאָגראָם-שרעק און פון נויט, האָט א טויזנטער-קעפּיקע יידישע מאַסע, אין בהלה און מיט געוואַלטיקן אימפּעט געשטראָמט צום פרייען אמעריקאַנער ברעג. דאָ האָבן זיי דערוואַרט צו געפינען ברויט און רו, א לעבן פון זעט און פריי פון מורא. די עמיגראַנטן-כוואַליע איז דעמאָלט געפלאָסן מיט דער שנעלקייט פון א נאַטור-סטיכיע אַזוי, אַז אין יענע עטלעכע בהלה-יאָרן, פון 82-טן ביזן 90-טן יאָר, האָט זיך בלויז אין ניו-יאָרק אָנגעזאַמלט א יידישע מאַסע פון דריי הונדערט טויזנט נפשות. פאַר

א קרבן פון דיכטערישן אמת

די עמיגראַציע פאַרהעלטעניש פון יענע יאָרן איז אַזאַ עמיגראַנטן-שטראָם אָן אומגלויבלעכער פּעבאַמען.

אַט די דאָזיקע עמיגראַנטן-מאַסע, וואָס איז באַשטאַנען פון קליינ־הענדלער און היימישע באַלמעלאָכעס, איז אַריינגעפאַלן אין אַזוי גערופענעם "סוועטשאָפּ", אין אַ מין שוויץ-פאַבריק פון מאַסן-פּראָדוקציע אין סעריעס. דאָ האָט דער אימיגראַנט געפּראַצעוועט פאַר אַ מיזערנעם לוין פון 12 ביז 14 שעה אין מעת-לעת.

דער "סוועט-שאָפּ" איז געווען אַ טונקעלע שטייג, דורך וועלכער ס'האָט זיך זעלטן דורכגעריסן אַ זונען-שטראַל אָדער אַביסל דרויסנדיקע לופט. דער "סוועט-שאָפּ"-אַרבעטער האָט כמעט ניט געזען די שיין פון טאָג-ליכט. ער האָט אפילו קיין צייט ניט געהאַט צו פאַרברענגען מיט זיין פאַמיליע אָדער זיך אַ שפּיל צו טאָן מיט זיין קינד, ווי דאָס ווערט טרעפ־לעך אויסגעדריקט אין מאָריס ראָזענפעלדס באַאַקאַנט ליד, "מיין יינגעלע":

די אַרבעט טרייבט מיך פרי אַרויס,
און לאָזט מיך שפּעט צוריק.
פרעמד איז מיר מיין אייגן לייב,
פרעמד מיין קינדס אַ בליק.

די וואוינונגס-באַדינגונגען זענען געווען גאָר קלאָגעדיקע; דער אי־מיגראַנט-אַרבעטער האָט געוואוינט אין פינצטערע, פייכטע געביידעס, אין די אַזוי-גערופענע "טענעמענט-הייזער" וואו ס'האָט געהערשט שרעקלעכע נויט. אָן ליכט, אָן לופט און אָן די עלעמענטאַרסטע סאַניטאַרע באַדינגונ־גען האָט זיך אין די דאָזיקע הייזער רחבות'דיק באַזעצט די "שווינדזוכט". דער טובערקולאָז, און מאַסנווייז פאַרשניטן דאָס לעבן פון יונגע און מיטל־יעריקע.

א צימער קאַלט און פינצטער,
און שטיל, עס דוכט זיך פּוסט,
נאָר דורך דער טיפער שטילקייט
ברעכט זיך שווער אַ הוסט.

א קרבן פון דיכטערישן אמת

דאָרט ליגט א מאַן א קראנקער,
פארלאָזן און פארשוואכט,
פון מענטשן ניט באקימערט,
פון הימל ניט באטראכט.

זיין פרוי, איר האָט די שווינדזוכט
אין גרוב שוין לאנג פארשלעפּט,
און פון קינדער אלע,
דאָס יינגסטע קינד נאָר לעבט.

דאָס איינע איז געבליבן
און האָט ניט וואו צו זיין —
דעם טאטנס לעצטע גדולה,
דעם טאטנס לעצטע פּיין.

דאָס איז א געטריי אמת'דיק בילד פון די דעמאָלטיקע באדינגונגען געשילדערט דורך מאָריס ראָזענפעלדן אין עטלעכע קורצע פערזן.

קומענדיק אין די אכציקער יאָרן קיין אמעריקע, האָט שוין דער מזרח-אייראָפּעאישער יידישער אימיגראנט דאָ באגעגנט זיינע, פון פריער געקומענע, גלויבנס-גענאָסן.

מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר פריער האָט געהאט אהער געשטראָמט א מאסן-עמיגראציע פון דייטשע יידן. איצט, אין די אכציקער יאָרן, זענען די אמאָליקע דייטש-יידישע אימיגראנטן שוין געווען גוט ארויפגעארבעטע. געווען שוין צווישן זיי אזא גביר-באנקיר ווי יעקב שיף און אזא פירנדיקע פּערזענלעכקייט ווי לואי מארשאל.

די דייטשע יידן, אָדער ווי מ'האָט זיי גערופן "יאהודים", האָבן זיך באטראכט פאר די נאטירלעכע פירער פון אמעריקאנער יידנטום. זיי האָבן געהאט געשאפן פילאנטראָפּישע אינסטיטוציעס און "ברודערשאפטס-לאָזשעס". דורך די דאָזיקע אינסטיטוציעס און "ברודערשאפטן" האָבן זיך די יאהודים גענומען פעסט און ענערגיש "אויסצומענטשלען" אמעריקאניזירן די "ווילדע" רוסישע יידן.

זייער הילפס-טעטיקייט, האָבן די יאהודים געפירט מיט באליידיקנ-

דיקער ביטול-באַציאונג און גרינגשעצונג לגבי די מזרח-אייראָפּעאישע ייִדן, און דאָס האָט זיך שווער געלייגט אויפן ביטערן געמיט פון הילפלאָזן, היימיש-יידישלעכן אימיגראַנט. די יאַהודים׳שע הילף האָט וויניק-וואָס געמילדערט די ביטערע נויט און מיט גאָרניט פאַרלייכטערט די שווערע דאָליע פון אימיגראַנטישן אַרבעטער. דאָס פרעמד-אַרטיקע דייטשמערישע "אויסמענטשלען", האָט דעם מזרח-אייראָפּעאישן, היימיש-יידישן אימיגראַנט, בלויז גייסטיק צעטומלט און מאָראַליש נאָכמער דערשלאָגן.

און וואָלטן די יאַהודימשע פירער, די דעמאָלטיקע "העכערע" שיכטן געבליבן מיט דער אויבערהאַנט איבער דער אימיגראַנטישער מאַסע, וואָלט שוין דאַן, אין דער פרעמדער פאַרלאָרנקייט, געווען זיך אָנגעהויבן דער גייסטיקער באַרג-אַראָפּ פון יידישן לעבן אין אַמעריקע.

גליקלעכערווייז איז געשען אַזוי, אַז די פּשוט׳ע מזרח־אייראָפּעאישע פאָלקס-יידן, האָבן באַקומען די מעגלעכקייט, אויף אַ מער ווירדיקן, און שפּראַכלעך-היימישן אופן, זיך צו אָריענטירן וועגן זייער מצב אַלס אימיגראַנטן-אַרבעטער, און פאַר איינוועגס זיך צו באַקענען מיט דער נייער וועלט וואָס רינגלט זיי אַרום.

דאָס איז געשען אַ דאַנק דער דעמאָלטיקער, נאָרוואָס אויפגעקומענער פרעסע אויף יידיש.

*

די אַלגעמיינע פּאָגראָם-פּאַניק פון די אַכציקער יאָרן וואָס האָט פאַרורזאַכט די בהלה׳דיקע עמיגראַציע, האָט צעטומלט אַ געוויסן שיכט פון דער יידישער אינטעליגענץ. די פּאָגראָם-כוואַליע האָט זיי דערשיטערט; אויסגעוועפּט זענען געוואָרן אַלע אילוזיעס וועגן אַסימילאַציע און אינטעגראַציע. צוזאַמען מיט די פעדערן פון אויפגעטערענטן יידישן בעטגעוואַנט, האָט דער ווינט פאַרווייעט דעם גלויבן אין דער באַזונדערער מענטשלעכער ברידערלעכקייט מצד דעם סלאַוו לגבי זיין יידישן שכן און מיטמענטש.

אַ טייל פון אָט דער אַנטוישטער אינטעליגענץ, האָט געצויגן לאָגישע מסקנות פון פאָרגעקומענעם. זיי האָבן באַשלאָסן אויסצואַוואַנדערן, כדי אין נייע לענדער, אויף גאָר נייע יסודות אויסצובויען זייער אייגן לעבן און

דאָס לעבן פון זייערע מיטברידער אין באדינגונגען פון סאָציאַלער און נאַ-
ציאָנאַלער פרייהייט אָדער אומאָפּהענגיקייט.

פון דער דאָזיקער אינטעליגענץ האָבן זיך אויסגעטיילט צוויי בולט'ע
פּיאָנערן גרופּעס:

די ערשטע איז די באַקאַנטע "בילו"-גרופּע, וועלכע האָט זיך אוועק-
געלאָזט קיין ארץ-ישראל כדי אויפצולעבן דאָס אַלטע יידישע לאַנד. זיי, די
"בילויים", האָבן געגרינדעט די ערשטע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס
ראש-פּינה, ראשון-לציון, פּתח-תקוה, זכרון-יעקב און אַנדערע. די דאָזיקע
קאָלאָניעס זענען געוואָרן דער יסוד פון דער שפּעטערדיקער גרויסער קאָ-
לאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, ביזן אַנטשטיין פון דער יידישער מדינה.

די 2-טע גרופּע האָט זיך א נאָמען געגעבן "עם-עולם" און האָט זיך
אוועקגעלאָזט צו דער פרייער אַמעריקע. דאָ האָבן זיי געוואָלט אויפבויען
א נייע, גערעכטע געזעלשאַפט אין דער פאָרם פון סאָציאַליסטישע געמיינ-
דעס.

קיין סאָציאַליסטישע געמיינדעס איז דער "עם-עולם" גרופּע אין אַמע-
ריקע ניט געלונגען אויפצושטעלן. גאָר אײנגיכן האָבן זיי, צוגלייך מיט אַנ-
דערע אימיגראַנטן, זיך קאָנצענטרירט אין דער גרויסער ניו-יאָרק, און
אויסגעבילדעט פון זיך א שיכט פון קאָסמאָפּאָליטיש-סאָציאַליסטישע און
אַנאַרכיסטישע פּרעדיקער און אויפקלערער. די דאָזיקע גרופּע האָט אומ-
דירעקט געשאַפן דעם הינטערגרונט פאַר א זעלבסטשטענדיקער יידישער
פּרעסע און ליטעראַטור אין אַמעריקע.

פאַרוואָגלטע און פאַרלוירענע האָבן די אימיגראַנטישע מאַסן זיך גע-
פּלאָנטערט אין דער, פאַר זיי פרעמדער, אומפאַרשטענדלעכער וועלט. אין
היימישן שטעטל איז יעדער יחיד פון דער דאָזיקער מאַסע געווען א "יש"
מיט אַן אינדיווידועלן פּנים און כאַראַקטער; מיט אַן אייגענעם נאָמען און
פּאָזיציע צווישן נאָך אַזעלכע זיינס-גלייכן. דאָ, איינעם מדבר פון מענטשן-
זאַמד, איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א נאָמענלאָזן אינסטרומענט, אין אַן
אויטאָמאַט וואָס גיסט פון זיך שווייס.

הגם מערסטנס צווישן אייגענע, ווערט אָבער אין דער סביבה פון
"סוועט-שאַפּ" (שוויץ-פאַבריק) פאַרמעקט דאָס געדעכעניש פון היימישן
נעכטן. דאָ מוז דער אימיגראַנטישער אַרבעטער טיף פאַרדרענגען און פאַר-

טייען די געפילן לגבי היימיש איינגעשטעלטע באגריפן און השגות. דאָ איז גאָר אַן אנדער וועלט — אמעריקע!...

אין וואָס עס באשטייט אין דער אמת'ן דער דאָזיקער תוהו־ובוהו וואָס הייסט "אמעריקע" און וואָס ס'איז זיין פלאַץ דעריין, האָט דער אימיגראַנט ניט באגריפן; דאָס דאַרף עמעץ אים אויפקלערן איופן היימישן לשון. אי־מיצער מוז אים העלפן זיך אַפּצוגעפינען אין דער פארלוירנקייט, געבן אויס־דרוק זיין מצב אין די נייע, פרעמדע באדינגונגען און זיין דער פירשפּרע־כער פון זיינע פארשטומטע געפילן.

די, אין יידישן לשון, אויפגעקומענע סאָציאַליסטישע פּרעסע מכל־המינים, האָט דערפילט די דאָזיקע וויכטיקע אויפגאבע.

דער וועטעראַן פון דער יידישער פּרעסע און ליטעראַטור אין אמע־ריקע, דוד פינסקי, האָט צו דער געלעגנהייט פון 75 יאָר יידישע פּרעסע אין אמעריקע געשריבן בערך פאָלגנדעס:

> די פאַראייניקטע שטאַטן זענען א געמיש פון פעלקער. א בבל פון שפּראַכן. יעדער פאָלק איז דאָ מיט זיינע צייטונגען... אומצייליק זענען דאָ די כרעמד-שפּראַכיקע בלעטער. אָבער די גרעסטע זענען די יידישע... — — — די יידישע צייטונגען — שרייבט ווייטער פינסקי — האָבן אויפגעריסן די אויגן פון יידישן אימיגראַנט אויף דעם נאָענטן ארום און אויף דער ווייטער וועלט... באלויכטן אים די געשעענישן...
>
> די צייטונגען — פירט פינסקי ווייטער — זענען ניט גע־ווען קיין בלויזע נייעס-ברענגער, קיין אינפאָרמאַציע אויסטיי־לערס, נאָר אויך, און דער עיקר, אידייען-טרעגערס... סאָציאַ־ליזם, אנאַרכיזם, פריידענקעריי און שפּעטער ציוניזם. די צײ־טונגען זענען געווען קאַמפּס-אָרגאַנען קעגן אלערליי עקאָנאָמי־שע און קאָציאַלע אונטערדריקונגען. שפּעטער זענען די יידישע צייטונגען געוואָרן, און זענען פארבליבן, אזוי טיף יידיש, אזוי נאַציאָנאַל-קעמפעריש, שטענדיק גרייט אויפצושטורעמען אין פּראָטעסט קעגן יידישער אונטערדריקונג און פארפאָלגונג. דער ייד פון מזרח-אייראָפּע האָט קיינמאָל אזא מוטיקע שפּראַך ניט

געהערט און ער האָט זיך דאָ דערפילט געשיצט און געמונטערט.

און דער גורל דיקסטער, גרעסטער אויפטו פון דער יידישער פרעסע — שטרייכט אונטער פינסקי — איז דאָס, וואָס זי, די פרעסע, האָט געשאפן די יידישע ליטעראטור. אויף די צייטונגען איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן די יידישע ליטעראטור סיי אין די ערשטע שריט און סיי אין דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון אירע שעפערס.

די דאָזיקע דערשיינונג געפינט מען ניט אין קיין אנדער שפראך, ביי קיין שום אומה ולשון אין די פאראייניקטע שטאַטן. אך ורק די יידישע פרעסע צייכנט זיך אויס דערמיט. און וואָס פארא מהלך די פרעסע האָט דורכגעמאכט אין דער אנטוויקלונג פון יידיש; פון איר דייטשמעריש און ביטול-באציאונג צו יידיש, ביז צו דער שטאָלצער וואָרט-עשירות, וואָס מאכט זי פאר איינער פון די רייכסטע ליטעראטורן".

בכן, קענען מיר אונטערשטרייכן דעם אומבאשרייטבארן פאקט, אז דער היסטאָרישער פארדינסט פון דער יידיש-סאָציאליסטישער פרעסע אין אמעריקע באשטייט ניט בלויז אין איר סאָציאליסטישער אויפקלערונגס-דאָל, נייערט אויך אין איר פּיאָנערישער איניציאטיוו פארן אויפקום פון אַ זעלבסטשטענדיקער יידישער ליטעראטור אין אמעריקע; ס'איז איר אויסשליסלעכער פארדינסט.

דורשטיק נאָך וויסן, האָט דער אימיגראנטן-עולם זיך שנעל צוגעוואוינט צו לייענען אַ בלאַט־צייטונג, וועלכע האָט צו-ביסלעך אנטוויקלט זיין באוואוסטזיין, און גלייכצייטיק דערמיט, איז ער געוואָרן אַ ליטעראטור-קאָנסומענט.

די מעשה אָדער דאָס ליד האָט געהאָלפן דעם אימיגראנט זיך אַפּצוזוכן אין דער נייער אומבאקאנטער סביבה, אים באקענט מיט דעם, וואָס עס טוט זיך מיט מענטשן ארום אים, און מערער פון אלץ — וואָס עס געשעט מיט אים גופא.

די דערציילונג האָט געשילדערט דעם אימיגראנט, זיין לעבן, זיינע באציאונגען מיטן ארום; דאָס דעמאָלטיקע יידישע ליד האָט דעם אימיגראנ-

טישן ארבעטער ווי ארייגעטראָפן אין פינטל פון זיין אייגענעם געמיט, פון זיין לייד און פּיין, פון זיין שווערער האָרעוואניע און פון ארעמען עלנט.

אינגיכן האָט זיך איינגעשטעלט א שטיקל ליטעראַרישע אטמאָספער וואס האָט ארויסגערופן פּאָעטן און דערציילערס. ס'קומען אויף און ס'ווערן פּאָפּולער א צאָל פּאָעטן ווי דוד עדעלשטאט, יוסף באָוושאָווער, ווינטשעווסקי, שאַרקאַנסקי און אַנדערע, וועמעס לידער ס'ווערן געזונגען מיט געפיל און ענטוזיאַזם אין שאַפּ און אין דערהיים... אָבער אינעם כאָר פון די אלע, טייל סענטימענטאַלע, טייל רעוואָלוציאָנער-מונטערנדיקע לידער, הילכט אמערסטן ארויס דאָס עכטע פּאָעטישע ליד פונעם גרעסטן דיכטער פון יענער צייט — מאָריס ראָזענפעלד.

כדי ארויסצוברענגען א קלאָר און אמת'דיק בילד פון דער דעמאָלטיקער ליטעראַטור-אטמאָספער לאָמיר פריער פארפיקסירן דעם פאַקט, אז דער אָנהייב פון א יידישער ליטעראַטור אין אמעריקע, איז ניט קיין פּראָדוקט פון קיין אויפגעקומענעם, רייף געוואָרענעם קינסטלערישן דראַנג, און איז אויך ניט אנטשטאַנען צוליב קינסטלערישע צילן. אוודאי און אוודאי ניט צוליב קולטורעלע, אָדער נאַציאָנאַל-היסטאָרישע אימפּעראַטיוון און אַספּיראַציעס. סיי די פּראָזע, סיי די פּאָעזיע איז אנטשטאַנען און אויפגעקומען אויסשליסלעך צוליב איינאיינציקן אידייאישן צוועק — סאָציאַליזם. די ליטעראַרישע שאַפונגען זענען פּראָסט און פּשוט איינגעשפּאַנט געוואָרן צו דינען דער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע און אויפקלערונג. דערמיט דערקלערט זיך, אגב, די טעמאַטישע אידענטישקייט ביי אלע שרייבערס, הן ביי די ווייניקער, הן ביי די מערער טאַלענטירטע.

גאָר בולט קומט די ענלעכקייט צום אויסדרוק אין דער דעמאָלטיקער פּאָעזיע. אין ליד, מער ווי אין אַנדערע זשאַנערן, קומען געוויינלעך קענטיקער ארויס די אייגנאַרטיקע שטימונגען און דער אינדיווידועלער פּרצוף-פּנים פון יעדער פּאָעט באַזונדער. אָבער אין דער דעמאָלטיקער יידישער פּאָעזיע אין אמעריקע, האָבן "אלע יונים איין פּנים"; אלע זענען אינספּירירט פון איינאיינציקער טעמע: די פּראָלעטאַרישע דאָליע און דער רוף צום קאַמף, צו רעוואָלוציע. דאָס געשעט, לכתחילה, ביי אלע, סיי ביי די ווייניקער טאַלענטירטע עדעלשטאט באָוושאָווער און ווינטשעווסקי און סיי ביי אזא הויך טאַלענטירטן פּאָעט ווי ס'איז געווען מאָריס ראָזענפעלד.

ס'איז בלי ספק געווען די פּראָלעטאַרישע נויט און דער סאָציאַליס-

טישער אידעאל וואָס האָט דעמאָלט אינספּירירט דעם פּאָעט צום דיכטן. אין איינעם פון זיינע ערשטע לידער "דער טרערן-מיליאָנער" דערציילט מאָריס ראָזענפעלד אז "דעם שקלאַפּס א קרעכץ שטימט אָן זיין קעל צום זינגען".

ס'איז אפשר ניט קיין צופאַל, וואָס דוקא דאָס ליד איז געווען די ערשטע, די פּיאָנערישע פאָרם פון דער יידישער ליטעראטור אין אמע-ריקע.

ווי א קאָנצענטרירטע פאָרם, איז דאָס ליד אמערסטן מסוגל ארויסצו-ברענגען דעם תמצית, די קווינט־עסענץ פון פּראָלעטארישער נויט און דעם עיקר פון פּראָלעטאריש-סאָציאַליסטישן ציל. אגב, האָבן די לידער שטארק געווירקט מיט זייער טרעפלעך-עקזאַקטן, ניט פארשטעלטן רעאַליסטישן לשון.

אומגעהייער גרויס איז טאַקע געווען די ווירקונג פון ליד. בליץ-שנעל זענען די לידער פון עדעלשטאַט, ראָזענפעלד און אנדערע פּאָפּולער גע-וואָרן.

די סענטימענטאַלע לידער פון דוד עדעלשטאַט און די צו מאָל שטור-מענדיקע (ניט שטורעמדיקע...) לידער פון באָווּשאָווער האָבן געדינט די פּראָלעטאריש-סאָציאַליסטישע צילן. אזעלכע לידער ווי עדעלשטאַטס "אָוונט-גלאָק" און "מיין צוואה", און באָווּשאָווערס "צום שקלאַף", האָבן געריכט צום געמיט פון פארפּייניקטערט-אימיגראַנטישן נייער און פּרעסער אין דער שוויץ-פאבריק. אָבער די דאָזיקע פּאָעטן האָבן ניט באוויזן ארויס-צוהייבן זייערע לידער פון ציל-באַוואוסטער פּראָפּאַגאַנדע צו פּאָעטיש-קינסטלערישער מדרגה. סיי עדעלשטאַט, סיי באָווּשאָווער זענען גאָר יונג געשטאָרבן; אפשר ווען זיי וואָלטן לענגער געלעבט, וואָלטן זיי זיך מסתמא אנטוויקלט צו אמת'ער פּאָעטישקייט. ביי באָווּשאָווערן קען מען נאָך וואו־ניט-וואו געפינען א בילד, אויפכאַפּן א פּאָעטישן קלאַנג, וואָס ווערט, אגב, תיכף פארטויבט פון רעוואָלוציאָנערער פּראָקלאַמאַציע:

— — — ווען כ'זע דיינע הערשער, וואָס טרינקען דיין בלוט—
דיין בלוט וואָס איז מיר אזוי טייער,
דאַן צינדט זיך אין הארצן ביי מיר אָן א גלוט,
עס פלאַקערט באַלד אויף דאָרט א פייער.

א קרבן פון דיכטערישן אמת

אָדער וואו עס הערט זיך שוין יאָ עפּעס א פּאַטעטישער קלאנג אָדער עס ווייזט זיך עפּעס א בילדל:

ווען כ׳זע דעם דונערס ווילדער קראך
צעשפּאַלט דעם שטיק און מאכט אים פלאך,
צעשניידט זיין הארטקייט ווי א זעג,
און מאכט דעם טייכל פריי דעם וועג...
טיף באגייסטערט רוף איך, שריי:
רעוואָלוציאָן! דו מאכסט מיך פריי!...

אין עדעלשטאַטס, מיט אזוי פיל התלהבות געזונגענע לידער, קען מען זעלטן אָנטרעפן עפּעס א בילד וואָס זאָל אָנדייטן אויף עכטער דיכטערישקייט; פון עדעלשטאַטן איז בלויז געבליבן דער קרעכץ אויפן ביטערן גורל פון ארבעטער. אפשר איז עס דערפאר, וואָס לויט זיין שרייבערישן טאלאנט האָט גאָר עדעלשטאט געדארפט זיין אַ פּראָזאַאיקער, פאראן ביי אים עטלעכע דערציילונגען, געטרייע שילדערונגען פון ארבעטער-לעבן. לידער האָט עדעלשטאט אפנים געשריבן צוליב דער פריער דערמאָנטער צוועקמעסיקער אייגנשאפט פון ליד. עדעלשטאטס ליד איז אומבאהאָלפן, באדויערנדיק און באקלאָגנדיק, פול מיט קראנקן געמיט.

אָ, מוזע רוף מיך ניט מיט דיינע צויבער פינגער,
וועק ניט די סטרונעס פון מיין קראנקן הארץ.
פארמשפּט איז צום טויט דיין בלאסער זינגער,
צו ענדע איז דאָס ליד פון קאמף און שמארץ.

אָדער:

אָ, גוטער פריינט, ווען איך וועל שטארבן,
טראָג צו מיין קבר אונדזער פאָן:
די פרייע פאָן, מיט רויטע פארבן,
באשפּריצט מיט בלוט פון ארבעטס-מאן.

אויך אין מיין קבר וועל איך הערן,
דאָס טרויער-ליד, דאָס שטורעם-ליד.

א קרבן פון דיכטערישן אמת

אויך דאָרט וועל איך פארגיסן טרערן
פאר דעם פארשקלאפטן קריסט און ייד.

די רויטע פאָן, דער סימבאָל פון שטורעם, פון קאמף, ווערט ביי עדעלשטאטן גאָר א מאָטיוו פאר קלאג און טרערן. אפילו אין זיינע שטורמענדיקסטע לידער, פילט זיך ארויס זיין סענטימענטאלע אומבאהאָלפנקייט. אין א ליד "צו די ארבעטער פרויען" די וואָס "שמאכטן אין הויז און פאבריק" שרייט דער פּאָעט:

העלפט אונדז טראָגן דעם באנער דעם רויטן
פאָרווערטס דורך שטורעם, דורך פינצטערע נעכט!
העלפט אונדז אמת און ליכט צו פארשפרייטן
צווישן אומוויסנדע עלנטע קנעכט.

אגב איז אינטערעסאנט וואָס די פּאָעטן און די פובליציסטן פון יענער צייט האָבן — שוין דוקא ניט ווי סאָציאליסטן, נייעדס ווי דורכשניטלעכע באלעבאטישע משכילים — באטראכט זייער עולם ווי עפּעס א טאָמעוואטע טשערעדע, וואָס ווייסט גאָרניט, וואָס פילט גאָרניט... זיי, די פּאָעטישע אויפקלערער, ווי די פובליציסטישע פּרעדיקער, דארפן עס אויסבילדן די "אומוויסנדע, עלנטע קנעכט" אפילו דער מער טאלענטירטער מאָריס ווינטשעווסקי איז אויך ניט פריי פון אָט דער באציאונג צום "עלנטן קנעכט".

אין זיינס א ליד "די צוקונפט" זינגט מאָריס ווינטשעווסקי צווישן אנדערן:

לאָז דאָס פאָלק נאָר ווערן קליגער,
און פאריאָגן דעם באטריגער...

און אזוי ווייטער און ווייטער אין דאָזיקן סטיל... היינט, הייסט עס, איז דאָס פאָלק נאריש אומוויסנד. זיין אויפגאבע איז, נאטירלעך, דעם פאָלק קליגער צו מאכן. און דאן — א גן-עדן...

דאָס איז דער שטייגער פון אויפקלערער און פּרעדיקער. זייער טרעפ-

לעד איז ניגער ווען ער באצייכנט די דעמאָלטיקע שרייבער און ליטע-ראַטן ווי סאָציאַליסטישע משכילים, און די ליטעראַטור ווי סאָציאַליסטי-שע השכלה. באמת, די זעלביקע משכילישע ״בת השמים״ נאָר מיט א סאָ-ציאַליסטיש-אַנאַרכיסטישן אונטערשלאַג...

ווי א מער טאַלענטירטן אויסנאַם פון דער פּלעיאַדע פּראָלעטאַרישע פּאָעטן פון יענער צייט, דאַרף מען באַטראַכטן מאָריס ווינטשעווסקין.

ביי ווינטשעווסקין זענען פאַראַן א סעריע רירנדיקע, פיין געשיל-דערטע בילדער ווי למשל: ״אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט״ און דאָס באַרימט-געוועזענע, אומעטום געזונגענע ליד ״דריי שוועסטער״. אָבער אויך ער האָט זיך צו קיין עכטער פּאָעטישקייט ניט דערהויבן. ער קען זיך ניט באַפרייען פון פּובליציסטיש-פּראָפּאַגאַנדיסטישן סטיל. זעלטן צו גע-פינען ביי ווינטשעווסקין א ליריש פּאָעטישן טאָן אפילו דאָרטן וואו ס׳זע-נען פאַראַן גענוג מאָטיוון און אָנרעגונגען.

מאָריס ראָזענפעלד איז דער אויסנאַם, אַן אוניקום אין דער גאַלעריע פון די דעמאָלטיקע פּאָעטן.

א קרעפטיקער דיכטער מיט טעמפּעראַמענטפולע אימפּולסן; א פּאָעט מיט עכטער לירישער הרגשה, מיט דיכטערישער שפּירעוודיקייט, האָט מאָ-ריס ראָזענפעלד דערלאַנגט צו גאָר געהויבענע פּאָעטיש-קינסטלערישע מדרגות.

לשם אילוסטראַציע נעמען מיר צוויי לידער אין וועלכע ביידע, מאָ-ריס ווינטשעווסקי און מאָריס ראָזענפעלד, דערציילן וועגן זייערע אינספּי-ראַציעס. ביי ביידע איז דער מאָטיוו — טרערן.

מ. ווינטשעווסקי:

מייַן פעדער איז טעמפּ, און די טינט מיינע בלאַס
איך וויל און איך קען היינט ניט שרייבן;
און אויסער דעם איז דאָס פּאַפּיר עפּעס נאַס,
עס גייט ניט, עס העלפט ניט דאָס טרייבן.

מייַן פעדער ווערט טעמפּ, ווייל עס ציטערט די האַנט
באַטראַכטנדיק אָבער און ווידער,

א קרבן פון דיכטערישן אמת

וואָס איר — אך אומגליקלעכע — לײדט נאָכאַנאַנד,
אומגליקלעכע אַרבעטער-ברידער.

און בלאָס איז די טינט, נאָס דאָס פּאַפּיר
וואָרום — וועל איך באַלד אײַך דערקלערן:
די טינט, דאָס פּאַפּיר — רק זײ ווערן בײַ מיר
פאַרגאָסן מיט בלוטיקע טרערן.

מאָריס ראָזענפעלד:

אָ, ניט קײן גאָלדענער קאַמערטאָן
שטימט אָן מײַן קעל צום זינגען.
עס קאָן דער וואונק פון אויבנאָן
מײַן שטים ניט מאַכן קלינגען!

דעם שקלאַפס א קרעכץ, ווען ער איז מיד,
נאָר וועקט אין מיר די לידער.
און מיט א פלאַם לעבט אויף מײַן ליד
פאַר מײַנע אָרעמע ברידער.

דערפאַר פאַרגײ איך אָן א צײַט
דערפאַר ווערט אויס מײַן לעבן:
וואָס קענען מיר די אָרעמעלײַט
פאַר א באַלוינונג געבן?

זײ צאָלן טרערן פאַר א טרער, —
דאָס אַלץ וואָס זײ קאָנען; —
איך בין א טרערן-מיליאָנער
און ווײן אויף די מיליאָנען.

ווינטשעווסקין מאַכן די טרערן דיכטעריש אומבאַהאָלפן, זײ פּאַראַ-ליזירן מכלומרשט זײַן מוזע. ראָזענפעלדן פאַרקערט, דווקא די טרערן וועקן

אין אים דעם דיכטער, לאָזן אים ניט שווייגן. "מיט א פלאם לעבט אויף מיין ליד". ראָזענפעלדס מוזע איז א צו שטארקע, זי צווינגט אים צו געבן אויסדרוק זיינע שפּירונגען און עמאָציעס וואָס קומען אויף ביים אָנבליק פון טרערן. און עכטער אמת'ער דיכטער ווערט ניט פאראליזירט פון א שטארקער עמאָציע. אדרבא, א טיפע איבערלעבעניש ווערט ביים אמת'ן פּאָעט פארוואנדלט אין שטאָף פאר דיכטונג, א מאָטיוו פאר געזאנג...

דאָ איז ניט פאראן קיין כוונה, חלילה, צו מינימיזירן דעם היסטאָרישן אָדער אפילו דעם פּאָעטישן ווערט פון די מחברים פון דער פּיאָנערישער סאָציאלער פּאָעזיע אויף יידיש אין אמעריקע. די כוונה איז בלויז אָנצואווייזן אז די מוזיקע פּאָעטן האָבן ניט געקענט זיך ארויסהייבן פונעם גדר פון דער אידייאישער ראַם, פון פּראָפּאַגאַנדיסטישן ציל. זייער ליד איז געבליבן אין שפּאַן פון דער — ווי ניגער וואָלט געזאָגט — קאָסמאָפּאָליטיש-סאָציאַליסטישער השכלה. אנדערש איז אָבער געשען מיט מאָריס ראָזענפעלדן.

ווי אלע זיינע צייט-חברים, איז מאָריס ראָזענפעלד פּאָעטיש א פּראָדוקט פון דער זעלביקער אידייאישער ראם. ער טיילט זיך אָבער אויס דערמיט, וואָס ער איז דער ערשטער — און אין די ערשטע יאָרן אפשר דער איינציקער — פון צווישן די פּראָלעטארישע פּאָעטן וואָס האָט ארויסגעהויבן דאָס סאָציאַליסטיש-פּראָלעטארישע ליד פון באנאַל-סקארבאָווער פּראָפּאַגאנדע צו א הויכער קינסטלעריש-פּאָעטישער מדרגה. און ווי א לאָגישער המשך דערפון, איז מאָריס ראָזענפעלד געווען דער איינציקער פון צווישן זיינע פּאָעטישע מיטצייטלער, וואָס האָט ניט געלאָזט זיין טאַלענט ארייננפאַסן אין בלויז אין באשטימטער ראם אָדער אידייאישער דיכטונג.

הגם מאָריס ראָזענפעלד איז אינטואיטיוו געווען פּאָעט נאָך איידער ער איז באַווירקט געוואָרן פון פּראָלעטארישע אידעאַלן. (ער האָט נאָך אלס חדר-יינגל מחבר געווען גראַמען וואָס האָבן די יינגלעך געדינט צו פּאַרשידענע שפּילן און ציילענישן). בלייבט אָבער אַן אומבאַשטרייטבארער פּאַקט, אז ערשט ווען ער איז צוזאַמען מיטן בהלה'דיקן שטראָם אָנגעקומען אין 1882 קיין אמעריקע איז ער דאָ אויפגעקומען אלס פּאָעט מיט א נאָמען. ערשט אין אמעריקע האָט אין ראָזענפעלדן זיך אויפגעוועקט זיין פּאָעטישע רייפקייט. זיין קינסטלעריש-דיכטערישע דערוואַכונג האָט ראָ-

א קרבן פון דיכטערישן אמת

זענפעלד צו פארדאנקען די אידייאיש-סאָציאליסטישע אטמאָספער אונטער וועמעס השפעה ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן פּראָלעטארישע לידער. זיין ערשטן דיכטערישן תיקון האָט ראָזענפעלד באקומען נאָך דורך זיינע אר-בעטער-געזאנגען; א דאנק זיי, איז ער אויך באקאנט געוואָרן אין ענגלישע און דייטשע ארבעטער-קרייזן. אָבער ווי אן עכטער פּאָעט, האָט ער ניט געקענט לאָזן צוימען זיין מוזע און פארדרענגען זיינע דיכטערישע געפילן צו איינאיינציקן אידעאָלאָגישן אָדער סאָציאלן מאָטיוו.

אין קעגנזאץ צו אנדערע זיינע צייטגענאָסן, האָט ביי ראָזענפעלדן די אויבערהאנט דער פּאָעט און ניט די אידייע. ביי ראָזענפעלדן קומט די טעמע נאָך דער פּאָעטישער אינספּיראציע. יעדער מאָטיוו, א פּראָלעטארי-שער צי א נאציאָנאל-יידישער, — ניט רעדנדיק וועגן זיינע פּראכטפולע נאטור-לידער — ווערט ביי אים דערהויבן צו דיכטונג. דעם ארבעטערס ווייי און געוויש פון מאשינען אָדער דאָס געוויין פון יידן אין תשעה-באב, פון אלץ ווערט ביי אים געזאנג. אלע טעמעס ווערן באוועלטיקט פון זיין גרויסן דיכטערישן טאלענט. צו דעם באזיצט ראָזענפעלדס ליד א זעלטענע מוזיקאלישקייט. דער ריטמיש-מוזיקאלישער געבוי פון ראָזענפעלדס שו-רות איז תמיד הארמאָניש מיטן בילד, געמיט און ספערע פון געגעבענעם ליד.

די ריטמיש-מוזיקאלישע הארמאָניע און צוזאמענקלאנג פון געשיל-דערטן מיטן פערזנטאקט פון באטרעפנדיקן ליד, איז בולט אין אזעלכע טעמאטיש-קעגנזעצלעכע לידער ווי: "אין דויש פון מאשינען" און "גלות-מארש"; אין "מיין ראָמאנס" און אין די ערשטע פערזן פון "ווידער איז דער מאי געקומען" און אין צענטליקער אנדערע לידער און פּאָעמעס.

ראָזענפעלד איז געווען געבענטשט מיט מוזיקאלישן חוש. ער האָט אפילו פיין געזונגען. זיינע לידער פלעגט ער דעקלאמירן אויף ליטערא-רישע אָוונטן נאָך איידער זיי זענען ערגעץ וואו געדרוקט געוואָרן. ס׳קען גריילעך זיין אז בשעת׳ן שרייבן, האָט דער פּאָעט אין זינען געהאט, אז די לידער דארפן דעקלאמירט ווערן. דערפון דער פיינער, קלאנגפולער געבוי און ריטם פון כמעט אלע זיינע לידער.

לײדער האָט זיך אזוי געמאכט, אז מאָריס ראָזענפעלד איז געוואָרן אָ קרבן פון זיין דיכטערישער באגאבונג.

*

א קרבן פון דיכטערישן אמת

מאָריס ראָזענפעלד איז געווען באַשאָנקען מיט א דיכטערישער קראַפט, וואָס האָט זיך געריסן דורך אַלע קעמערלעך צו דער ליכטיקער שיין; ער איז געווען געבענטשט מיט א פּאָעטישן טאַלענט צו געבן אויס-דרוק אַלע רעגונגען און עלעמענטן וואָס האָבן באַגייסטערט זיין מוזע און אָנגעפילט זיין געמיט... דוקא אָט די גאָטס ברכה, האָט זיך אין ראָזענ-פעלדס לעבן פאַרוואַנדלט אין א קללה, וואָס האָט, סוף כל סוף, פאַרענ-דיקט מיט ראָזענפעלדן דעם פּאָעט און אפילו מיט ראָזענפעלדן דעם מענטש.

ראָזענפעלד האָט מיט דער צייט אָנגעהויבן צו שרייבן לידער פון נאַציאָנאַל-יידישן אינהאַלט...

דער גורל האָט געוואָלט, אַז זיין איבערגאַנג פון פּראָלעטאַרישע צו יידישקייטס-טעמעס איז געווען טיילווייז פאַרבונדן מיט זיינע פּרנסה-קוואַלן. דאָס איז גענוג געווען אַז די פּראָלעטאַרישע פּראָפּאַגאַנדיסטן זאָלן אים פאַרשרייען און באַשולדיקן אין אידייאישן פאַראַט „צוליבן מיזערנעם שטיקל ברויט".

צו יענער צייט געהערט, מסתמא, זיין ליד „ווי איך זינג". דאָס האָט געזאָלט זיין דעם פּאָעטס ענטפער אַלע פּראָפּאַגאַנדיסטן, וועלכע האָבן אים געוואָלט האַלטן אין שפּאַן, און וועלכע האָבן אים איצט פאַרשריען ווי א פּראָלעטאַרישן פּורץ-גדר, א פאַרעטער פון די סאָציאַליסטישע ציִלן. אין דאָזיקן ליד גיט דער דיכטער א שיין-טרעפלעך בילד פון פּאָעטישער אינס-פּיראַציע, וואָס „קומט פון ברוסט, ניט פון קאָפּ":

איר פרעגט ביי מיר וואו איך באַלאַנג,
וואָס מיך דערפרייט און מיר טוט באַנג,
אָ, הערט די נאַכטיגאַלס געזאַנג!
אָט גיסט זי אויס איר זיסן גוסט
אויף א געשמאַקן בלומענקוסט,
און אָט פאַרגייט זי פאַר געוויין
דאָרט ערגעץ אויף א הוילן שטיין...
אָט פּייפט זי פריי אין גרינעם וואַלד
און אָט הילכט פון א חורבה באַלד
אַרונטער איר פאַרכישופט קול:

א קרבן פון דיכטערישן אמת

זי זינגט דעם בארג, זי זינגט דעם טאָל.

אזוי זינג איך מיין ערלעך ליד
א וואו עס וועלקט און וואו עס בליט,
האָב קיין באשטימטע ריכטונג ניט.
איך זינג — דאָס זינגען איז מיין ציל.
און יעדעס ליד איז א געפיל,
איך קלער ניט וואָס, איך קלער ניט ווען.
אָט פלוצלונג גיט איז הארץ א ברען,
עס גיט א קלעם, עס גיט א שפאר,
אמאָל די פרייד, אמאָל דער צער —
דאָס קומט פון ברוסט און ניט פון קאָפּ,
און די נשמה נארט ניט אָפּ.

די קאָסמאָפּאָליטיש-סאָציאליסטישע פּרעדיקער פון יענער צייט, האָבן ניט פארשטאנען, אָדער אפשר ניט געוואלט פארשטיין, אז ביי דער, ביז ניט לאנג, פארפינצטערטער, פון זיך פארגעסענער אימיגראנטן-מאסע האָט זיך עפּעס געענדערט. ווי גיך דער אימיגראנט האָט זיך אויסגעטשוכעט פון דעם בהלה'דיקן לויפן און זיך אָפּגעזוכט נאָך דער פארלוירנקייט אין נייעם לאנד, האָט זיין געמיט דערפילט א בענקשאפט צום נאָענטן נעכטן פון דער אלטער היים, צום אמאָליקן יום-טוב, צו די היימישע ימים-טו־ראים'דיקע און שבת-יום־טוב'דיקע געזאנגען... דער שאפ-ארבעטער האָט זיך שוין איצט ניט באגייסטערט אויסשליסלעך מיטן פּראָלעראטיש-סאָציאליסטישן ליד, וואָס באקלאָגט זיין מצב און רופט אים צו רעוואָלט פאר א בעסערן מאָרגן. דער בארויקטער אימיגראנט אין שאפּ, זינגט שוין איצט מיט בענקשאפט א היימישן "לכה-דודי" אָדער א "כל-מקדש" און קוויקט זיך אין גרויסער גייסטיקער הנאה מיט א שטיקעלע פון ראש־השנה'דיקן מחזור. ער לויפט שוין אין שול אריין כדי צו הערן א גוטן חזן, ניט ווייניקער ווי אויף די יוניאָן-פארזאמלונגען... זיין זיפץ אויף די אַלגעמיין-יידישע צרות איז איצט א סך א טיפערער, ווי דער קרעכץ אי־בער דער שווערער לאגע פון ארבעטער.

בכל אופן איז ביים יידישן ארבעטער דער נאציאָנאלער צער איבער

זיין יידישן פאָלקס-אומגליק ניט קלענער, אפשר גרעסער, ווי דער צער איבערן ליידנדיקן ארבעטער-קלאס. א באגרענעצונג פון יידישן רעכט אין רוסלאנד, אָדער א צארישע גזרה קעגן יידן, האָט אויפן איצטיקן יידיש־אימיגראנטישן שאפּ-ארבעטער געמאכט א גרעסערן איינדרוק ווי דער רושם פון עפּעס אן אדורכגעפאלענער דעמאָנסטראציע, אָדער א פארלוי־רענער שטרייק אין מאָסקווע אָדער ווארשע.

ראָזענפעלד האָט דערפילט די מעטארמאָפאָזע אין די שטימונגען פון אימיגראנט. ער האָט אויפגעכאפּט די נאציאָנאל-יידישע שפּירונגען וואָס האָבן זיך אויפגעוועקט צווישן דער אימיגראנטן-מאסע. די דאָזיקע הרגשות און אנונגען האָבן געפונען אָפּקלאנג אין ראָזענפעלדס שעפערישן, פּאָעטיש-עמפּינדלעכן געמיט, אים געגעבן באנייטן שטאָף, נייע מאָטיוון, נאציאָנאלע אָנרעגונגען און נאציאָנאלן פּאטאָס פאר זיין דיכטערישן שאפן.

דער פּאָעט האָט מיט די יידישקייטס-מאָטיוון אין זיינע דיכטונגען גאָרניט און קיינעם ניט פאראטן. ווי אן עכטער, אמת'ער פּאָעט איז ראָ-זענפעלד בלויז געטריי געווען די, פאר וועמען ער האָט זיין ליד געזונגען. דער דיכטער איז באווירקט געוואָרן פון די נייע עמאָציעס און אימפּולסן ביי די מענטשן, מיט וועמען ער איז באהעפט און פארבונדן געווען אונ-טער אלע באדינגונגען. דורך זיין ליד האָט ער איצט אויסגעזונגען זייער נאציאָנאלן צער, בענקשאפטן און האָפנונגען, ווי ער האָט עס פריער גע-טאָן ביים אויסזינגען דעם וויי און צאָרן פון זייער פאראומערטן פּראָלעטא-רישן געמיט.

פאר זיין פּאָעטישער אויפריכטיקייט און פאר זיין קינסטלערישער פרייהייט, האָט מאָריס ראָזענפעלד א טייערן פּרייז באצאָלט. די סאָציא-ליסטישע פּרעסע-אָרגאַנען האָבן אים אויסגעמיטן... דער דיכטער האָט גע־ליטן נויט...

ביז איצט איז ראָזענפעלדס מוזע געניויגט געווען צום פּאָעטישן ליד צום הימן, צו דער אָדע. ראָזענפעלד האָט פארמאַגט אלע פּאָעטישע רע־קורסן פאר יובלענדיקע געזאנגען. זיינע נאטור-לידער וויברירן מיט עק-זאלטירטער פייערלעכקייט. זעלטן געווען צו געפינען ביי ראָזענפעלדן א ליד, פון וועלכן ס'זאָל ניט שטראלן קיין פּאטאָס. איצט הייבט אָן דער פּאטאָס צו פארשווינדן; די העצע קעגן אים מצד די סאָציאליסטישע פּראָפּאגאנדיסטן און זיין מאטעריעלע נויט, האָט ראָזענפעלדן ארויסגע-

פירט פון זיין פּאָעטישן גלייכגעוויכט. אָן אנטוישטער פאלט ער אריין אין פארביטערונג. די ארעמקייט און נויט לענקט זיין מוזע צו סארקאזם. ער זעט זיך פלוצלונג ארום, אז ער האָט ביז איצט „פאר א טויטער וועלט גע-זונגען":

איך בין ווי א שוואלב גאנץ פרי געקומען
א בשורה פון א נייעם מאי צו ברענגען.
איך האָב געוועקט די אומגעבארענע בלומען.
א טויטע וועלט אוועקגעשענקט מיין זינגען.

דער אנטוישטער דיכטער פאלט אריין אין א מין צערייצטקייט, וואָס האָט אים דערפירט צו א גדלות-מאניע.

וואָרום ניט נאָר אין טאלענט איז ראָזענפעלד געשטאנען העכער פון זיינע צייט-חברים, אויך אין בילדונג און אין וויסן איז ער זיי ווייט ארי-בערגעשטיגן. ראָזענפעלד האָט געקליינט א סך לשונות, ער איז געווען גוט באקאנט מיט דער דעמאָלטיקער פוילישער, דייטשער און ענגלישער דיכטונג. עס איז זייער ווארשיינלעך אז ער האָט ביי יענע פרעמד-שפּראַ-כיקע דיכטער א סך געלערנט. פון תמיד האָט ראָזענפעלד ביי זיך גע-האדוועט א זעלבסטבאוואוסטזיין פון פּאָעטישער און אלגעמיין־אינטעלעק-טועלער העכערקייט. און אז פּראָפעסאָר ווינער האָט איבערגעזעצט זיינע לידער אויף ענגליש און וועגן אים געשריבן אין אן ענגלישער ליטערא-טור-אויסגאבע, האָט עס ראָזענפעלדן גאָר צעטומלט... פאקטיש איז ראָ-זענפעלד געווען דער ערשטער — און דאָן דער איינציקער — „זשארגאָ-נישער" שרייבער וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף ענגליש, און שפּעטער אויף א סך אנדערע שפּראכן.

א דאנק זיין אנערקענונג צווישן גויים האָט זיך אויך פארבעסערט ראָזענפעלדס מערכה צווישן יידן. עס איז אויפסניי געוואקסן זיין פּאָפּולארי-טעט. זיינע ביכער זענען איבערגעזעצט און ברייט געלייענט געוואָרן צווישן דייטש-שפּרעכנדיקע ארבעטער און אינטעליגענץ. זיין דעמאָלטיקע נסיעה קיין איראָפּע איז געווען א גרויסע טריאומפאלע רייזע וואָס א דיכטער האָט ווען עס איז געהאט; אומעטום האָט מען אים אויפגענומען מיט גרויס בא-

גייסטערונג. אין ווין, האָט דער באַרימטער אַקטיאָר, פּאַן זאָנענטאַל, פון דער אָפּיציעלער בינע אַראָפּ, רעציטירט מאָריס ראָזענפעלדס לידער.

ניט אויף לאַנג האָט ביי ראָזענפעלדן אַ שיין געטאָן די הצלחה. זיינע לעצ-טנס-גרויסע דיכטערישע דערפאָלגן זענען, ליידער, ניט באַגלייט געוועזן מיט קיין פּערזענלעכן גליק. עס שטאַרבט ביי אים זיין איינציקער 15 יאָריקער זון, וועלכער האָט צו 10 יאָר שוין אַרויסגעוויזן גרויסן פּאָעטישן טאַלענט. דאָס, און אַנדערע אומגליקן דערשלאָגן אים. ער ווערט אַלץ מער צע-רייצט און פאַרביטערט קעגן אַלעמען. ביסלעכווייז גייט ביי אים פאַרלאָרן זיין כוח היצירה און אין רעזולטאַט דערפון, האָט ער, צוליב אַן אומגליק-לעכן ליטעראַרישן אינצידענט פאַרלאָרן זיין לעצטן אָנהאַלט. ער בלייבט אָן פּרנסה-קוואַלן און לסוף ווערט ער פאַראַליזירט...

*

א פאַרלאָזענער, אַ כמעט פאַרגעסענער הויכט אויס ראָזענפעלד זיין צאַרטע, פיין-פילנדיקע נשמה. דאָס איז געווען אין יוני 1923.

די ידיעה וועגן זיין טויט האָט אויפגערודערט דאָס יידישע אַמעריקע אַזוי, אַז נאָך שלום-עליכם׳ען האָט מאָריס ראָזענפעלד געהאַט די גרעסטע יידישע לויה אין ניו-יאָרק. צו זיין אייביקער רו האָבן יאָים באַגלייט קרוב צו 25 טויזנט מענטשן.

דער באַקאַנטער קריטיקער און אַרבעטער-טוער, קלמן מרמר, האָט בשעתו דערציילט, אַז צווישן דער גרויסער מאַסע מלוים האָבן געפעלט די אַרבעטער-מאַסן, פאַר וועמען דער נפטר האָט זיינע הערלעכסטע לידער אויסגעזונגען.

עלנטקייט איז געווען דער לוין פאַר זיין דרייסטקייט און מוט צו זיין אַ פּאָעט — ווי ער האָט געזונגען — "פון בדוסט און ניט פון קאָפּ".

אין יענער עפּאָכע פון קאָסמאָפּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדיסטן-הערשאַפט אין דער ליטעראַטור פאַרן "יידיש-שפּרעכנדן" אימיגראַנט, האָט מאָריס ראָזענפעלד געהאַט דעם מוט און די דרייסטקייט צו זיין דער איינציקער קינסטלעריש-פרייער דיכטער צווישן אַלע אַנדערע זיינע פּראָלעטאַרישע חברים-זינגער.

גלייכצייטיק דערמיט, האָט ער אויך זוכה געווען צו זיין דער ער-

שטער, טאלענטפולער נאציאָנאל-יידישער פּאָעט אויפן אמעריקאנישן באָדן.

דאָס איז, און דאָס וועט פארבלייבן, זיין גרויסער היסטאָרישער זכות לדור-דורות.

★

ספרא וסייפא

(א. סוצקעווער)

אין סעפטעמבער 1963 האָט מען אין מדינת-ישראל און אין די קול-טור-קרייזן פון די תפוצות געפייערט דעם 50 יאָריקן יובל פונעם פּאָעט, אברהם סוצקעווער, איינער פון די טאַלענטירטסטע יידיש-דיכטער פון אונדזער צייט.

אין די יובל-פייערונגען פון מדינת ישראל האָבן זיך באַטייליקט אינטעליגענץ און פאָלקס-מענטשן פון אַלע שיכטן. אָנגעהויבן פונעם מדינה-פּרעזידענט, זלמן שזר, און פון פאָרזיצער פון דער העברעאישער אוני־ווערסיטעט, אליהו אילת, ביזן באַשיידנסטן אַרבעטער און בעל-מלאכה — אַלע האָבן אָפּגעגעבן כבוד דעם, פון ירושלים דליטא אָפּשטאַמיקן פּאָעט.

די יובל-פייערונגען האָט אָנגעהויבן דער עכסטער קולטור-מוסד פון לאַנד, דער מאַקסימאַלסטער אַנשטאַלט פון וויסנשאַפט און פאָרשונג אין דער מדינה — די העברעאישע אוניווערסיטעט. די הויפּט-באַגריסונג אויף יענער פייערונג האָט געהאַלטן ניט קיין אַנדערער ווי דער מדינה-פּרעזי-דענט, זלמן שזר.

נאָך דער דערעפענונגס-רעדע פון פאָרזיצער פון דער העברעאישער אוניווערסיטעט, און נאָך דער האַרציקער, וואונדערלעכער באַגריסונגס-רעדע פון נשיא המדינה, האָט דוב סדן, פּראָפעסאָר פון דער יידיש-קאַטעדרע אין דער אוניווערסיטעט און איינער פון די אָנגעזעענסטע אויטאָריטעטן אויפן געביט פון יידיש־פאָלקלאָר און פון ליטעראַטור-וויסנשאַפט, געהאַלטן אַן

אויסשעפלעכן רעפעראט וועגן אברהם סוצקעווערס שאפן און דער בארימ־טער דיכטער, איציק מאנגער, האָט געלייענט א פּאָעטישן עסיי.

שפּעטער זענען פאָרגעקומען נאָך פייערונגען און צווישן זיי, די גרויסע מאסן־פייערונג אינעם נאציאָנאלן טעאטער "הבימה" פון תל־אביב, אין וועלכער ס'האָבן זיך באטייליקט מיט באגריסונגען און אָפּשאצונגען דער שמן און סולת פון דער אינטעליגענץ אין דער יידישער מדינה.

אין זיין דערעפענונגס־וואָרט צו דער פייערונג אין אוניווערסיטעט, האָט דער נשיא־האוניברסיטה, ה' אליהו אילת, טעקסטועל געזאָגט:

"דאָס איז א וויכטיקער טאָג פאר אונדז און א גרויסער זכות פאר דער אוניווערסיטעט צו פייערן היינט דעם יובל פון אברהם סוצקעווער.

א וויכטיקער טאָג פון א סך בחינות. ראשית־כל, ווייל מיר גיבן דאָ אָפּ כבוד א גרויסן דיכטער. והשנית, ווייל מיר שטרייכן דאָ אונטער, און דעמאָנסטרירן דורך זיין פּערזאָן, אונדזער קשר מיט יענעם יידנטום, וואָס אין אים איז ער אויסגעוואקסן, אין אים האָט ער אנטפּלעקט זיין גרויסן טאלאנט און אין אים איז ער ממשיך די פארבינדונג צווישן דעם יידנטום, וואָס אין זיך מערהייט איז עס שוין ניטאָ מערער. אָבער ס'איז דאָס יידנ־טום וואָס האָט איבערגעלאָזט פאר אונדז גרויסע אוצרות, וועלכע מיר דארפן אָפּהיטן, קולטיווירן און זאָרגן פאר זיי. און א גרוי־סער זכות איז אונדז צוגעטיילט געוואָרן דורך דעם, וואָס עס איז געבליבן דאָס שארית פון דער שרייבער־משפּחה, צו וועל־כער עס געהערט אונדזער יובילאַר.

און ווייטער זאָגט דער פּאָרזיצער פון דער אוניווערסיטעט:

— מיר האָבן זוכה געווען צו האָבן א קאטעדרע פאר יידיש, פאר איר ליטעראטור און שפּראך. דורך איר, וועלן מיר זאָרגן צו אנטוויקלען דאָס יידישע לשון, און שטעלן עס אין צענטער פון דער אלגעמיינער יידיש־שאפונג. קלאָר, אז די יידיש־קאטעדרע קען ניט זיין פארשלאָסן אין אירע דלד אמות.

זי דאַרף זײַן פֿאַרבונדן מיט אַלץ, וואָס ווערט געטאָן אויפֿן יידיש-געביט."

איז אפשר כּדאַי אָנצואווײַזן, אַז בלויז מיט דעם וואָס סוצקעווער איז געווען די סיבה אַז צוליב אים זאָלן מיר הערן אָט די נאָדוואָס ציטירטע דערקלערונגען וועגן יידישן לשון און יידיש-קולטור, דעקלאַראַציעס גע-מאַכטע דורך דער העכסטער און מאָסגעבנדיקסטער פיגור פון אַלערהעכס-טן מוסד פאַר יידישן וויסן ווי ס'איז דער פּאָרזיצער פון דער העברעאישער אוניווערסיטעט — דאָס אַליין איז שוין אַ גענוגנדער באַווײַז פון סוצקעווערס שיעור-קומה און די פּאָזיציע וואָס ער פאַרנעמט צווישן דער העכסטער אינ-טעלעקטואַליטעט פון דער יידישער מדינה. דאָס איז אַ מאָטיוו פאַר אַלע ליבהאָבער פון דער יידיש-קולטור צו וועלן באַגרײַפן און פּרובירן אָפּצושאַ-צן דעם פאַרנעם פון דער סוצקעווער דערשײַנונג אין דער יידישער ליטע-ראַטור; דאָס איז אַ וואָגיקער סטימול צו וועלן באַנעמען די חשיבות'דיקע אויסשטראַלונג פון סוצקעווערס גרויסער פּאָעטישער פּערזענלעכקייט, זײַן פלאַץ אין מאָדערנעם יידישן שאַפן, און זײַן השפּעה לטובת דער באַציאונג צו יידיש און צו דער יידישער ליטעראַטור אין דער וועלט בכלל און אין מדינת ישראל בפרט.

האָס האָט סוצקעווערס גרויסער טאַלאַנט געפאַנגען די הערצער, באַ-זיגט און צעשטערט די פעסטונג פון גלײַכגילטיקייט צו יידיש און צו איר ליטעראַטור אין מדינת ישראל.

*

אברהם סוצקעווער איז די איציקע מזל'דיקע דערשײַנונג אין דער ליטעראַטור אויף יידיש; דווקא אין דער קריטישער עפּאָכע פאַר דער יידי-שער שפּראַך און איר ליטעראַטור, האָט סוצקעווער אַ הייב געטאָן דאָס חשי-בות און אַ ריס געטאָן צו גאָר הויכע פּאָעטישע מדרגות דאָס יידישע וואָרט און די יידישע ליטעראַטור.

לייוויק האָט אַמאָל געזאָגט, אַז סוצקעווערס וועג איז דער וועג פון גרויסקייט. סוצקעווער אַליין האָט כאַראַקטעריזירט זײַן פּאָעטישע מיסיע אַזוי:

ספרא וסייפא

איך דארף צו זיך דערהייבן יעדע קליינקייט
איך דארף באַשפּייזן דערנער מיט מיין שיינקייט.

אין זיין פּאָעטישן דרך פּאָלגט סוצקעווער די מיסיע פון "באַשפּייזן דערנער מיט שיינקייט". אליין א געבליבענער נאָך די גרוילן פון יידישן אומקום און א באַטייליקטער אין קאמף קעגן נאַצישן רוצח, ווערט ער פון חורבן ניט אנטמוטיקט און פארן קאמף ניט דערשראָקן.

עכאָ פון שאָטנס,
געקרייציקטע קלאַנגען,
און איך בין געגאַנגען.
זיילן פון ליכט,
ווי צעבראָכענע זאַנגען,
און איך בין געגאַנגען.

וואוהין?
צו געפינען א מענטשלעכן אָטעם.
א לעבעדיק וואָרט איבער ליימיקע ליפּן,
אפּנים צו קאָנען אים זאָגן: גוט-מאָרגן!
צוזאמען מיט דיר האָט די וועלט נאָך א קיום.
און ס׳קריכן ניט מער פון די ארבל קיין שלאַנגען...
און איך בין געגאַנגען.

די דאָזיקע שורות זענען ווי א סימבאָליש בילד פון סוצקעווערס שע- פערישן גאנג. דער דיכטער גייט זיך זיין האָפנונגס-פולן וועג אפילו צווישן צעבראָכענע ליכט זיילן "כדי צו געפינען א מענטשלעכן אָטעם". אין דעם טאקע באַשטייט סוצקעווערס פּאָעטיש-מאגישער כוח. דאָס איז זיין דיכטע- רישע קראַפט און — אויב איר ווילט — אויך זיין פּארטיזאנישע גבורה.

*

פאראַן ביי דוד פרישמאַנען א מעשה׳לע וועגן צוויי גבורים, וואָס האָבן

זיך ארויסגעלאָזט איבער דער וועלט צו זוכן א געווער מיט וועלכן זיי זאָלן קענען באהערשן די וועלט. ביידע זענען צוגעקומען צו א שטאָל-שאכטע, און יעדער האָט פאר זיך אויסגעגראָבן א שטיק שטאָל, כדי דערפון אויס-צושמידן זיין כלי-זין.

איינער האָט פונעם שטאָל אויסגעשמידט א שווערד און מיט איר זיך אוועקגעלאָזט פארנעמען די וועלט. דער צווייטער האָט פון זעלביקן מעטאל זיך אויסגעשמידט א פען און מיט דעם געווער זיך אוועקגעלאָזט די וועלט צו באהערשן.

פרישמאן גיט צו, אז דער גבור מיט דער שווערד האָט די וועלט ניט באהערשט, דאקעגן האָט דער גבור מיט דער פען די וועלט יאָ איינגענו-מען...

פון שטאנדפונקט פון היסטאָרישן אמת און פון דידאקטישער מאָראל איז דאָס מעשה'לע וואונדערלעך. אין קאמף צווישן ברוטאלער מאכט און גייסט — זיגט דער גייסט...

ס'טרעפט אָבער ווען א גבור קען זיך ניט באגנוגענען מיט איין סאָרט געווער; ס'געשעט אז דער ברוטאלער געבריאזג פון שווערדן איז עלול צו פארטויבן דעם איידעלן געקריץ פון פען און צו פארניכטן איר טרעגער — דעם פען-גבור. אין אַנבליק פון אזא געפאר, קען מען דעם שונא באקעמפן נאָר מיט זיין אייגענעם בייז. דאן איז ניט נאָר די פען, נייערט אויך די שווערד א טוגנט...

דאָס איז מסתמא דער זין פון באקאנטן מאמר חז"ל: "ספר וסייף ירדו כרוכים מן השמים", אז דאָס בוך און די שווערד זענען צוזאמען אראָפּ פו-נעם הימל.

אָט האָט די געשיכטע צוגעשפּילט א באשיינפערלעכן משל:

מיר האָבן ווי פינגער געשטרעקטע דורך גראטן
צו פאנגען די ליכטיקע לופט פון דער פריי —
דורך נאכט זיך געצויגן צו נעמען די פלאטן,
די בלייענע פלאטן פון ראָם'ס דרוקעריי.
מיר, טרוימער, באדארפן איצט ווערן סאָלדאטן
און שמעלצן אויף קוילן דעם גייסט פונעם בליי.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ספרא וסייפא

דאָס בליי האָט געלויכטן ביים אויסגיסן קוילן.
מחשבות — צעגאַנגען אַן אות נאָך אַן אות,
אַ שורה פון בבל, אַ שורה פון פּוילן,
געזאַטן, געפּלייצט, אין דער זעלביקער מאָס.
די יידישע גבורה אין ווערטער פאַרהוילן,
מוז אויפרייסן איצטער די וועלט מיט אַ שאָס!

אין אונדזערע טעג איז עס געשען אַז דער גבור פון פּען, אברהם סוצקעווער, האָט געמוזט נעמען די שווערד. („מיר, טרוימער, דאַרפן איצט ווערן סאָלדאַטן”...) אַזוי האָבן מיר דערקענט אין סוצקעווערן סיי דעם סובטעלן פּאָעט און סיי דעם מעדאַלירטן פּאַרטיזאַנען־קעמפער.

וואָרום עס איז געשען אַז רשעות איז דערגאַנגען צום הויכפּונקט: דאָס אכזריות און בלוט־שולד האָט דערגרייכט צו אַזאַ מדרגה, אַז דער מענטש האָט געהאַלטן ביים פאַרלירן די לעצט־סימנים פון זיין צלם־אלקים. ס'איז געווען אַז דער ארכי־אוממענטש האָט זיך אַנטפּלעקט אין זיין גאַנצער גראָטעסקער, טומאה'דיקער געפּאַלנקייט. דאָ האָט אברהם סוצקעווער, דער יונגער ספרא, דער שרייבער, געמוזט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ סייפא, אַ שווערד־האַלטער. דער פּאָעט האָט צעשמאָלצן ספרים־זאַץ און גמרא־אותיות אין ראָם'ס דרוקעריי, כדי דערמיט אויסצושמידן כלי־זין קעגן אכזריות'דיקן פּאַרטיליקער. אַ געווער — וואָס זאָל „אויפרייסן די וועלט מיט אַ שאָס”.

*

מיר געדענקען סוצקעווערן, ווען מיר האָבן דאָ, אין ריאָ, געהאַט דאָס פאַרגעניגן אים אויפצונעמען און אים צו באַגריסן צו זיין פערציק־יאָריקן געבוירנטאָג. שוין דאַן איז ער פאַר אונדז געשטאַנען מיט אַ פאַרגרויטן קאָפּ. זיינע גרויע האָר האָבן אונדז כלל ניט געוואונדערט, מחמת מיר האָבן זייער גוט געוואוסט אַז סוצקעווער איז אַ טויזנט־מאָל געראַטעוועטער פון באַשיינפּערלעכן טויט. וואָס עס האָט אונדז יאָ געוואונדערט איז געווען זיין דיכטערישע פרישקייט און זיין פּאָעטיש־שעפערישע וויטאַליטעט. מיר האָבן זיך געוואונדערט איבער דעם, וואָס סוצקעווער, אַן אוד מוצל מאש, אַ געראַטעוועטע האַלאַוועשקע פון פייער, נאָך אַלע זיינע פער־

זענלעכע יסורים און פּיינען, און נאָך אלע זיינע היפּער-עמפּינדלעכע איבערלעבונגען בשייכות מיט אונדזער נאציאָנאלער קאטאסטראָפע, זאָל ער, נאָך דעם אלעמען, געפינען אין זיך גענוג גייסטיקן כוח און גלייכגעוויכט, אזוי פיל דיכטערישע פּאָטענץ און ברויזנדיקע קולטור-ענערגיע, וואָס האָט אים אוועקגעשטעלט אויבנאָן פון דער מאָדערנער יידישער דיכטונג, און זיין פּרעכטיקן אויפטו — די פּערטל-יאָריקע אויסגאבע "די גאָלדענע קייט" ווי א צענטער פון אונדזער תקופה אין ליטעראַרישן יידישן שאפן.

לייענענדיק סוצקעווערן שאפט זיך דער איינדרוק, אז זיין שעפערישע פּרוכטבארקייט און דאָס סובלימירטע דיכטערישע געפיל זיינס, איז מצד דער השגחה באשטימט געוואָרן אז ער, סוצקעווער אליין, זאָל דורכפילן, אויסלעבן און אויסזינגען דאָס ניט דורכגעפילטע, ניט אויסגעלעבטע און ניט אויסגעזונגענע פון די הונדערטער זיינע חברים דיכטער און שאפונגס-מענטשן, פארפייניקטע און אומגעקומענע פון נאצישע און פון באָלשעוויסטישע רוצחים און מאָרד-מאניאקעס.

יונגערהייט איז שוין סוצקעווער געווען דאָס שיינדל פון דער בארימטער דיכטער-גרופּע "יונג-ווילנע". נאָך אין צענדליק יאָר פאַרן וועלט-קריג האָט ער געצויגן צו זיך אלעמענס אויפמערקזאמקייט. איצט אָבער איז ער אויסגעוואקסן צו א גרויס געשעעניש אין דער יידישער דיכטונג. אברהם סוצקעווער — זאָגט לייוויק — איז הויך געשטיגן סיי מיטן אומקום פון יידישן מיליאָנען-פּאָלק און סיי מיטן אויפקום פון דער יידישער מדינה.

*

די געטאָ איבערלעבונגען און דער חורבן האָבן ארויסגערופן א שורה פּאָעטן, מקוננים, וועלכע האָבן אונדז געלאָזן הימל-שפּאלטנדיקע קלאָג-לידער, היינט-צייטיקע, איכה'ס, וואָס האָבן ניט קיין גלייכן אין דער גאנצער מענטשלעכער שאפונג, פּונקט ווי ס'האָט ניט קיין גלייכן אין דער גאנצער מענטשלעכער געשיכטע אונדזער היינט-צייטיקער חורבן. צווישן אלע איכה-ווערק הייבן זיך ארויס צוויי גרויסע פּאָעמעס:

יצחק קאצנעלסאָנס "דאָס ליד פון אויסגעהרג'עטן יידישן פּאָלק" — די מגילה פון וואַרשעווער פּיין און אומקום, און אברהם סוצקעווערס "גע-

היימשטאט״ — די ווילנער מגילה, די מגילה פון אומקום פון ירושלים דליטא; צוויי מגילות פון צוויי די גרעסטע און רומרייכסטע אייראָפּעאיש-יידישע צענטערן פון תורה און חכמה.

יצחק קאצנעלסאָנס גרויסע פּאָעמע איז די טרויער און פּראָטעסט-מגילה פאַרן אומגעקומענעם פאָלק. אין זיין ״ליד פון אויסגעהרג׳עטן יידישן פאָלק״ שילדערט דער אומגעקומענער פּאָעט די אליין געזעענע און מיטגע-לעבטע שוידערלעכקייטן פון דער וואַרשעווער פאַרניכטונגס-צייט. דורך דער דאָזיקער מגילה הערן מיר דאָס געוויין פון די אין הונגער און קעלט-פאַרפייניקטע קינדער אין אלע געטאָס, מיר זעען זייער מיתה־משונה׳דיקן אומקום און פאַרלענדונג. יעדער שורה אין דער פּאָעמע איז א וויי-געשריי פון די צעקאַטעוועטע און מיט יסורים אויסגעראָטענע אין אלע געטאָס און לאַגערן. דאָ הערן מיר דאָס הילפלאָזע צײנקריצעניש פון פאַרצווייפלטן צער און צאָרן פון מיליאָנען טראַנספּאָרטירטע יידן, זייערע קאָנוואולסיעס אין שטיקנדיקע לאַסט-וואַגאָנעס און אין טויט-קאַמערן. דאָס אלץ ווערט דורכן פּאָעט, יצחק קאצנעלסאָן ארויסגעוויטיקט מיט גרויליקער רעאַליסטישער שפּראַך, וואָס מאַכט אויפשוידערן און איז בכוח צו צעטרייסלען די נערוון פון אויפמערקזאַמען לייענער.

קאצנעלסאָנס מגילה דערשיטערט מיט איר צער-פולן, אָנמעכטיקן רעוואָלט אנטקעגן די הימלען; זי ווייעט אָן א געמיט פון פאַרצווייפלטן יאוש.

אברהם סוצקעווערס ״געהיימשטאט״ צייכנט זיך ניט אויס נאָר מיט רעאַלע שילדערונגען פון אומקום. אין סוצקעווערס חורבן-מגילה ווערן לעבן און טויט ניט געשטאַלטיקט בלויז אין זייער רעאַלן, אויסערלעכן פּנים. נייערט צוזאַמען מיט די גרויליקע בילדער ווערט דאָ ארויסגעבראַכט די שוועבנדיקע שוידערלעכע אַמאָספער, די מיסטיק פון אומוועלטיקן געטאָ-קאָשמאַר. איר שפּירט דאָ דעם טונקעלן גייסט, דעם שוואַרץ-פינצטערן פליגל-געפלאַטער פון דער טראַגיק גופא. פונקט ווי אין ביאַליקס ״שחיטה-שטאָט״ שוועבט אין חלל דער שמערץ-גייסט אליין, אַזוי אין סוצקעווערס ״געהיימשטאָט״ בלאָנדזשעט ארום די נשמה-פינצטערניש פון דער שוידער-לעכקייט זעלבסט. אַזוי ארום ווערט דאָ געשטאַלטיקט דאָס אומרעאַלע, דאָס מיסטישע פון פחדים׳דיקן חורבן.

סוצקעווערס לידער פון ווילנער אומקום, זענען א פאַרצווייפלטער

געוואלד-געשריי פון געפייניקטע און גלייכצייטיק דאָס אין זיך פארגייענדי-קע, טראגיש-שטילע געיאָמער און תפילה פון וואָגלענדיקע נשמות וואָס זוכן פאר זיך א תיקון.

אין קעגנזאץ צו קאצנעלסאָנען דערלאָזט ניט סוצקעווער קיין יאוש: פאר אים איז דער איצטיקער חורבן ניט קיין אנטגילטיקער סוף.

ביסט ניט פארגאנגען. דיין פוסטקייט איז פול.
פול מיטן פאָלק ווי מיין אויג מיט דער מאמען.
ערגעץ נאָך פלאטערט א שיימע, א שול.
ס'האָבן אויף זיי ניט קיין שליטה די פלאמען.
איך וואָלט געשוואוירן: אומערדיש דיין גבול.
טיף איז געוועזן און וועט זיין — דיינע שטאמען.
אָט איז די באָרד אויפן בלוילעכן ש"ס
אָט איז דאָס הייליקע קרעמל מיט קוואס.
יידישע גאס.

סוצקעווערס חורבן־לידער זענען געזאנגען פון פארצווייפלטן ווי און פון שטילן בטחון. זיי וויברירן מיט יידישער נצחיות. אין דער יידישער ווילנע, אין ירושלים דליטא, איז ניט געבליבן קיין לעבעדיקער ייד, אלע זענען אוועק אויף פארניכטונג קיין פאנאר. אָבער "סוצקעווער הערט נאָך דעם ניגון, כאָטש דער שפילער איז שוין ניטאָ".

אויפטרייסלענדיק און פחדים'דיק-גראָטעסק איז דאָס פראווען דעם סדר אין דער "קאנאליאדע", אין שמוציקן אָפּפלוס-קאנאל וואו קארגע רעשטלעך באהאלטן זיך. אָבער אפילו דאָ, פולסירט מיט עפעס אזוינס וואָס האָט צו טאָן מיט יידישער אייביקייט. אויך דאָ איז מען דורכגעדרונגען מיט דער האָפנונג און בטחון צו לעבן, איבערלעבן און דערלעבן די בעסערע טעג. והראיה, אָט לאָזט מען דאָך איבער א האלב פלעשל וויין אויף דעם איבעראיאָריקן סדר!...

דאָס איז א גראָטעסקער שוידער; עס גייט דורך א סקרוך איבערן לייב אין אָנבליק פון אזא אימה'דיקן סדר אין דער קאַנוואולסיע פון שאול-תחתיה. איר ווערט אָבער אויך באהויכט פון בטחון, פון אן ארויפקום פון קאנאל צו

זוניקע הייכן, זיי האָבן דאָך באהאלטן א האלב פלעשל וויין אויף איבער-איאָר!...

און ווילן מיר דאָ געבן אן אנטשפּרעכנדיקע דעפיניציע פאר דאָס פּאָעטישע אין סוצקעווערס חורבן־לידער, איז אמבעסטן זיך צו באנוצן מיט שלום אש׳ס קורצער און טרעפלעכער דעפיניציע: ״דאָס זענען דימענטן צע-גאָסן אין טרערן״, אָדער מיט זלמן שזר׳ס באצייכענונג: ״אין לעבן געוויין, אין בוך — געזאנג״...

*

סוצקעווער האָט נאָך ניט באוויזן אויסצוטאָן די פארבלוטיקטע בגדים פון אומקום און קאמף, נאָך ניט ארומגעוואשן די אייטערדיקע וואונדן; עס שוועבן נאָך ארום אים די גרויל-בילדער פון פארלענדטן פאָלק אין ירוש-לים דליטא אין וועלכער:

פארגאנגען איז א יידנוועלט מיט מתמיד און מיט מאניש,
מיט כלה-יידיש אויסגעפוצט אין פאָלקס-לידער באהארצטע.
א יידנוועלט איז אויסגעגאנגען אימה־דיק הארמאָניש
באגלייט פון שפּילנדיקע פידלען — קינדערלעך די צארטסטע.

אזוי, נאָך ארומגעהילט מיט פינצטערניש פון אומקום, רייט שוין סוצקעווער אין ״פייערוואגן״ ארומגעשלייערט מיט דער וויזיע פון אויפקום און ווידערגעבורט פון באנייטן פאָלק אין ירושלים דישראל וואו:

נביאים גיבן זיך די הענט מיט שפּאנענדיקע עולים.

און וואוהין:

עס נידערן פון הימל מתים... און ס׳באגלייט דעם עולם
א וואָלקנזייל פון אומקום און א פייערזייל פון לעבן.

הערן מיר עפּעס פון א יחזקאלשן אָפּקלאנג:

ספרא וסייפא

"ואראך מתבוססת בדמיך, ואומר לך בדמיך חיי!" און איך האָב דיר געזען זיך וואלגערן אין דיין בלוט, האָב איך דיר געזאָגט: מיט דיין בלוט זאָלסטו לעבן!

*

"אין פייערוואָגן" איז דאָס ערשטע ביכל לידער געשריבן אין ישראל צווישן 48-סטן און 52-סטן יאָר.

דאָ אנטפּלעקט זיך סוצקעווער אלס אן אייגנארטיקער דיכטער פון אן אומגעהייער רייכער אימאגינאַציע און וויזיע. א דיכטער מיט אן אָריגינע-לער מייסטערשאפט און שפּראך-ווירטואָזיטעט, וואָס האָט כמעט ניט קיין גלייכן אין דער ביז איצטיקער יידישער פּאָעזיע.

מיט אן אייגנארטיקן דערפינדערישן שטייגער פון קנעטן און פּאָר-מען דאָס יידישע לשון, געלינגט דעם דיכטער צו שילדערן זיינע איבערלע-בונגען און שטימונגען. מיט זיין סענסיטיוון מוזיקאלישן געפיל, מיט זיין שארפן חוש פאר קלאנג און ריטם באהערשט סוצקעווער זיינע דיכטערישע זעאונגען און די לירישע וויבראציעס פון זיין קינסטלערישן געמיט.

אין זיין באגריסונגס-וואָרט אויף דער יובל-פייערונג אין דער העב-רעאישער אוניווערסיטעט, האָט דער מדינה-פּרעזידענט, זלמן שזר, וועגן סוצקעווערס שפראך צווישן אנדערן געזאָגט פאָלגנדעס:

וואָס שייך שפראך-שלימות, וואָס שייך פּנימיות-דיקער צעזינגעוודיקייט, וואָס שייך פארוואנדלען דעם חורבן אין א מקור פון שירה, אין דער בחינה פון אין לעבן געוויין און אין בוך געזאנג, איז סוצקעווערס דיכטונג א יום-טוב, ווינציקארטיק אין זיין מין פאר דער יידישער ליטעראטור."

"פון אָט דעם קוק-פונקט, און פון קוק-פונקט פון דער שירה, איר געאיידלטקייט, שיינקייט, בילדערישקייט, רייכקייט אין אימאזש און פּאָעטישער מוזיקאלישקייט — איז דאָס עפּעס אזוינס וואָס דערגרייכט צום הויכפּונקט פון אנטוויקלונג פון דער יידישער שפראך. איך זע אין דעם א גרויסע ברכה, און דערפאר וויל איך דאנקען דעם דיכטער פון טיפן הארצן."

ספרא וסייפא

קומט דער דיכטער פון דער פארלענדטער ירושלים דליטא צו דער אויפגעקומענער פרייער "ירושלים פון סידור" — ווי ס'האָט דאָס באצייכנט אן אפריקאנער ייד. זיין קומען אהער איז ניט צופעליק, דאָ אין לאנד איז "יעדער שטיינדל זיין זיידע".

ווען כ'וואָלט ניט זיין מיט דיר ביינאנד
ניט אָטעמען דאָס גליק און ווי דאָ —
ווען כ'וואָלט ניט ברענען מיטן לאנד,
וואולקאניש לאנד אין חבלי-לידה;
ווען כ'וואָלט אצינד, נאָך מיין עקדה,
ניט מיטגעבוירן מיטן לאנד,
וואו יעדער שטיינדל איז מיין זיידע —
געזעטיקט וואָלט מיך ניט דאָס ברויט,
דאָס וואסער ניט געשטילט מיין גומען,
ביז אויסגעגאנגען כ'וואָלט פארגוי'ט,
און בלויז מיין בענקשאפט וואָלט געקומען...

איצט איז ער געקומען אהיים. ס'איז זיין היים, מחמת ער האָט מיט-געברענט מיטן פייער פון קאמף און מיטגעוויטיקט מיט די געבורט-ווייען פון נצחון. פארן יידישן דיכטער-פארטיזאן, פאר דעם וואָס איז אהער גע-קומען נאָך דער עקדה פון די געטאָס, איז דער געראנגל אין ווארשע אָדער ווילנע ניט קיין נאָמינאלער געאָגראפישער פונקט און ניט קיין צייטלעכע דאטע. יידישער געראנגל מיטן שונא שטייט אויסער רוים און אויסער צייט. די קדושה און גבורה פון אומגעקומענע קהילות-קדושות פון אלע דורות. האָט אריבערגעקוואלט אין דער נשמה פון קעמפער אין געטאָ.

ווער עס האָט געזען דאָס כלי-זין
פארקלאמערט אין העלדישע יידישע הענט,
געזען האָט ער ראנגלען זיך ירושלים
דאָס פאלן פון יענע גראניטענע ווענט.

אלע יידישע קאמפן "פלייצן אין דער זעלביקער מאָס" מיט דער זעל-

ביקער גבורה און קדושה. די קאמפן אין געטאָ און די באפרייאונגס-קאמפן פון ישראל, טראָגן אין זיך א הייליקייט פון זעלביקן גראד. דער קעמפער אין װארשע האָט "פארטײדיקט דעם קאסטעל" ביי ירושלים, און אין "טוי-טן-מדינה געפורעמט די לעבעדיק-היימישע יונגע מדינה".

די חורבן-תקופה האָט געלייגט איר חותם אויף סוצקעווערס געמיט און אויף זיין גאנצן שאפן. אפילו דער זיג איבערן שונא און די עקזאלטא-ציע פון גאולה-פעריאָד זענען ניט געגוג מסוגל צו פארווישן דאָס געדעכע-ניש פון חורבן און אָפּצומעקן די בילדער פון אומקום.

דער חושך־דיקער נעכטן פון גלות און דער לויכטנדיקער מאָרגן אין אייגענעם אויסגעליזטן לאנד, ווירקן דעריבער צוזאמען אין דיכטערס איצ־טיקן געמיט אין א מין פאראלעליזם אָדער טאָפּלטקייט. דאָס איז א געמיש פון "ספקות־דיקן טרויער וואָס קומט פון א פארשפילטער שלאכט און פון האפערדיקן בטחון, וואָס קומט פון א דערגרייכטן נצחון". דאָס איז א געמיש "פון א וואָלקנזייל פון אומקום און א פלאמענזייל פון לעבן".

לכתחילה בלאָנקעט נאָך ארום דער דיכטער אין זיין חרוב'ער שטאָט. ס'שוועבן פארביי אים די בילדער פון אומקום. אָבער אָט שיינט אויף דאָס ליכט פון ווידערגעבורט, פון אויפקום, זיין געמיט ווערט אויפגעהייטערט, אויפגעלעבט. זיין וויזיע צעשפילט זיך, זיין פאנטאזיע צעבליט זיך, און דער דיכטער פון חורבן צעזינגט זיך אין שטילער, צארטער באגייסטערונג וועגן דער בראשית־דיקער וואונדערלאָזער וואונדערלעכקייט פון אויסגעלייזטן לאנד, וואו "אין שטעט אין דער לופטיקע וואוינט די נבואה":

דאָ ביסטו ביים ווארשטאט פון גאָר דער יצירה.
פארדינגען זיך קאָנסטו אים ווי א געזעלן —
די אייביקייט וועט דיר באצאָלן מיט אירע
מטבעות — אויב ס'וועט נאָר דיין ארבעט געפעלן.

*

די לידער-זאמלונג "אין פייערוואָגן" איז שוין ניט געשריבן צווישן "פאלנדיקע ווענט" אין לאנד פון חורבן, נייערט צווישן בויענדיקע היימען אין לאנד פון גאולה.

זינט דעמאָלט זענען שוין ארויס אין מדינת-ישראל עטלעכע זאמ-לונגען לידער, וואָס ווערן תיכף איבערגעזעצט אויף עברית. לעצטנס זענען דערשינען צוויי בענד לידער צוזאמען, בלאט אנטקעגן בלאט, מיט העב-רעאישער איבערזעצונג.

סוצקעווער זינגט פון "פיין וואָס מוז פארוואנדלט ווערן אין שיין". זינגט ער פון פינצטערע תהום'ען, פון דעם פאָלקס-דורכגעלעבטע יסורים, און פון ליכטיקע הימל-הייכן ארום דעם פאָלקס-אויפשטייג צו גאולה.

סוצקעווערס חורבן און ווידערגעבורט-מאָטיוון בלענדן מיט א רעגנ-בויגן פון וויזיעס און אימאזשן; פון זיי שטראָמט א געוואלטיקע קראפט פון יצירה, וואָס ווערט ארויסגעברענגט מיט א זעלטענער ווירטואָזיטעט פון קאָליר און בילד. סוצקעווערס יידיש לשון איז ווי א צארטע פידל מיט וועל-כער ער שפילט אויף אלע גאמעס פון שפראכן-קלאנג.

*

אין העברעאישן לאנד, אין מדינת-ישראל שרייבט סוצקעווער יידיש. אין דאָזיקן לאנד, פון אלעמען א געאכפערטער, זינגט סוצקעווער לויב-גע-זאנגען פאר יידיש... אין ישראל האָט סוצקעווער אויפגעשטעלט און רעדא-גירט ביז היינט "די גאָלדענע קייט", — די בעסטע ליטערארישע צייט-שריפט אין דער היינטיקער יידישער וועלט — אויף יידיש.

אין אונדזער תקופה איז סוצקעווער דער שעפערישער עקספּאָנענט און רעפּרעזענטאנט פון דער יידיש-ליטעראטור סיי אין מדינת ישראל און סיי אין די תפוצות.

די שטומע פֿאַרשווערונג

די שטומע פאַרשווערונג

צוזאַמען מיטן אויסגעמעקטן פּירקאַנטיקן יידישן אות זענען אין ראַטנלאַנד דערמאָרדעט און אָפּגעמעקט געוואָרן פון "פּנים פון דער ערד" אַלע טאַלענטפולסטע, רעפּרעזענטאַטיווע שרייבער, דיכטער און בינע־קינסטלער. צענטליקער זענען אומגעקומען פאַרפּייניקטע אין די סאָוועטישע שקלאַפּנלאַגערן, און עטלעכע "באַפרייטע" האָבן אַרומגעוואַגלט חרוב'דיקע, מיט צעבראָכענע האָפנונגען ביז דער טויט האָט זיי אויסגעלייזט פון זייערע שרעקנס-קאָשמאַרן.

לאַנגע יאָרן האָט מען ניט געוואוסט וואו, און ווי אַזוי ס'איז אהינגעקומען דאָס געביין פון די שרייבער, שעפער און בויער פון דער, אַמאָל בקולי-קולות רעקלאַמירטער, יידישער ליטעראַטור אין "סאָציאַליסטישן" פאָטערלאַנד. פון שרייבער, וואָס אין זייער גרויסן רוב זענען זיי געגאַנגען אין שפּאַן פון דער "געניאַלער" סטאַליניסטישער פאָרמולע: "נאַציאָנאַל לויט דער פאָרם און סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט", און פון שרייבער וואָס האָבן זיך געראַנגלט מיט אמת'דיקן נאַציאָנאַל-יידישן געמיט, און נאָר ביי אַ שעת הכושר, אין אַן עת רצון מצד דער אייזערנער דיקטאַטור, האָבן זיי געקענט אַרויסשרייען, — און טאַקע אַרויסגעשריגן און אַרויסגעזונגען, — זייערע עכט נאַציאָנאַלע שפּירונגען.

דערשטוינטע און פאַרציטערטע האָבן מיר געפרעגט:

— וואו זענען זיי?

אַ פאַרביסענער שטילשווייגן האָט פאַרגרעסערט די פּאַניק...

געשטיגן איז דער אַנגסטיקער אומרו:

די שטומע פארשווערונג

— וואָס געשעט פאַרט מיט די יידישע שרייבער אין ראַטנלאַנד?
איבער וועלכע פינסטערע גאַסן שלייכן זיי זיך דורך אין שרעק ניט
דערקענט צו ווערן מיט זייער פאַרגאַנגענהייט?
אין וואָסערע אַרבעטסלאַגערן רינען אויס זייערע לעצטע כוחות?
אין וועלכע סיבירער טייגעס פירן זיי?
אין וואָסערע תפיסה-קאַמערן זענען זיי פאַריגלט?
וואו, אין וועלכער ערד געפינט זיך דאָס אַש פון זייער געביין?

— —

— —

אין דער בעסטער תקופה פון יידישער קולטור-טעטיקייט אין סאָוועטן-פאַרבאַנד, אין די שפּעטע צוואַנציקער און פריע דרייסיקער יאָרן פון פאַרן צווייטן וועלט-קריג, איז די יידישע קולטור שוין באַרויבט געוואָרן פון אירע נאַציאָנאַלע לעבנסזאַפטן.

דער גאַנצער קאָמפּלעקס פון יידישער, היסטאָריש-קולטורעלער המשכ׳דיקייט, וואָס האָט אָפּגעהיט די באַזונדערקייט פון יידישן פאָלק צווישן פעלקער במשך צוויי טויזנט יאָר, איז איגנאָרירט געוואָרן.

די דערהויבענע הומאַניסטיש-אוניווערסאַלע אוצרות פון דער יידישער קולטור און געשיכטע, איז פון דער סאָוועטיש-יידישער קולטור בכיוון אויס-געמעקט געוואָרן.

די אחרית-הימים-וויזיעס פון תנ״ך און נביאים, די שיינקייט און דאָס התרוממות-הנפש פון קאַפּיטלעך תהילים, האָט מען געפּסלט — ״דאָס איז רע-ליגיעזער אָפּיום, כדי דערמיט אָפּצושווינדלען די אַרבעטער-מאַסן״...

די וואונדערלעכע פאַנטאַזיעס, דערפאַרונגען און פאָלקס-חכמה פון אגדות און מדרשים, איז אויסגעחוזק׳ט און פאַרשריגן געוואָרן, ווי ווילדע, רעאַקציאָנער-קלעריקאַלע מעשיות...

דער העלדישער עפּאָס פון חשמונאים און בר-כוכבא, די ספּעציפיש-יידישע גבורה פון קדוש-השם און די עפּאָפּייען פון מסירת-נפש אויפצוהאַלטן יידישקייט אונטער די שווערסטע און געפערלעכסטע גלות-באַדינגונגען, זע-נען פאַראורטיילט געוואָרן ווי יידישער שאָוויניזם, אונטערגעהאַלטן פון פאַר-פירערישן רעליגיעזן פאַנאַטיזם...

די כלות-הנפש'דיקע היים-לעכצונגען און אויפריכטונגס-חלומות פון יהודה-הלוי און זיינס גלייכן; די משיחישע תשוקות פון מקובלים צו א יום שכולו טוב, צו א דערהויבענעם און גערעכטן וועלט-סדר, האט מען אפגע-פטר'ט מיט ביטול — פאלשע אילוזיעס...

די סאציאלע דערהויבונג פון ידישן פאלקס-מענטש דורך חסידות: די חסידישע גאולה-בענקענישן, און צו לעצט — די ציוניסטיש-חלוצישע פריי-הייטס-באוועגונגען, זענען פאראורטיילט געווארן ווי בורזשואזער שווינדל "כדי אפצולענקען דאס ארבעטנדיקע פאלק פון קלאסן-קאמף און פון אמת'ער באפרייאונג"...

דער נאציאנאלער תמצית פון דער ידישער קולטור, די קווינט-עסענ-צן פון דער ידישער געשיכטע, אלע אירע נארונגס-עלעמענטן, זענען אין דער ידישער קולטור און דערציאונג פון ראטנלאנד אפגעווישט, אויסגע-מעקט געווארן — לא יזכר ולא יפקד!...

אזוי ארום איז די ידישע קולטור אויסגעהוילט געווארן פון אירע גייסטיקע וויטאמינען, און אויסגעטריקנט זענען געווארן די מאראלישע קוואלן פון ידיש-גייסטיקער רעזיסטענץ.

נאך אין יאר 1924, בשעת סטאלין איז געווען קאמיסאר פאר נאציא-נאלע מינדערהייטן, האט ער, סטאלין, געשריבן אז די ידן זענען ניט קיין נאציע, אז אין ראטנלאנד עקזיסטירן זיי בלויז ווי עטנישע גרופעס, און ניט האבנדיק די קענצייכנס פון א טעריטאריעלער נאציע וועלן זיי מוזן פאר-שווינדן.

אין הסכם מיט דער דאזיקער סטאלינס טעאריע, האט מען, לויטן שטייגער פון קאמוניסטישן רעגירונגס-סיסטעם, אנגעהויבן אקאפעטשקע צואיילן דעם פראצעס פון סטאלינס ליקווידאציע-טעאריע בנוגע ידן און זייער קולטור. אזוי ארום האט נאך אין די דרייסיקער יארן זיך אנגעהויבן דער פאגראם איבער דער ידישער קולטור אין ראטנלאנד.

שוין דאן האט מען אנגעהויבן צו פארשליסן ידישע שולן, אקא-דעמישע אינסטיטוטן און אלע אנדערע ידישע קולטור-אינסטיטוציעס. שוין דעמאלט האט זיך אנגעהויבן דער מארד איבער די ידישע שעפערישע כו-חות אין ראטנפארבאנד. צווישן סטאלינס ערשטע קרבנות זענען געווען אזעלכע שעפערישע גייסטער ווי איזי כאריק, מאקס עריק און — אחרון, אחרון — דער געניאלער יונגער פאעט משה קולבאק, וועלכע זענען פאר-

פייניקט און דערמאָרדעט געוואָרן אין די תפיסות. וועגן משה קולבאקן איז געווען א ידיעה אז ער זאָל פון די פייניקונגען האָבן אין תפיסה משוגע געוואָרן

שוין אין יענע יאָרן האָט מען אין די יידיש-דעמאָקראַטישע קרייזן אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם דאָזיקן רציחה'דיקן ליקווידאציע-פּראָצעס; אין די יידיש־סאָציאַליסטישע קרייזן האָט מען אפילו אלאַרמירט וועגן דער דאָזיקער סכנה. אָבער די יידישע קאָמוניסטן און זייערע פּראָגרעסיווע מומיעס האָבן דאַן אויפגעהויבן א פּאַרטויבנדיקע אָפּענסיווע וועגן גן-עדן פאר דער יידישער קולטור איך ראטנלאנד. זיי האָבן זיך געעדות'ט מיט די הימנען און לויב-געזאַנגען לכבוד סטאַלינען, געשריבן פון הויף-פּאָעטן און, להבדיל, פון פאַרגוואלטיקטע שרייבער, וועלכע האָבן אונטערן דיקטאַט פון פייניקונגען און טויט-געפאַרן געמוזט מיטשרייען הורא לכבוד...

איצט ווייסט מען שוין אז דאָס קריכן אונטער די נעגל האָט ניט מציל געווען די יידישע שרייבער פון די רוצחישע הענט פונעם אָפּגאָט.

איצט ווייסט מען שוין... אפשר נאָך ניט אלע פּרטים — וואָס איז דען די נפקא־מינא?... דעם טרויעריקן סך-הכל האָבן שוין איצט די משחיתים גופא, און מיט זיי זייערע אָנהענגער, אליין פאר דער וועלט ארויסגעבראכט.

* *
*

מיר לעבן אין א תקופה פון ראַדיאָ און טעלעוויזיע. יעדע מינדסטע געשעעניש ווערט אין דער זעלבער רגע צעטראָגן און געוויזן איבער אלע לענדער און קאָנטינענטן. ווי-זשע האָט געקענט געמאָלט זיין אז דער גייסטיקער אומקום פון א דריטהאלבן מיליאָניק פאָלק זאָל פּאַרקומען אין דער פולקאָמסטער קאָנספּיראציע? אָט טאַקע דאָס דאָזיקע עקשנות'דיקע שווייגן און באהאלטן איז דער קלאָרסטער באווייז אז יענע ממשלת זדון און אירע אָנהענגער זענען געווען געגנוג באוואוסטזיניק אויפן הימלשרייענדיקן, ריזיקן פאַרברעכן און דערפאר האָבן זיי דאָס באהאלטן פון די אויגן און אויערן פון דער וועלט...

און דאָ האנדלט זיך דאָך ניט וועגן עפּעס א פּרימיטיווער שבטים-קולטור, וואָס דווקא די סאָוועטן-מאכט האָט זי אויפגעשטעלט כדי דערמיט

מקיים צו זיין דעם לעניניסטיש-סטאליניסטישן געבאָט פון כלומר׳שטן "דערמוטיקן די קולטורן פון די ראטנלענדישע נאציאָנאלע גרופן". ניט וועגן קיין קולטור וועמען די רעוואָלוציע האָט געדארפט ארויסנעמען פון אירע ווילד-פרימיטיווע וויקעלעך און צוזאמענשטעלן פאר אירעטוועגן אן אלף-בית. דאָ האנדלט זיך וועגן א קולטור פון א געשיכטע-מאכנדיק פאָלק, וועגן וועלכער דער געניאלסטער פון די סאָוועטישע דיכטער, פּרץ מארקיש, האָט אין זיינע גליענדיקע אויסגעהאמערטע פערזן געזונגען:

דו האָסט אמאָל פון בערג געבאָטן צען דערקלערט,
אז ס׳זאָל מיט זיי דאָס הארץ פון וועלט זיך פיטערן און פעסטן
פארפּאָלגטע טראָגן מיר זיי שטאָלץ איבער דער ערד
דורך אלע ארבע מיתות בית-דין!
פון פאָלק צו פאָלק — מיט דערנער אויף די הענט,
פון לאנד צו לאנד — מיט וואָגל-ווינט געפּאָרט דאָרטן.
מיר מעלדן זיי אויך דאָן, ווען אונדזער מויל איז שוין פארברענט!
מיר מעלדן זיי אויך דאָן, ווען אונדזער האלדז איז שוין געשאָכטן!

*

ס׳איז גאָרניט לאנג, ווען אין א טייל יידישע קולטור-קרייזן האָט מען נאָך דיסקוטירט וועלכע מעטראָפּאָל פון ידישער קולטור-שאפונג איז ראוי צו טראָגן די קרוין פון דער יידישער וועלט-קולטור — ווארשע, ניו-יאָרק אָדער מאָסקווע? (ירושלים איז ניט גענומען געוואָרן אין חשבון...)

פארשטייט זיך אז די מאָסקווער האָבן געפּאָדערט פאר זיך דעם פּרי-מאט. מ׳האָט אָנגעוויזן אויף דעם, וואָס די יידישע ליטעראטור אין ראטנ-לאנד געניסט כלומר׳שט פון אלע רעכטן און פּריווילעגיעס צוגלייך מיט די ליטעראטורן פון אנדערע פעלקער; מ׳האָט גערעדט וועגן די ברייטע מעג-לעכקייטן פאר די יידישע שרייבער צו וועמעס רשות ס׳שטייען מלוכה׳שע ביכער-פארלאגן און צייטונגען, און אז פאר דער יידישער וויסנשאפט זענען אויפגעשטעלט מלוכה׳שע אקאדעמיעס אין וועלכע יידישע פאָרשער קענען ארבעטן אָן דאגות פרנסה.

די שטומע פארשווערונג

דערביי האָט מען זיך, געווײנטלעך, צעשריבן וועגן דער דעקאַדענץ פון דער יידישער קולטור אין די אנדערע צענטערן, וואָס האלטן זיך ביי די אוצרות פון "אָפּגעלעבטן עבר".

איציק פעפער, א גרויסער טאלאנט, אָבער דער, וואָס האָט פארוואנדלט זיין פעדער אין וואולגארער, סטאליניסטישער פּראָקלאמאציע, דער, וואָס האָט זיינע וואונדערלעכע דיכטערישע פעאיקייטן רעדוצירט צו ביליקער הויף-פּאָעזיע, לאכט אויס די שרייבער וועלכע זוכן אן אחיזה אין דער קולטור-ירושה פון פריערדיקע דורות, וואָס גייען אין די וועגן פון די ערשטע שרייבער-קלאסיקער אין דער יידישער ליטעראטור:

די זאלן, די מיטן
איך וועל ניט באריידן,
די אלטקייט דאָ היטן
צוויי נאקעטע מיידן...

אויף ווענט און אין ווינקלען,
אין אלע פיר עקן
מצבה'לעך טונקעלע
און פרצ'ס שטעקן...

אין אונטן קילע
האָט מען דאָ געכאָוועט
אי דינעזאָנס תפילין
אי פרוגס מגן־דוד...

מנורה'לעך הויכע
און אלעס און אלעס
דער עלטסטער פרוכת
און מענדעלעס טלית...

און ווידער דאָ פינקלט
דאָס זילבערנע דעמל,

די שטומע פאַרשווערונג

דאָס הענגט אין א ווינקל
מיין זיידע אברהמ'ל...
א בעכערל ביאַליקס
איז ליבער דאָ — כ'לאַך נישט —
פון ריזיקע כוואַליעס,
וואָס טראָגן די מחנות...

קאַטעגאָריש און טראַציק רופט אויס פעפער:

כ'וועל גאַנג מיינעם העלן
ביי שטויב ניט פאַרשקלאַפן
און זאָל נישט געפעלן
א פאַרשער מיין שאַפן!...

(אין א מחדי')

האָט איציק פעפער פאַראויסגעזען אז די, צו וועמען ער האָט זיך יאָ פאַרשקלאַפט ("ביזן הילך פון לעצטן שאָס, וועל איך בלייבן דיין מאַטראָס") וועלן אים גופא אין שטויב פאַרוואַנדלען?

— און צי האָט פעפער זיך פאַרגעשטעלט, אז ווען ניט די ניו־יאָרקער "דעקאַדענטן" וואָלט בכלל ניט מעגלעך געווען קיין פאַרשער פון זיין שאַפן? אין זיין משטיינס-געזאָגטן "הייליקן היימלאַנד" איז זיין נאָמען און שאַפן אויסגעמעקט...

אמת, ניט אַלע יידישע שרייבער פון סאָוועטנלאַנד האָבן אזוי לייכט און שנעל איבערגעריסן מיטן עבר און מיט די טראַדיציעס. אין ערשטן פעריאָד פון יידיש סאָוועטישן שאַפן פילט זיך טאַקע דער טראַגישער גע-ראַנגל צווישן נאַציאָנאַלער ירושה און דעם אַרויפגעצוואונגענעם "גייַן אין שפּאַן" פון דער נייער ליניע.

די דאָזיקע ליניע האָט באַפוילן אויסצומעקן פון זייער שאַפן אַלץ וואָס ס'האָט א שייכות מיט יידיש-פאָלקסטימלעכער און נאַציאָנאַלער טעמאַטיק.

פון זיין באַזוך אין רוסלאַנד, שילדערט ה. לייוויק די טענדענץ פון דער נייער ליניע:

״פּרצ׳ן דאַרף מען ניט, שלום-עליכם׳ען אויך ניט. שלום אש ווודאי ניט. די ווארשעווער — אָפּגעמעקט. די ניו-יאָרקער — אָפּגעשניטן. די יידישע ליטעראַטור פון רוסלאַנד דאַרף זיך אָנהייבן פון 1923. דעם פריערדיקן ״כלאם״ דאַרף מען מער ניט האָבן, אָפּטרייסלען זיך פון אים. ירושה — שימל.

(זאמל-ביכער, 8)

די געשאַפענע קראַנקע אַטמאָספער פון טעראָר און פּראָוואָקאַציע, פון חשד און אומצוטרוי, האָט דעמאָראַליזירט די בעסטע פון די שרייבער, וועלכע האָבן בעל כרחם מיטגעשפּאַנט.

די יעניקע, וואָס האָבן ניט געקענט אָדער ניט געוואָלט ״גיין אין שפּאַן״ זענען נאָך אין די דרייסיקער יאָרן ליקווידירט געוואָרן (משה קול-באַק, מאַקס עריק א. א.).

אַזוי אַרום איז די גאַנצע סאָוועטיש-יידישע ליטעראַטור געוואָרן אַ ליטעראַטור פון אנוסים. נאָר אַזוי האָבן די יידישע שרייבער געקענט האָבן די צייטווייליקע געלעגנהייט צו שרייבן אויף זייער אייגענער שפּראַך.

אַז מיר האָבן פאַר זיך אנוסים, ווערט קלאָר פון דעם, וואָס פון צייט צו צייט, ביי באַשטימטע געלעגנהייטן, רייסט זיך אַדורך דער ווײ-געשריי קעגן דעם גייסטיקן קלעם אין וועלכן די יידישע שרייבער זענען אַריינגע-שליידערט געוואָרן.

אין פּרץ מאַרקישעס בוך ״פּאַטערלעכע ערד״, אַ מין אַנטאָלאָגיע פון זיין שאַפן זינט 1917, וואָס איז דערשינען אין 1938, געפינט זיך ניט קיין איינציק ליד פון מאַרקישס באַרימט בוך ״די קופּע״. דאָס דאָזיקע בוך ווערט דורך מלך ראַוויטשן טרעפלעך באַצייכנט ווי דער ״טראַגישער קדיש פונעם דיכטער נאָך די קדושים אין די אוקראַינער פּאָגראָמען פון 1918-19״.

אין ״סאָציאַליסטישן פּאַטערלאַנד״ זענען שוין טריף געווען אַזעלכע שורות ווי:

נאָך אייך הרוגים פון אוקראַינע
וואו פול מיט אייך די ערד איז,

די שטומע פארשווערונג

אונ אויך נאָך איך, געשאָכטענע אין קופע,
אין האַראַדישטש, דער שטאָט ביים דניעפּער, קדיש!

פ. מארקיש, די קופע

לויט דער דאמאָלסטיקער גענעראל-ליניע, האָט מען שוין ניט געטארט שטעלן קיין מארטירער-דענקמאָל די אומגעקומענע יידן אין אוקראינע. דאָס וואָלט דאָך גלייכצייטיק געווען א שאנד-דענקמאָל פאר כמעלניצקיס היידא-מאקישע אייניקלעך...

אפנים, אז שוין דאמאָלס, ביים סוף פון די דרייסיקער יאָרן, האַרט פאַרן צווייטן וועלט-קריג, האָט מען שוין צוגעגרייט די גלאָריפיקאציע פון רשע כמעלניצקי.

אין זיין הקדמה צום דערמאָנטן בוך, שרייט אויס דער טיף און אידל-פילנדיקער מארקיש זיין נאציאָנאלן ווי פון טראגישן, יידיש-סאָוועטישן גורל, וועמעס דיכטער ס'מוזן אויף זיך מקבל זיין און שלום מאכן מיטן גאנג "אין שפאן".

ס'טוט אפשר ווי דעם שטיין,
ווען שטייפע פייל אים פיילט און פורעמט, —
אויף יעדן קנאל פון אָפּגעהאַקטן טייל
קריצט אפשר אויף אין פיין דער אָנמעכטיקער אוראלט...

און אפשר שרייט די ליים
ווען האנט, ווען פורעמדיקע קנאָדערט דאָרט און קנעט זי,
ווען צו געשטאלט און צו געביין
פארקלאמערן זיך נעצן...

מלך ראוויטש ציטירנדיק א גרעסערן טייל פון דאָזיקן הקדמה-ליד גיט צו:

"איך וויל קיין ווייטערדיקע אויספירן פון דעם ציטאט ניט
ניט מאכן, ער שרייט דיכטעריש זיין אייגענעם צער געגוג דייט-
לעך ארויס".

(זאמל-ביכער 8, 145).

כאראקטעריסטיש פאר דער מאראנישקייט פון די יידישע שרייבער
אין ראטנפארבאנד איז דער פאל מיט איזי כאריקן בעת לייוויקס באזוך אין
רוסלאנד אין יאר 1925.

לייוויק דערציילט, אז איינמאל איז כאריק אריין אין זיין האטעל-צי-
מער אין מינסק און פאר אים פארגעלייענט לידער, וואס לייוויק באצייכנט
ווי "דציחה צום שטעטל; לידער געווענדעט קעגן ערלעכע, אומשולדיקע
ארעמע פאלקס-מענטשן. "קעגן אייגענע ארעמע טאטע-מאמע וואס האבן גע-
לעבט אין דלות און שווערער הארעוואניע אבעד גייסטיק זענען זיי געווען
דערהויבענע מענטשן".

ס'האט זיך צווישן זיי אנטוויקלט א הייסער, שארפער וויכוח. תחילת
איז כאריק געווען איינגעעקשנ'ט, אבער מיטאמאל איז כאריק צוגעפאלן
מיטן קאפ צום טישל און זיך הויך פונאנדערגעוויינט. אין א ווילע ארום,
איז כאריק אויפגעשפרונגען און האפערדיק א זאג געטאן:

"איר'ט נאך זען וואס פארא גרויס יידיש לעבן ס'וועט קו-
מען אונדז אנטקעגן, און וואס פארא וואונדערלעכע יידיש-
ליטעראטור מיר וועלן נאך באשאפן אין אונדזער רוסלאנד, א
י י ד י ש ע ל י ט ע ר א ט ו ר פ א ר א ו נ ד ז ע ר
ג א נ צ ן פ א ל ק . איר'ט נאך זען, איר'ט אלע, אלע קו-
מען צו אונדז. מיר זענען א גרויסער אנהייב. איר'ט נאך זען
וואוהין מיר וועלן פארגיין!"

און לייוויק גיט צו:

"כ'האב אים געגלויבט אז זיין האפערדיקייט איז אן
אמת'דיקע. זיין פונאנדערוויינען זיך, אבער, האב איך ניט פאר-
געסן"...

זימלביכער 8, 30).

אזוי האָבן די סאָוועטיש-יידישע שרייבער, ווער מער, ווער ווייניקער, זיך געראנגלט אין קלעם פון דער אייזערנער דיקטאטור צווישן נאציאָנאלע עמאָציעס און זעלבסט-פארלייקענונג, ביז היטלערס אָנפאל אויף ראטנ-פארבאנד.

*　*
*

אין קאמף קעגן נאצישן אָנפאלער האָט די ראטנמאכט זיך גענוי-טיקט אין פארשטארקן די נאציאָנאלע געפילן פון אירע פעלקערשאפטן. זי איז געווען פאראינטערעסירט אין געווינען פארבינדעטע אין דער ברייטער וועלט און גאָרניט אין קיין קליינער מאָס, האָבן איר אינטערעסירט די סימ-פאטיעס פון וועלט-יידנטום.

עס איז געשאפן געוואָרן דער יידישער אנטי־פאשיסטישער קאָמיטעט, וואָס האָט געזאָלט זיין די בריק צווישן רוסישן און וועלט-יידנטום.

די יידישע שרייבער האָבן זיך דערפילט אויפגעבונדן פונעם צוואנג וואָס האָט זיי געדריקט במשך 20 יאָר. דער ווארשיינלעכער קאָנטאקט מיטן וועלט-יידנטום האָט אויפגעברויזט אין זיי די נאציאָנאלע געפילן און אנונ-גען. ס'האָט א כוואליע געטאָן ווי פון א גאָר וואָס אויפגעעפנטן קוואל אַ שטראָם פון פאָלקסטימלעך-שטייגערישער סטיכיע, וואָס האָט פארפלייצט די יידיש-סאָוועטישע ליטעראטור מיט נאציאָנאלער טעמאטיק.

שמואל האלקין ברענגט ארויס אין א פרעכטיקער דראמע די העלדי-שע געשטאלט פון בר-כוכבא; דוד בערגעלסאָן שרייבט א דראמע איבערן משיח, דוד-הראובני; דער נסתר שילדערט די חסידישע וועלט אין א צווייי-בענדיקן ראָמאן "די משפחה מאשבער". איציק פעפער האָט אין דער פּאָע-מע "איך בין א ייד" זיך צעזונגען איבערן היסטאָרישן יידישן זשעני און איבער דער יידיש-גייסטיקער גבורה פון קדוש-השם; פרץ מארקיש מאני-פעסטירט אין זיין גרויסן ווערק, "דער יידישער שליאכטמאן", דעם נאציאָ-נאל-יידישן ווידערשטאנדס-כוח און די אייניקייט פון יידישן גייסט. און אזוי א סך אנדערע שרייבער.

די פּאָעזיע איז פול געוואָרן מיט הימנען צו יידן און יידישקייט; העלדן

פון דער תנ״ך-תקופה, גיבורים פון דער רוימישער עפּאָכע און קדושים פון מיטל-אלטער — אלערליי נביאים, קעמפער און משיחים לעבן אויף מיט וואונדערלעכער קראפט אין דער נייער סאָוועטישער דראמע.

די פּראָזע איז כמעט אינגאנצן באהערשט פון קידוש־השם-מאָטיוו. דער ביז איצט פארשוויגענער, גרינגשעצטער זיידע און טאטע באוויזט זיך אין דער נייער דערציילונג מיטן גאנצן יידישלעכן רעקוויזיט — מיט ספר, טלית און קיטל; זיי שיינען מיט עקזאלטירטער שבת־יום-טוב׳דיקער נשמה-יתירה׳דיקייט, מיט פרום-הייליקער מענשטלעכקייט און מיט דערהויבנדיקער דורות׳דיקער מאָראל. פון יעדן העלד שטראלט ארויס דער אלטער יידישער בטחון אין זיין גאנצער פּראכט.

די אלע יידישע אייגנשאפטן פאראייניקן אין דער נייער סאָוועטישער שאפונג, אלע דריי לעבעדיקע דורות — זיידע, זון און אייניקל. יעדער אויף זיין שטייגער, באנעמט און באגרייפט דעם נצח ישראל, די אייביקייט פון דער יידישער עקזיסטענץ ווי אן אור לגוים:

די וועלט איז א וואָגשאָל,
אויף איין עק — קראפט,
אויפן צווייטן עק — חסד.
קראפט איז עמלק!
קראפט איז אדום!
קראפט איז רוים!
קראפט איז די אינקוויזיציע,
חסד זענען די יידן.
אויף יידן ווערן אויפגעפּרואווט די פעלקער!
אויף יידן עס ווערט אויפגעפּרואווט די וועלט!

(ד. בערגעלסאָן, דוד ראובני)

דאָס איז בדרך כלל געוואָרן דער לייט-מאָטיוו פון דער סאָוועטיש-יידישער ליטעראטור בעת, און קורץ נאָך, דער צווייטער וועלט-מלחמה.

אויפגעבונדן איז אויף א קורצער ווילע געוואָרן דער צוואנג פון די אנוסים. לויזער געוואָרן דער קלעם, און עס האָבן אויפגעאָטעמט זייערע

הערצער און זייערע נשמות האָבן אויפגעשטראַלט מיטן ליכט פון זיבן זונען!

דער, מיט געוואַלט פאַרדרענגטער, אָרקעסטער פון יידישן שאַפן, האָט פּלוצים ווי אַרויסגעדונערט זיינע סימפאָנישע אַקאָרדן!

די יידישע ליטעראַטור אין ראַטנלאַנד איז געוואָרן ניט נאָר נאַציאָנאַל אין פאָרם, נאָר אויך אין אינהאַלט. אין איר איז איצט געקומען צום אויסדרוק אוצרות פון טויזנט-יאָריקן עבר פון טראַדיציעס און מנהגים, פון לעגענדע און פאָלקלאָר, פון נאַציאָנאַלע גבורים און נאַציאָנאַלער גבורה, ביז... ביז דאָס אַלץ איז געוואָרן אַ דאָרן אין אויג פון דער מאַכט, וואָס "דערמוטיקט די נאַציאָנאַלע גרופּן צו אַנטוויקלען זייערע קולטורן און אויפצוהאַלטן זייער נאַציאָנאַלע אייגנאַרט"...

און עס איז געשען... ווי עס געשעט אין יעדער געניט-אויסגעשולטער פאַרברעכער-גנזולשאַפט — אַ דיסקרעטער וואונק מיטן אויג, אָדער אַ באַפעל, אַרויסגעצישעט שטיל ווי פון אַ שלאַנגענמויל, און אַלץ איז מיטאַמאָל פאַרשטומט, אַלץ אָפּגעמעקט!...

פאַרשוואונדן געוואָרן פון ראַטנלענדישן שטח די דורות'דיקע קולטור פון אַן אַלט פאָלק!...

— —

— —

פון אַ רעזשים וואָס האָט די עקזאַלטירט-פּאַרהייליקטע לאָזונגען פון דער קעמפענדיקער מענטשהייט צביעות'דיק באַרויבט פון זייער אמת'ן אינהאַלט; פון אַ הערשאַפט וואָס האָט פּראָפאַנירט און פאַרשוועכט די שענסטע וויזיעס און די דערהויבנסטע אַספּיראַציעס פון רעוואָלוציאָנערע מאַרטירער, אָט פון אַזאַ ממשלה האָט מען ניט געדאַרפט קיין בעסערס דערוואַרטן אויך בנוגע דער לאָזונג "דערמוטיקן די קולטורן פון קליינע פעלקער".

דאָ געשעט בלויז דאָס, וואָס איז אין דער געשיכטע — בפרט אין אונדזער יידישער געשיכטע — קיין נייעס ניט. יעדע בייזע מאַכט אין איר

איפער צו באהערשן און באצווינגען די וועלט, הויבט אָן אירע בלוטיקע פלענער מיט יידן.

ווי זאָגט דוד בערגעלסאָן:

אויף יידן ווערן אויסגעפּרואווט די פעלקער,
אויף יידן ווערט אויסגעפּרואווט די וועלט.

*

וואָס איז יאָ ניי און ביישפּיללאָז אין דער טראַגעדיע פון גייסטיקן אומקום פון יידישן פאָלק אין ראַטנלאַנד איז דאָס, וואָס דאָס פארברעכן פון ליקווידאַציע איז געווען באַגלייט מיט דער שטרענגסטער קאָנספּיראַציע פון פארשוויגן.

אנטיוכוס, אדריאַנוס, איגנאַסיא לאָיאָלא, טאָרקוועמאַדאָ און אנדערע צוררים, האָבן, אייגנטלעך, ניט פארלאַנגט מערער ווי די ליקווידאַציע פון יידישן גייסט. קיינער פון זיי האָט אָבער זיין ארבעט ניט באַגלייט מיט אַזאַ מורא'דיקן שטילשווייגן און געהיימניש ווי דאָס איז געמאַכט געוואָרן אין "פּראָגרעסיוון סאָציאַליסטישן" ראַטנפארבאַנד.

בעת'ן פארשפּארן אין תפיסה און ביים אומקום פון די עשרה הרוגי מלכות, אין דער צייט פון אַלט-רוימישן אימפּעראַטאָר אדריאַנוס, זענען ביי-געווען זייערע תלמידים און פריינט.

אין תפיסה איז אפילו אָנגעהאַלטן געווען מיט זיי אַן אָפענער שטענדי-קער קאָנטאַקט. די עשרה הרוגי מלכות האָבן אפילו באַוויזן פארן טויט צו לאָזן זייערע הייליקע צוואות פארן קולטור-המשך פון יידנטום.

ווער איז געווען ביים פארשפּארן אין טורמע און ביים אומברענגען אונדזערע היינט-צייטיקע הרוגי-מלכות? ווער האָט אָנגעהאַלטן עפּעס אַ קאָנטאַקט מיט די געפאַנגענע שרייבער און לערער מ. קולבאַק און מ. עריק? ווער, אפילו פון די נאָענטסטע, האָט געוואוסט ווען און וואו ס'זענען אומגע-קומען בערגעלסאָן, מאַרקיש, נסתר, כאַריק און אנדערע?

ווער האָט פון געפאַנגענשאַפט געהערט דעם לעצטן וואונטש פון גייס-טיקן ריז, און גרויסן געלערנטן ה. י. צינבערג? און ווער האָט געלינדערט

די לעצטע פיזישע און גייסטיקע קאָנוואולסיעס פון העברעאישן דיכטער-מארטירער חיים לענסקי?

ניט געוועז במשך די אכט יאָר — און דערווייל איז נאָך ניטאָ — אזעלכער, וואָס זאָל אונדז קענען דערציילן וועגן עפּעס א מצב אין וועלכן ס'האָבן זיך געפונען די, אין שוויגן פארפייניקטע און אומגעקומענע, יידישע דיכטער, שרייבער און אינטעליגענץ אויפן ברייטן שטח פון סאָוועטישן לאנד.

בלויז זייערע לעצטע ווערק דערציילן אונדז וועגן זייער טיף-נאציאָנאלן געמיט:

דער ווייך פון דורות'דיקן דויער
האָט מיך געשטארקט אין וואנדער-וועג.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פון אלע שייטערס פלעג איך מעלדן: איך בין א ייד!"

(איציק פעפער)

דאָס איז דער קווינט-עסענץ פון זייער פילן און דאָס איז די צוואה.
און נאָכדעם —
אן אימה'דיקע שטילקייט... א שוויגן צווישן גוט קאָנספּירירטע פאר-שווערער וואָס דראָט מיט טויזנטער סכנות...

— —

— —

אין דער פיינלעכער שטילקייט האָט נאָך געטליעט א שוואכע האָפנונג אז אונדזערע אָפטע דערמאָנונגען זענען נאָכניט קיין מצבות אויף פאר-וואָרלאָזטע, עלנטע קברים פון יידישע דיכטער און שרייבער אין ראטנ-לאנד.

איצט וויסט מען שוין... ניטאָ מער די האָפנונג!...

געטרייע הענט וואָלטן מסתמא א מצבה געשטעלט ווען מ׳וואָלט גע-וואוסט וואו די קברים געפינען זיך...

און אפשר וואָלט איצט א ייד צוגעפאלן צו קולבאקס קבר, און ארויס-געוויינט דאָס בענקעניש און צעוויטיקטע געמיט פון אונטערגייענדיקן יידי-שן פאָלק אין ראטנלאנד מיט אָט די 4 שורות קולבאקס:

דאָס קינד פון יבנה דאַרשט דאָס ליכט, וואָס גייט פארלאָרן.
א וויטער בת-קול רופט און רופט פון אלט צעשטערטן מויער,
און גראָ און גראָער ווערט, וויס שימערן די קיטלען און געזיכטער
און ס׳דאכט — די ספרים גוססן אין טונקלקייט פון ארון..."

און אפשר וואָלט א באַענטער ביים קבר פון גרויסן קדיש-זאָגער פרץ מארקיש געוואָלט שטיל א קדיש מורמלען? אָדער אפשר וואָלט אן ענטוזי-אסטישער, פארעקשנטער ייד איצט צוגעגאנגען צו מארקישעס מצבה כדי טראַציק, על אפם ועל חמתם פון אלע פארטיליקער פון יידישן ספר, אָפּצו-רעציטירן מארקישעס וואונדערלעכע האָפערדיקע שורות וועגן דער אייבי-קייט פון יידישן גייסט:

צעשיידן וועט אונדז נישט מיט אונדזער ספר׳דיק געווער,
נישט מאָרד, נישט טויט, נישט שייטערדיקע שרפה!
נאָר ס׳וועט אין אונדזער ספר זיין די שווערד
ווי אין א שווערד באדארף צו זיין א ספר!"

זענען אָבער קיין קברים ניט פאראן... אזוי האָט געפאָדערט די שטומע פארשווערונג...

אין קיין ברירה ניטאָ — מוז מען צורעכענען די מצבה׳לאָזע קברים פון די אומגעבראכטע דורך דער סאָוועטן-מאכט צו די שפורלאָזע קברים פון מיליאָנען אומגעקומענע פון אונדזער פאָלק דורכן נאצי-רייך.

פאר זייער געמיינזאמען גע׳דעכעניש האָבן מיר איין יזכור און אין צע-וויטיקטן צאָרן פאר זייער אומקום קענען מיר ארויסברענגען איין גע-רעכטע תפילה:

ה׳ ינקום דמם!

דורות זינגען

תפילה-געזאנגען

דורות זינגען

מוזיק איז די שפּראַך פון טענער פונקט ווי אין דער ליטעראַטור די ווערטער. און פונקט ווי ליטעראַטור, אין אַלע אירע פאָרמען, איז אַן אויסדרוק פון דעם לעבנס-שטייגער, כאַראַקטער, שטרעבונגען און בענקע-נישן פון געגעבענעם פאָלק, אַזוי איז די מוזיק אַן אויסדרוק פון לעבנס-שטייגער, נשמה-צושטאַנד און אָרט פילן פון יעדן פאָלק באַזונדער.

די ווירקונגס-מעגלעכקייט פון מוזיק איז אָבער אַ פּיל רייכע-רע ווי פון דער ליטעראַטור. מוזיק האָט אויך מערער מיטלען אויסצודרי-קן די מענטשלעכע אינטימסטע געפילן און איבערלעבונגען; זי איז דער העכסטער אויסדרוקס-מיטל פאַר טיפע עמאָציעס. מוזיק איז די שפּראַך פון אונטערבאַוואוסטזיין, די קלאַנגען פון דער נשמה, וואָס רייסן זיך צו העכערע וועלטן, ביז צום פאַראייניקן זיך מיט דער געטלעכקייט.

אַ פּאָעט האָט, אין אַ מאָמענט פון אינספּיראַציע, אָנגעשריבן אַ ליד. אינעם ליד ברענגט דער פּאָעט אַרויס זיין אַנטציקונג פאַר אַלערליי שיינ-קייטן פונעם וועלט-באַשאַף, זיין שטאַרקן געפיל פאַר ליבע און פרייד, זיין באַגייסטערונג פאַר הויכע אידעאַלן, זיין צעשטראַלטן געמיט פאַר גרויסע געשעענישן. ווייסן מיר, אַז דאָס געפיל ביים פּאָעט איז, אָפטמאָל, אַ סך טיפער, זיין פאַנטאַזיע אַ סך רייכער ווי דאָס, וואָס ער האָט מיט ווערטער

געקענט ארויסברענגען. דאָ קומט אונטער די מוזיק און דערגאַנצט מיט קלאַנגען דאָס, וואָס דער פּאָעט האָט ניט דערגרייכט מיט קיין ווערטער. דער הימן, דאָס ליד באַקומט דורך מוזיק זיין פולשטענדיקן תיקון.

קיין שום אנדער קונסט איז ניט אזוי טיף אינדיווידועל ווי ס'איז מוזיק, און צו דערזעלביקער צייט איז ניט פאראן נאָך א קונסט וואָס זאָל אזוי באַהערשן מאַסן ווי דאָס באַוויזט די מוזיק.

מוזיק איז דער סובטעלסטער אויסדרוק פון אונדזערע שטימונגען, פון אונדזער געמיט וואָס זענען, ס'רוב, אָפּהענגיק פון דער אַטמאָספער אין וועלכער מיר געפינען זיך, און צו דערזעלביקער צייט קען מוזיק אונדז ארויסנעמען פון איין באַהערשטער שטימונג און געפיל, און אונדז אריבערפירן אין גאָר אנדערע ספערן, צו גאָר אנדערע געפילן און שטי-מונגען, גאָר ווייטע פון אונדזער ארום. מיט איין וואָרט: מוזיק פירט אונדז צו פאַרטיפונג אין אייגענעם וועלטל פון פרייד און פון טרויער, און צו דער זעלביקער צייט מאַכט זי אונדז פאַרגעסן אין זיך און אין דעם וואָס רינגלט אונדז ארום, און פירט אונדז אוועק, העט-וויט, צו אויסגעלייטער-טע וועלטן פון ריינער, אומפּערזענלעכער פאַרנונפט.

אומגעהייער זענען די מיטלען פון דער שפּראַך פון קלאַנגען. זי דריקט אויס און רופט ארויס געפילן פון פרייד און נחת פון איין זייט טרויער און צער פון דער צווייטער זייט.

מוזיק רופט צו חשבון-הנפש און תשובה און דורך מוזיק קען מען אריינגעשלעפּט ווערן צו שכרות און נידעריקסטער זינד: דורך מוזיק קען מען קומען צו דער העכסטער מדרגה פון ברידערלעכקייט און גוטסקייט, און צו דער זעלבער צייט קען זי פירן צו שנאה, רשעות און אכזריות. מוזיק מאַכט א מענטשן מילד, סענטימענטאַל, אינספּירירט אים צו די אידלסטע מעשים, און פונקט אזוי קען מוזיק אויפוועקן די נידעריקסטע אינסטינקטן און פירן צו ברידערלעכן מאַסן-מאָרד.

אָפטמאָל קען איינע און די זעלבע מוזיק אויסדרוקן און ארויסרופן די קעגנזאַצלעכסטע געפילן. עס ווענדעט זיך נאָר ווער עס זינגט, און וואָס פאַרא געפיל מ'לייגט אריין אין געזאַנג. פּרץ זאָגט: א ניגון קלאָגט זיך, א ניגון וויינט, נאָר איינער וויינט אויף גלות השכינה און א צווייטער — וואָס

א יפה פיה, איז אים אנטלאָפן... א ניגון — זאָגט פרץ — איז פול מיט בענקשאפט, נאָר ביי איינעם בענקט די נשמה צו איר געטלעכן שורש, און אן אלטער בעל־עבירה׳ניק בענקט צום יונגן יצר־הרע.

א מעלאָדיע, א ניגון קען זיין ריין, לויטער, ברענען מיטן פייער פון ליבשאפט און גוטקייט, זיך רייסן און גרייכן צו די אייבערשטע וועלטן. און דער זעלבער ניגון קען זיין אומריין, רייצן צו אומריינער ליבע און אראָפּשלעפּן צו די נידעריקסטע, פינצטערסטע תהום׳ען פון אונטער־וועלטישקייט.

עס ווענדעט זיך נאָר ווער עס זינגט און וואָס מען זינגט.

די העכסטע מדרגה פון א ניגון איז, ווען ער ווערט ארויסגעבראכט פון ריינער, נשמה׳דיקער עקסטאַטישקייט. א געזאנג, וואָס דרינגט ארויס פון מענטשנס לויטערע פארלאנגען צו דערהייבונג. טענער, דורך וועל־כער דער מענטש גיט אויסדרוק זיין תשוקה צו גייסטיקער אויסגעלייטערט־קייט.

ה׳רוב איז דאָס מוזיק מיט א מילדן, רואיקן ריטם. זי פארשאפט שטי־לן גענוס, וועקט אויף התלהבות אין אנטציקונג פאר דער שיינקייט פון דער נאטור און פון וועלט־באשאף. דורך אזא מוזיק איז דער מענטש זיך מתיחד, באהעפט זיך מיט דער געטלעכקייט.

מיט אזעלכע ניגונים האָט די מענטשהייט אָרנאמענטירט די תפילות און די הימנען צו גאָט.

אָט די מילדע רעליגיעזע געזאנגען און ניגונים, האָבן עס געפלאנצט מענטשנליבע, אריינגעגאָסן קדושה אין מענטשלעכן הארץ, געלייטערט זיינע מחשבות און אים דערנענטערט צו גאָט.

אין דעם פרט, האָט די יידישע מוזיק, די אמאָליקע ווי די איצטיקע, אויסגעהאלטן די פּראָבע, און איז א געוויסער מאָס דערגרייכט צו א הוי־כער מוזיקאלישער מדרגה. אין דער אנטשטייאונג פון ריינער, הייליקער מוזיקאלישקייט, האָבן יידן גאָרניט קיין קליינעם חלק. אויך דאָ, פונקט ווי אין דער אלגעמיינער ציוויליזאציע, האָבן יידן אפילו א רעכט אויף פּרי־מאַט.

וואָרום וועלכע פעלקער האָבן אין זייער היסטאָרישן לעבן, אזוי זיך גע־

קלאמערט אין תפילות און אין פסאלמען-הימנען ווי יידן? קיין שום פאָלק איז ניט אזוי ענג געווען אויף דער ערד, אז עס זאָל זיך תמיד דארפן ווענדן נאָר צום הימל אזוי ווי יידן.

וועלכעס פאָלק, אָדער ציוויליזאציע, איז אזוי פארבונדן מיט ריינער, געטלעכער אמונה ווי די יידישע ציוויליזאציע? קיין ציוויליזאציע האָט זיך אזוי פיל ניט געקלאמערט און זיך גענערט פון דער שכינה ווי יידן; כמעט גאנצע 24 שעה אין מעת-לעת, ביים אויפשטיין און לייגן זיך, ביים עסן און ביים לערנען, אין דער משפחה און אין פארזאמלונגס־הויז, זענען יידן געווען אין קאָנטאקט מיט גאָט און מיט געטלעכע שטרעבונגען פאר זיך און פאר דער גאנצער וועלט.

לאָמיר א קורצן שפאציר געבן איבער די שליאכן פון יידישער נגינה, כדי צו מאָטיווירן די נאָר-וואָס ארויסגעזאָגטע באהויפטונגען.

*

זינט די עלטסטע צייטן, האָבן יידן געהאט וואָקאלע און אינסטרו־מענטאלע מוזיק. אין בראשית-בוך ווערט דערציילט וועגן געבורט פון יובל, ״דער פאָטער פון אלע וואָס האלטן א האַרף און א פלייט״.

בעת די וואנדערונגען אין מדבר האָבן די יידן זיך באנוצט מיט חצוצרות, א מין מעטאלענער סיגנאל-אינסטרומענט ,וואָס האָט געמושטירט די מאסע-וואנדערער צו פארזאמלונגען און צו ווייטערדיקע מארשן.

א וויכטיקע ראָל האָט שוין דאן געשפילט דער שופר. ער ווערט ספּעציעל דערמאָנט ביי גרויסע געשעענישן. מיטן קול פון שופר האָט זיך גאָט באוויזן אויפן באַרג סיני, דורכן קול פון שופר האָט זיך געהערט גאָטס שטים ביי די עשרת-הדברות.

אפנים אז דער שופר איז געווען פארהייליקט ביים יידישן פאָלק צו-ליב זיין שטארקן און אויפטרייסלענדיקן כאראקטער, און דערפאר איז ער באנוצט געוואָרן בעת די וויכטיקסטע געשעענישן. אפילו דוד המלך, וואָס האָט שוין געקענט פיל אנדערע אינסטרומענטן, האָט אין גליקלעכסטן און דערהויבנסטן מאָמענט פון זיין קעניגן, בשעתן ברענגען דעם געטלעכן אָרון קיין ירושלים, האָט ער אים אריינגעבראכט אונטער די קלאנגען פון שופר.

כדי אָפּצוצייכענען די וויכטיקסטע דאַטעס אין עפּנטלעכן לעבן האָט מען געבלאָזן שופר, און נאָך ביז היינטיקן טאָג געהער דאָס שופר-בלאָזן אין די ימים נוראים צום פייערלעכסטן מאָמענט פון גאַנצן געהויבענעם צערעמאָניאַל. אגב, איז די העכסטע יידישע שטרעבונג — דאָס קומען פון משיחן פאַרבונדן מיטן קול פון שופר. דער שופר של משיח דאַרף עס ברענגען שלום און גליק פאַר דער גאַנצער וועלט.

א ווייטערדיקע שטופּ פון מוזיקאַלישער אַנטוויקלונג געפינען מיר שוין ווען די בני-ישראל האָבן זיך באַזעצט אין לאַנד און זיך אָנגעהויבן איינאָרדנען ווי א זעלבסטשטענדיקע מלוכה. צו דער דאָזיקער העכערער אַנטוויקלונג האָט געפירט דער נייער לעבנס-שטייגער פון פאָלק. דאָ האָבן זיי שוין ניט געהאַט פאַר זיך די מאָנאָטאָנע לאַנדשאַפט פון מדבר, אַ לאַנדשאַפט וואָס רופט ניט אַרויס קיין געוואַלטיקע באַגייסטערונג. דערפאַר הערן מיר אין דער מדבר בלויז די איינטאָניקע קלאַנגען פון דער חצוצרה, פונעם פויק און, ווי געזאָגט, ביי גאָר פייערלעכע מאָמענטן — דעם שופר. דאָ, אינעם נייעם לאַנד, מיט איר פילפאַרביקער נאַטור, מיט אירע הויכע בערג און גרינע, מיט בוים און בלום-באַדעקטע טאָלן, וועקן זיך שוין ביים פאָלק טיפערע עמאָציעס. די פאַרשיידנאַרטיקע תקופות פונעם יאָר, יעדע מיט איר ספּעציפישן קלימאַט און קאָליר. די פרוכט און געוויקסן, וואָס קומען אויף אין יעדער תקופה פון יאָר, רופן אַרויס ביים מענטשן עקסטאַז. דאָס געמורמל פון די טייכעלעך, דאָס שטילע גערויש פון די ביי-מער און תבואות, דאָס ברומען און געוואָי פון די חיות, דאָס זשומען און קוואַקען פון אַלערליי באַשעפענישן וואָס ווידמען זיך אין וואַסער און אינ-דערלופטן, דאָס אַלץ וועקט אויף פרייד און באַגייסטערונג און עס שאַפן זיך האַרמאָנישע מעלאָדיעס וואָס ווערן באַגלייט מיט התלהבות'דיקע טענץ.

עס קומען אויף נייע אינסטרומענטן וואָס אימיטירן די קלאַנגען פון דער נאַטור. קלאַנגען, וואָס פאַרהילכן דאָס לאַנד און פילן אָן אַלעמענס הערצער מיט באַגייסטערטער פרייד און ליבּ צום לעבעדיקן באַשעפער פאַרן אַרויסנעמען פון קנעכטשאַפט און פאַרן דורכפירן דעם וויסטן מדבר צום פרוכטבאַרן, שיינעם לאַנד. דער דאָזיקער עקסטאַז האָט, אין די אַלטע צייטן באַקומען זיין העכסטן אויסדרוק אין די צייטן פון דוד המלך און זיין זון שלמה.

נאָך אין די צייטן פון פאַר דוד'ן און שלמה'ן, נאָך אין דער שופטים-צייט, האָט מוזיק שוין געהאַט פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין יידישן לעבן. דער לעצטער שופט שמואל רעדט צום קומענדיקן קעניג, שאול, וועגן אַ כאַפּטע נביאים וואָס גייען אַרום מיט אַן אָרקעסטער פון פיר אינסטרומענטן און דערמיט באַגייסטערן זיי דאָס פאָלק צו דינסט פאַר גאָט. שוין אין יענער צייט האָט מען ביי יידן באַגריפן דעם מאַגישן כּוח פון מוזיק, און מ'האָט שוין דאַן געוואוסט מיט מוזיק צו היילן מעלאַנכאָליש קראַנקע.

ווען שאול, דער ערשטער יידישער קעניג, ווערט באַהערשט פון אַ שלעכטן גייסט, ער איז טרויעריק און מעלאַנכאָליש, ברענגט מען צו אים דעם יונגן כנור-שפּילער, דעם פּאַסטוך דוד, וועמעס שפּילן ס'פאַרטרייבט פון שאולן זיין שלעכטן געמיט.

אָט דעם פּאַסטוך און כנור-שפּילער דוד איז עס שפּעטער באַשערט געווען צו זיין דער וויכטיקסטער בויער פון דער יידישער מלוכה, דער העלדישסטער קריגס-פירער פון צווישן אַלע מלכים און מעכטיקער דעראָבערער באַזיגער פון פעלקער און לענדער.

אָבער ניט אַלס העלדישער קריגס-פירער און בויער פון פאַרמעלן יידישן שטאַט איז דוד פאַרבליבן אין אייביקן זכרון פון יידישן פאָלק. דוד המלך איז בעיקר פאַרבליבן אין דער פאַנטאַזיע פון פאָלק ווי דער נעים זמירות-ישראל, ווי דער שעפער פון תהילים, ווי דער גרעסטער זינגער פון הימנען און לויב-געזאַנגען צו גאָט, דעם באַשעפער פון וואונדערלעכע וועלטן, דעם באַפרייער פון פאָלק, וואָס האָט אויסגעקליבן די שטאָט ירושלים כדי דאָרט צו מאַכן רוען זיין נאָמען, און דערמיט באַשטראַלט מיט זיין גענאָד דוד'ס קעניגרייך.

אין דוד'ס צייטן קומט פאַר אַ געוואַלטיקער מוזיקאַלישער פּראָגרעס. אין זיין צייט ווערן צונויפגענומען טויזנטער מענטשן ("משמיעים קול בשמחה") וועמעס איינציקע פּראָפעסיע ס'איז טאַקע "להרים קול בשמחה", דאָס הייסט: צו פאַרשפּרייטן פריידיק געזאַנג צווישן פאָלק.

דאָס זענען געווען גוט-אָרגאַניזירטע כאָרן און אָרקעסטערס פון הויכער מוזיקאַלישער קוואַליטעט, פון וועלכע דוד האָט שוין געקענט אָפּקלייבן ניט ווייניקער ווי 4000 מהללים, זינגער פון לויב-לידער צו גאָט, מוזיקער וואָס האָבן געזונגען אין כאָרן און געשפּילט אויף נייע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן וואָס דוד המלך אַליין זאָל האָבן דערפונדן.

די אינסטרומענטאלע און וואָקאלע ניגונים צוזאמען מיט די מזמו־רים פון תהילים וואָס דוד המלך האָט איינגעשטעלט, זענען שפּעטער גע־וואָרן אַ אינטעגראלער, מוזיקאלישער טייל פון דער הייליקער עבודה אין שלמה׳ס בית-המקדש, און איז פארבליבן אלס הייליקע טראדיציע מיט רעגלאמענטירטע דינים אויך אין 2-טן בית-המקדש.

די כאָרן און געזאנגען פון בית המקדש, זענען, אפּנים, געווען בא־רימט צווישן די שכנישע פעלקער. אין א רירנדיקן פאָלקס-ליד פון נאָכן ערשטן חורבן, ווערט דערציילט ווי די בבלים, די ערשטע באצווינגער פון יהודה, באפעלן די פארטריבענע יידן ביי די טייכן פון בבל, אז זיי זאָלן פאר זיי זינגען פון ״ציונס־לידער״, אָבער צו הייליק און צו דערהויבן זע־נען געווען ציונס לידער אז די פארטריבענע זאָלן מיט זיי פארוויילן זייערע באצווינגער. און מיט טיפן ווייטיק שרייען זיי אויס: ״ווי קענען מיר זינ־גען גאָטס לידער אויף פרעמדער ערד?״

די יידישע געשיכטלעכע השגחה האָט געוואָלט, אז דווקא ביים דער־מאנען דאָס געזאנג פון ציון זאָל אויפקומען די שבועה פון אייביקער צו־געבונדנקייט פון פאָלק צום לאנד. ווארום טאקע ביי יענער געלעגנהייט האָט דאָס פאָלק אויפגעהויבן די רעכטע האנט און איבער די קעפּ פון שונא געשוואָרן ״אויב איך וועל דיר פארגעסן, אָ, ירושלים, זאָל מיין רעכטע האנט פארגעסן ווערן! זאָל מיין צונג צוגעקלעפּט ווערן צו מיין גומען, אויב איך וועל דיך ניט דערמאָנען ביי מיין גרעסטער שמחה.״

צום גליק האָט דער גלות בבל געדויערט א פארהעלטנישמעסיק קורצע צייט. 70 יאָר נאָך דעם חורבן פון ערשטן בית-המקדש איז אויפגע־בויט געוואָרן דער צווייטער בית-המקדש. במשך דער צייט, איז אויפגע־האלטן געוואָרן דער נוסח פון די פאָלקס-געזאנגען אין זייער פולער אָריגי־נאליטעט.

אין דער אויפסניי אויפגעבויטער יהודה, האָבן ווידער זיך צעהילכט די פריילעכע געזאנגען פון באפרייטן פאָלק מיט נייער באגייסטערונג. און — ווי דער נביא האָט פאָראויסגעזאָגט — זענען ווידער ״געהערט גע־וואָרן אין די שטעט פון יהודה דאָס שטים פון יובל און פרייד, דאָס קול פון ששון און שמחה, פון חתן און כלה.״

אין בית-המקדש זענען באנייט געוואָרן די אלטע געזאנגען פון די לויים-כאָרן מיט זייערע אָרקעסטערס.

די מזמורים און הימנען, די תפילות און שירים זענען צוזאמענגעקלי־בן געוואָרן אין איין באנד און זענען ווידער געזונגען געוואָרן מיטן זעל־ביקן נוסח און געשפּילט געוואָרן מיט אינסטרומענטן וואָס האָבן געשטאַמט פון דוד המלך, צו וועמען די פאָלקס־מסורה שרייבט, אגב, צו אז ער איז דער מחבר פון אלע מזמורים און הימנען פון ספר תהילים.

*

אָט דאָס קליינע ספרל, מיט זיינע 150 מזמורים־קאַפּיטלעך, האָט זיך שוין מער ניט אָפּגעטאָן פונעם פאָלק ביזן היינטיקן טאָג.

פּונקט ווי אַמאָל, אין די צייטן פון בית המקדש איז דער תהילים געווען דער קוואל פון באַגייסטערונג און עסטעטישן גענוס ביי די טעג־לעכע און יום־טוב׳דיקע צערעמאָניעס אין בית־המקדש, אַזוי איז איצט, טויזנטער יאָרן נאָכן חורבן, דער תהילים פאַרבליבן דער באַגלייטער פון יידישן יחיד און כלל אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן. פון תהילים האָט דער ייד, סיי דער פּראָסטער, וואָס האָט קוים געקענט לייענען א שייטל עברי, און סיי דער למדן, געשעפּט אמונה און בטחון; דורכן תהילים האָט דער ייד אַיבערגעגעבן צו גאָט זיינע פּערזענלעכע תפילות און בקשות.

אין אן עת־צרה פאַרן יחיד און פאַרן כלל, אין צייטן פון גזרות און רדיפות האָט דער ייד געפונען האָפנונג און טרייסט אינעם ספר־תהילים. ווי א געטרייער חבר, אָדער ברודער, האָט דער תהילים באַגלייט דעם יידן אין וואָך און אין יום־טוב, אין דער היים און אין בית־הכנסת. א קאַפּיטל תהילים איז ביים יידן געווען א באַהעפטונג מיט גאָט, וועמען ער האָט גע־לויבט פאַר זיינע חסדים און פאַר וועמען ער האָט זיך אויסגעוויינט אין תפילה און בקשה. נאָכן אָפּזאָגן א יום־תהילים, האָט א ייד זיך געפילט אַ דערלייכטערטער און א געטרייסטער פאַר אלע אויסגעשטאַנענע צרות און פּורעניות, און פול מיט האָפנונג אז גאָט האָט דאָך דערהערט זיין געבעט און ער וועט געהאָלפן ווערן.

אין אלע תפוצות ישראל זענען במשך די טויזנטער יאָרן גלות, גע־גרינדעט געוואָרן חברות־תהילים, וואָס האָבן זיך יעדן טאָג צונויפגעזאַמלט אין די בתי־תפילה כדי צו זאָגן בציבור א קאַפּיטל תהילים. און געזונגען האָט מען דעם תהילים, ווי אַמאָל אין בית המקדש, פּסוק ביי פּסוק, אין אן

אנטיפאנישער פאָרם. דאָס הייסט: דער חזן, אָדער פירזאָגער, האָט פאָר־געזונגען אין א טרויעריק-פארבענקטן, געבעטפולן רעטשיטאטיוו א פסוק, און דער פארזאמלטער עולם האָט מיטן זעלביקן ניגון איבערגעחזרט בצי־בור דעם זעלביקן פסוק. דאָס זאָגן תהילים בציבור, סיי בשעת חדוה און סיי, חלילה, בשעת־צרה, געהערן צו די דערהויבנסטע, הייליקע שעה'ן פון יידישן כלל-לעבן.

מיטן פארהייליקטן ספר־תהילים איז אין פאָלקס-זכרון פארהייליקט און פאראייביקט געוואָרן זיין זינגער-פארפאסער, דוד המלך, וועמען די פאָלקס-מסורה האָט באקרוינט מיטן טיטול "נעים זמירות ישראל".

א תלמודישע אגדה וויסט צו דערציילן, אז איבער דוד המלך'ס בעט איז געהאנגען זיין באליבטער כנור און האלבע נאכט פלעגט א צפון-ווינט א בלאָז טאָן אויף די סטרונעס פון כנור, וועלכער האָט פון זיך אליין אָנ־געהויבן צו שפילן. דאן פלעגט דער אלטער קעניג זיך אויפהייבן א בא־הערשטער פון גאָטס גייסט און פארפאסן די מזמורים און געזאנגען פון תהילים.

און דערפאר, נאָך ביז היינט, אין מינוטן פון רעליגיעזן עקסטאז, און אין העכסטער תשוקה צו משיחישער גאולה, האָבן יידן התלהבות'דיק גע־זונגען "דוד מלך ישראל חי וקיים" — דוד, דער נעים זמירות ישראל, דער פארפאסער פון די תהילים-געזאנגען, קען ניט זיין טויט.

די וויזיע פון משיחיות, די העכסטע יידישע אספיראציע פאר נאַ־ציאָנאלער און אלמענטשלעכער דערלייזונג, איז פארבונדן מיט דוד המלך. דער אמת'ער גואל וועט, לויט אונדזער פארשטעלונג, זיין נאָר א בן-דוד.

אזא עקסטאטישע פארערונג פארן קעניגלעכן זינגער-פאָעט, האָט געקענט אנטשטיין ביי א פאָלק מיט א זייער סענסיטיוון חוש פאר העכע־רער מוזיק, וואָס האָט שוין דאן געהאט דורכגעמאכט א הויכע מוזיקא־לישע אנטוויקלונג.

*

נאָכן צווייטן חורבן בית-המקדש איז די מוזיק פון די לויים כמעט ווי פארגעסן געוואָרן. אין דער גמרא זענען פאראן געוויסע אָנדייטונגען און אָ טענדענץ אָנצוהאלטן אין די בתי-כנסת דעם נוסח-התפילה און דאָס לייע־נען אין ספר-תורה.

נאָך פארן חורבן זענען שוין געווען ישובים מיט בתי־כנסת ספעציעל אין די מזרח־לענדער ווי תימן, בבל און פערסיע. פון די דאָזיקע האָט זיך, ווייזט אויס, אויפגעהיט א טייל פון די מוזיקאלישע נוסחאות פון די תפילות און פון קריאת התורה, וועלכע זענען, מיט געוויסע מאָדיפיקאציעס, פאר־בליבן ווי דער טראַדיציאָנעלער נוסח ביי די גאָר עלטערע ישובים אין די תפוצות און האָט באַאיינפלוסט די שפּעטערדיקע ליטורגישע, סינאַגאָגאַלע מוזיק פון די יינגערע קיבוצים אין די מערב־לענדער.

אָבער אין אלגעמיין, איז די וואָקאלע און אינסטרומענטאלע נגינה פון בית־המקדש ווי פארגעסן געוואָרן. דערפאר זענען געווען צוויי הויפּט־סבות: ראשית, איז דער טרויער נאָכן חורבן געווען אזוי גרויס, אז מ׳האָט כמעט ווי אויפגעהערט צו זינגען; עס זענען דאן אויפגעקומען גרופּן פון ״אבלי ציון״, קלאָגערס אויפן חורבן פון ציון, און ס׳איז ניט געווען אין גוטן טאָן צו לאָזן הערן געזאַנגען. והשנית, האָבן די חכמים בפירוש פאר־באָטן זיך צו באנוצן מיט געוויסע אינסטרומענטן, וואָס זענען באנוצט גע־וואָרן אין בית־המקדש: דאָס באנוצן די דאָזיקע אינסטרומענטן אפילו בשעת־תפילה איז באטראכט געוואָרן ווי א פּראָפאנאציע, א פארשווע־כונג.

ביז היינטיקן טאָג, טאָר אין קיין יידישן בית־תפילה ניט באנוצט ווערן קיין אָרגל, ווייל דער אָרגל זאָל האָבן זיין א ווייטערדיקע אנטוויק־לונג פון אן אינסטרומענט ״מגרפה״ וועלכע איז באנוצט געוואָרן אין בית־המקדש. ערשט ביים סוף פון 19־טן יאָרהונדערט האָבן די רעפאָרמער זיך דערלויבט אריינצושטעלן אן אָרגל אין זייערע טעמפּלען.

טייל מוזיק־היסטאָריקערס מיינען, אז אין די קירכן האָט זיך אויפ־געהאלטן א טייל פונעם בית־המקדש־נוסח, ספעציעל אין די פּסאלמען. די ערשטע קריסטן־יידן זאָלן האָבן אריבערגעפירט די דאָזיקע געזאַנגען אין זייערע בתי־תפילה. די השערה קען אָבער אָנגענומען ווערן נאָר לגבי די ערשטע יאָרהונדערטער פון דער קירכע. די קירכן־מוזיק האָט זינט דאן דורכגעמאכט געוואלדיקע מוזיקאלישע טראנספאָרמאציעס, אזוי, אז פון יענע קלאנגען זענען אין דער היינטיקער קירך געבליבן גאנץ שוואכע סימנים. ובפרט ווען די היינטיקע קירכן־מוזיק איז איבערהויפּט אונטערן איינפלוס פון די גערמאנישע מוזיק־גאונים באך־הענדעל און אנדערע.

ווי געזאָגט, האָבן זיך אויפגעהאַלטן מוזיקאַלישע נוסחאות וואָס זענען דאָך פאַרבליבן דער יסוד פון דער אָריגינעלער ידישער נגינה.

אין דער ערשטער ריי דאַרפן גענומען ווערן אין באטראַכט די טעמי־המקרא, דער טראָפּ, מיט וועלכן מ׳לייענט אין דער תורה, און וואָס זענען מפי המסורה פאַרצייכנט געוואָרן ערשט אין 9-טן יאָרהונדערט. דאָס זענען צייכנס, וואָס זענען אריינגעשטעלט געוואָרן אין טעקסט פון תנ״ך איבער און אונטער די אותיות. די דאָזיקע צייכנס דינען צוויי צילן: זיי העלפן סינטאַקטיש ריכטיק צו פאַרשטיין דעם זאַץ און צו דער זעלביקער צייט דינען די צייכנס ווי מוזיקאַלישע נאָטעס צו לייענען דעם טעקסט פון תנ״ך זינגענדיק.

די זעלביקע נאָטן ווערן אויסגעזונגען אויף פאַרשידענע אופנים אָדער מוזיקאַלישע אינטערפּרעטאַציעס. אזוי אז איז חומש-טעקסט ווערן זיי געזונגען אין די געוויינלעכע שבתים אָדער ימים-טובים אויף איין אופן, און ביי אן אנדער געלעגנהייט, אין ימים נוראים, א שטייגער, ווערן די זעלביקע נאָטעס אין חומש־טעקסט אויסגעזונגען אין גאָר אן אנדער מוזיקאַלישער וואַריאַציע ווי אין די איבעריקע, געוויינטלעכע וואָך אין שבת-טעג.

אנדערש ווערן די אייגענע נאָטעס אויסגעזונגען ביים לייענען די נביאים אָדער די הפטרה.

חוץ דעם דינען נאָך די זעלביקע נאָטעס פאַר פאַרשידענע נוסחאות אָדער אינטערפּרעטאַציעס ביים לייענען די פינף מגילות. למשל מגילת איכה ווערט אויסגעזונגען אנדערש ווי מגילת אסתר. דער אונטערשייד אין די געזאַנגען דריקט אויס דעם אונטערשייד און כאַראַקטער פון טעקסט. למשל, מגילת-איכה וואָס איז אן עלעגיע, א טרויער-פּאָעמע אויפן חורבן פון בית-המקדש, ווערט געלייענט מיט טרויעריקע. הארץ און הימל-רייסנדיקע טענער, און אונטער די זעלביקע נאָטן ווערט למשל, מגילת-אסתר געלייענט מיט א פריילעך-האַפּערדיקן, נצחונדיקן געזאַנג.

ווי געזאָגט, דאַרפן די טעמי-המקרא באטראַכט ווערן ווי דער ערשטער יסוד פון אן אָריגינעלן ידיש־מוזיקאַלישן נוסח, וועמעס נגינה עס וואָרצלט, און איז אויפגעהיט געוואָרן שוין פון גאָר,גאָר לאַנגע דורות.

אלס צווייטן יסוד פאַר דער ארגינעלער ידישער נגינה דאַרף מען באטראַכטן דאָס לערנען זינגענדיק.

אפנים אז צוליב מעטאָדישע טעמים האָבן אונדזערע חכמים נאָך מיט צווי טויזנט יאָר צוריק רעקאָמענדירט אז מ'זאָל לערנען תורה זינגענדיק, מיט מוזיק, געדענקט זיך בעסער דער אינהאלט פון געלערנטן. נורמלען א מעלאָדיע ביים לערנען, העלפט זיך צו פארטיפן אין לערנען. עס שאפט זיך אן אינערלעכע רואיקייט און הארמאָניע צווישן פארשטיין און פילן.

יידישע קינדער און דערוואקסענע האָבן געלערנט זינגענדיק. אויך דערביי זענען פאראן פארשידענע נוסחאות. חומש האָט מען געלערנט מיט איין ניגון, נביאים מיט אן אנדערן, חמש מגילות ווידער מיט אנדערע ניגונים און ועל כלם די בארימט-געוואָרענע, הארציק-טיפע גמרא-ניגונים.

אויב די נוסחאות פון לערנען חומש און נביאים זענען געווען סקארבאָווע, ביי וועלכע ס'איז ניט געווען קיין מעגלעכקייט זיך צו לאָזן אויף די פליגל פון שטימונגס-פולע אימפּראָוויזאציעס, איז אָבער דער גמרא ניגון, הגם מיט א כמעט רעגלאמענטירטן נוסח, געווען אזוי מעלאָדיש-רייך, אז ער פלעגט באנוצט ווערן אין צענדליקער וואריאציעס און אין הונדערטער פרייע אימפּראָוויזאציעס, מיט וועלכע דער לערנער האָט זיך אוועקגעלאָזט ווייט, ווייט פון זיין ערדישער וועלט און געגרייכט די אויבערשטע וועלטן הויך און העכער, ביז צו די היכלות פון קלאָרן שכל און פון ריינער נגינה.

פון זינט נאָכן חורבן, אין אלע פארשידענע גלותן האָט אָפּגעהילכט דער גמרא־ניגון. דער ניגון האָט געמאכט פארגעסן אין דער גאנצער רשעות'דיקער ארומיקער וועלט. מאמעס האָבן מיט אים פארזויגט זייערע קינדער. און כלות האָבן פארויטלטע, נחת'דיק פאנטאזירט מיטן גמרא-ניגון, וואָס ס'וועט צארט אויסזינגען דער חתן און מאן.

געווען שטעטלעך אין די תפוצות פון אייראָפּע, וואו עס האָט שבת און וואָך אָפּגעהילכט אין אלע גאסן קולות פון יונג און אלט מיטן וואונדערלעכן, כשוף'דיקן גמרא-ניגון, און א הייליקייט האָט זיך צעגאָסן אויף יענע ערטער. קיין שום גויש-פארשיכור'טע קולות האָט זי ניט געקענט מטמא זיין.

די ניגונים פון לייענען און לערנען האָבן, טיילוויז, באאיינפלוסט די ליטורגישע און סינאגאָגאַלע מוזיק.

*

מיט דער צייט אָבער האָט די ליטורגישע נגינה אָנגענומען אינגאַנצן נייע פאָרמען.

די רדיפות קעגן יידן אין פריען און במשך דעם גאַנצן מיטלאַלטער, וואָס האָבן אומאויפהערלעך חרוב געמאַכט און אומגעבראַכט אויפן אכזריות'דיקסטן אופן גאַנצע קהילות-קדושות, האָבן אַרויסגערופן גאָר אַנדערע נגינות. די כראָניקערס און פּאָעטן-פּייטנים פון יענער צייט האָבן אויף פאַרשידענע אופנים, ס'רוב אין אַקראָסטיך, פאַרצייכנט די אַלע גרויל-געשעענישן וועלכע זענען מיט דער צייט אַריינגענומען געוואָרן אין סידור התפילה. דער גרעסטער טייל פון די דאָזיקע יסורים-פולע פּאָעטישע פאַרצייכענונגען, זענען אַריינגענומען געוואָרן אינעם מחזור פון די ימים-נוראים אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען פון סליחות און קינות.

אַרום אָט די האַרצרייסנדיקע תפילות און פיוטים זענען, ווי פון זיך אַליין אַנטשטאַנען איינפאַכע ניגונים פול מיט וויטאָג און דורכגענומען פון צער.. אין אַלגעמיין זענען דאָס רעטשיטאַטיווע זאָגעכצער פון געבעט און געוויין און דורכגעדרונגען מיט שטילן בטחון. נאָר פון צייט צו צייט, אַנטשפּרעכנדיק צום אינהאַלט פון פיוט, רייסן זיך אַרויס הימל-שפּאַלטנדיקע טענער פול מיט טראַגיזם וואָס האָבן ביי שוואַכערע נאַטורן אַרויסגערופן כוואַליעס פון געוויין און שטראָמען פון טרערן.

די דאָזיקע, אין צרות און אין פּיין דורכגעווייקטע, ניגונים זענען פאַרבליבן דער לייט-מאָטיוו פון ימים-נוראים'דיקן דאַווענען.

געווען בעלי תפילות וואָס האָבן מיט זייער רעטשיטאַטיוו אַרויסגערופן די איידלסטע געפילן פון תשובה און חרטה. אַנדערע האָבן מיט זייער אופן פון "זאָגן" געקענט אויפטרייסלען די טיפסטע קעמערלעך פון דער נשמה, און צו דער זעלביקער צייט געטרייסט און אָנגעפילט מיט האָפנונג אַז גאָט האָט אַלץ דערהערט, און אַז ניט ווייט איז די צייט, ווען באַרן פאָלק ישראל וועלן בעסערע צייטן קומען.

דאָס איז אַלץ געווען אַמאָל, ווען די יידיש-רעליגיעזע מאָראַל איז געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה. דער חזן, אָדער בעל-תפילה, איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ שליח-ציבור, אַ געשיקטער פון פאָלק, און פון אים האָבן זיך געפאָדערט הויכע גייסטיקע און מאָראַלישע קוואַליפיקאַציעס. אַזאַ בעל תפילה איז אין היילעקער ציטערניש געשטאַנען פאַרן עמוד און פון די טיפעניש פון זיין יידיש-צעוויטיקטן געמיט האָבן זיך מיט קדושה

אַרויסגעריסן אויפריכטיקע טענער פון תפילה און תחנונים, וואָס האָבן געקענט רירן שטיינער.

אזא חזן, אָדער בעל-תפילה, האָט מיט הארציקע טענער אָרנאמענטירט די תפילות וואָס ער האָט גוט פארשטאנען און נאָכמער געפילט.

די לעצטע יאָרן, מיט דער רעליגיעזער ירידה פון די קהילות, האָט מען זיך אויפגעהערט צו אינטערעסירן מיט דער פרומקייט, ערלעכקייט און דעליגיעזער התלהבות פונעם חזן. וואָס עס אינטערעסירט היינט, איז וויין שטים און זיין מוזיקאַלישע אויסבילדונג. דאָס חזנות מאכט איצט, לויט מיין באשיידענער מיינונג, דורך א געוואלטיקע ירידה. דער היינטיקען חזן זאָרגט ניט מיט זיין שטים צו אָרנאמענטירן די תפילה, זי מוזיקאַליש אויסצוטייטשן. דעם חזנס היינטיקע זאָרג איז ווי ארום צו באווייזן קונצן מיט זיין שטימע, און פאר די קונצן קלייבט ער בעסער אויס פראַזעס פון דער קלאסיש-אייראָפּעאישער מוזיק. דער רעזולטאט: עס ווערט פארלוירן די לעבעדיקע באגייסטערונג און התלהבות וועלכע האָט ביים אַמאָליקן חזן ארויסגערופן אן אומגעהייערע עשירות פון אָריגינעל-יידישער אימפּראָוויזאציע. זי ווערט איצט פארביטן מיט פרעמדער, קאלטער, באכיש-דיסציפּלינירטער קירכלעכקייט.

*

ליידער זענען היינט שוין פאראן ווייניק חזנים, וואָס זאָלן מיט זייער שטים, געפיל און פאַלקסטימלעכקייט פארטיפן און אנטוויקלען דעם טראַדיציאָנעלן נוסח פון אונדזער ליטורגיע. צו די געציילטע געהערן היינט די בארימטע חזנים הערשמאַן, פּינטשיק און משה קוסעוויצקי.

אין דער נאָענטער פארגאנגענהייט האָבן מיר נאָך געהאט, סיי אין שטים סיי אין פאָלקסטימלעכער אינטערפּרעטאציע אזעלכע חזנישע גאונים ווי גרשון סיראָטא, זיינוול קוואַרטין און יאָסעלע ראָזענבלאט.

אין איצטיקן שמועס, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט בלויז אויפן ליטורגישן טייל פון אונדזער נגינה. דערפון דאַרף מען ניט ארויסדרינגען אז יידישע נגינה איז אויסשליסלעך פארבונדן מיטן רעליגיעזן לעבן פון אונדזער פאָלק.

פאראלעל מיט ליטורגישע אָדער רעליגיעזער מוזיק, איז ביי יידן

אין גלות אויפגעקומען א סעקולערע פאָלקס-מוזיק, וואָס האָט געדינט אלס יסוד פאר ביבלישע פאָלקס-שפּילן, ווי ס'זענען עס געווען די מכירת-יוסף, דוד און גלית און אסתר-אחשורוש-שפּילן. שפּעטער האָבן די דערמאָנטע שפּילן מיט זייערע געזאנגען געדינט אלס יסוד צום אויפקום פון מאָדערנעם יידישן טעאטער.

די סעקולערע יידישע געזאנגען זענען גאנץ רייך מיט אָרגינעלפאָלקלאָריסטישע מאָטיוון, און לעצטנס אויך מיט אינדיווידועל קינסטלערישע מוזיקאלישע ווערק. דאָס איז אן אוצר פון פאָלקסטימלעכע שטייגער און פאמיליען-לידער, יידיש-נאציאָנאלע בענקשאפטס-געזאנגען און סאָציאלע ארבעטער-מאָטיוון, וואָס זענען געזונגען געוואָרן אין מיליאָנען יידישע היימען, ביי באלמעלאָכישע ווארשטאטן און אויף געזעלשאפטלעכע צוזאמענקונפטן. דער דאָזיקער טייל וועט, מסתמא, באהאנדלט ווערן ביי א צווייטער געלעגנהייט מחמת ער גייט ארויס פונעם גדר פון היינטיקן שמועס, וואָס איז געווידמעט ליטורגישע און רעליגיעזע געזאנגען.

*

אין די ראמען פון רעליגיעזער מוזיק קען מען ניט אויסלאָזן די טיףפאָלקסטימלעכע חסידישע נגינה, וועמעס ביישטייער צו דער אויפלעבונג און דער ראָל פון מוזיק אין יידישן פאָלקס-לעבן בכלל, איז אין לשער.

דער מקור פון חסידישער נגינה קוואלט פון רעליגיעזער דבקות און התלהבות, זי איז דורך און דורך רעליגיעזע עקזאלטאציע. מיט דער צייט איבער, האָבן די חסידישע געזאנגען אָנגענומען א מאסן-כאראקטער און זיך פארוואנדלט אין אמת'ער פאָלקס-מוזיק, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער פונדאמענטאלער אָנשפּאר, ניט נאָר פאר רעליגיעזער נאָר אויך פאר סעקולערער יידיש-מוזיקאלישער שאפונג!

פונקט ווי די חסידישע באוועגונג אין אלגעמיין, האָט, בשעתה, אויפגעלעבט און באפרוכפּערט דאָס פאָלקס-לעבן, און איז שפּעטער געוואָרן א קוואל פאר דער מאָדערנער קלאסישער ליטעראטור און מחשבה, אזוי האָט די חסידישע נגינה אויפגעלעבט, געהאָדעוועט און פארשפרייט געזאנג צווישן פאָלקס-מאסן, און דינט ביז היינט אלס יסוד פאר דער אנטשטייאונג פון א קינסטלעריש-קלאסישער מוזיק ביי יידן.

די פארבענקטע, דבקות'דיק-ראָמאַנטישע און די פריידיקע, טעמ-פעראַמענטפולע, התלהבות'דיקע מאָטיוון אין חסידישער נגינה, האָבן באַגייסטערט, אינספּירירט און באאיינפלוסט יידישע קאָמפּאָזיטאָרן און מוזיקער פון מזרח און מערב-אייראָפּע, (אויך פון אמעריקאנער קאָנטינענט), גענוג צו דערמאָנען דעם מערב־אייראָפּייער, דעם בארימטן, טיף-פילנדיקן קאָמפּאָזיטאָר ערנסט בלאָך און זיין קלאסישן ציקל: בעל שם'ס ניגונים, אויך די מזרח-אייראָפּעאישע מוזיקער ראַזאָווסקי און סאמינסקי מיט זייערע חסידישע געזאַנגען און טענץ. דאָס זענען שאפונגען פון געוואלטיקער חסידישער התרוממות-הנפש, דורכגעוועבט מיט פאָלקסטימלעך מעלאָדישער עשירות.

אומגעהייער גרויס איז דער פארדינסט פון חסידות פאר דער רעליגיעזער און פאָלקסטימלעכער מוזיק; חסידישע נגינה איז די קאליר-פולסטע און שענסטע בלום אין אלגעמיינעם בוקעט פון פאָלקס-געזאַנגען ביים מזרח-אייראָפּעאישן יידנטום. חסידות איז, אגב, די ערשטע און איינציקע באַוועגונג ביי יידן וואָס האָט געשאפן א קולט ארום געזאַנג. חסידות האָט אויפגעשטעלט נגינה אויף דער העכסטער מדרגה פון דערנענטערונג צו הויכע עולמות, באהעפטונג מיט גאָט.

*

ר' נחמן בראַצלאַווער, דעם בעשט'ס אן אייניקל, און איינער פון די אידלסטע צאַרט-פּאָעטישע פיגורן צווישן די חסידישע רבים, האָט אמאָל געזאָגט צו זיינע תלמידים: „ווי אַזוי דאַוונט איר צו גאָט? קען מען דען דינען גאָט בלויז מיט ווערטער? קומט, וועל איך אייך וויזן א נייעם וועג צו גאָט, ניט דורך רייד, ניט דורך ווערטער — נאָר דורך געזאַנג. מיר וועלן זינגען און דער הימל וועט אונדז פארשטיין"...

זינט דעם חורבן בית-המקדש ביזן אויפקום פון חסידות, האָט די יידישע רעליגיעזע מוזיק וויניק וואָס געהאַט צו טאָן מיט נאַטור. ניט די קלאַנגען פון פעלד, ניט דאָס גערויש פון וואַלד און ניט דאָס געמורמל פון טייך האָבן סטימולירט אָדער משפּיע געווען יידישע געזאַנגען. יידישע נגינה איז דורכאויס געווען א פּראָדוקט און אויסדרוק נאָר און בלויז פון אינערלעכן יידישן געמיט, פון יידיש-נאַציאָנאַלע יסודים און קאַטאַסטראָ-

פעס, פון לאמענטאציעס אויף גלות השכינה און פון בענקשאפט צו גאולה, טרויער און געבעט, טרייסט און בטחון זענען די גרונט־מאָטיוון פון יידי־שער מוזיק ביזן אויפקום פון חסידישן ניגון.

מיטן אויפקום פון דער חסידישער באוועגונג איז צו די אלטער־טימלעכע עלעמענטן פון יידישער מעלאָדיע צוגעקומען א נייער עלעמענט — דער נאטור־עלעמענט.

אין חסידישן ניגון האָבן זיך צעשאלט טענער פון פעלד, פון וואלד און פון אלץ וואָס לעבט און באוועגט זיך אין גאָטס וועלט.

די ערשטע און העכסטע באגייסטערונג פון די חסידישע אבות איז געווען זייער אנטציקונג מיט דער נאטור. אין איר הארמאָנישער פראכט, האָבן זיי באגריפן די גרויסקייט פון דער יצירה און פון באשעפער.

מיט זייער סובטעלער פילבארקייט האָבן זיי אויפגעכאפט די קולות און טענער פון חי און פון דומם; אין דער קלאנגען־סימפאָניע פון דער נאטור, האָבן זיי די נשמה פון דער וועלט דערפילט.

דער פריער־דערמאָנטער, געפילפולער, הויך־פאָעטישער ר׳ נחמניקע בראצלאווער האָט געזאָגט צו זיינע חסידים:

„גייט מתפלל זיין אין פעלד, און אויב איר וועט זוכה זיין צו הערן דעם קול פון די שירות־ותשבחות פון די גראָזן, וועט איר באגרייפן די קאָסמישע הערלעכקייט. זיי זינגען אָן פניות, אָן מחשבות־זרות און האָפן אפילו ניט אויף קיין שכר... ווי שיין ס׳איז זייער געזאנג!“...

די חסידישע נגינה, וואָס איז צוגלייך מיט חסידות אויפגעקומען אויף די פעלדער פון אוקראַאינע און פאָדאָליע, האָט אויך אויפגענומען דאָס פויערישע און פאסטאָראלע געזאנג פון יענע פעלדער.

לויט קבלה׳שער חסידישער תורה, געפינען זיך הייליקע פונקען אפי־לו אין דער „סטרא־אחרא“, אין דער סאמער טומאה. די אויפגאבע פון צדיקים איז דעריבער ארויסצוהייבן די הייליקע ניצוצות, פון דער אומ־ריינקייט, זיי לייטערן און מתקן זיין. האָבן טאקע חסידים גענומען די סלאווישע פאָלקס־געזאנגען זיי אָפגעטובלט אין די קוואלן פון כשר׳ן יידישן געמיט, אָפגערייניקט זיי פון זינדיקער „טומאה“, זיי אָנגעפילט

דורות זינגען

מיט יידישן אינהאלט, ארײַנגעגאָסן אין זײַ יידיש געפיל און דער גױישער ניגון האָט, לויטן חסידישן לשון, באַקומען הייליקן תיקון.

אזוי, למשל, ווערט דערציילט פון ר׳ יצחקל קאַליווער אז אמאָל שפּאַצירנדיק אין פעלד, האָט ער געהערט ווי א פאַסטוך האָט געזונגען א ליבע־ליד מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

געליבטע, געליבטע, ווי ווייט ביסטו!
וואַלד, וואַלד, ווי גרויס ביסטו!
וואָלט די געליבטע ניט אזוי ווייט געווען,
וואָלט דער וואַלד ניט אזוי גרויס געווען.

האָט ר׳ יצחקל דער צדיק, גלייך מתקן געווען און "געיידישט" דאָס ליד, און ס׳איז דערפון געוואָרן דאָס באַוואוסטע חסידישע געזאַנג:

שכינה, שכינה, ווי ווייט ביסטו!
גלות, גלות ווי גרויס ביסטו!
וואָלט די שכינה ניט אזוי ווייט געווען,
וואָלט דער גלות ניט אזוי גרויס געווען.

חסידים האָבן "פרעמדן" גױישן געזאַנג געגעבן יידישן ריטם, יידישן קנייטש, אים, אזוי צו זאָגן, מגייר געווען, און ארײַנגעבראַכט אינעם אוצר פון די אַלטע יידישע רעליגיעזע און פאָלקס־געזאַנגען.

דורכן חסידישן ניגון איז די יידישע פאָלקס־מוזיק באַרײַכערט געוואָרן מיט א נײַעם עלעמענט — מיט דעם נאַטור־עלעמענט. יידיש געזאַנג האָט באַקומען די ברייטקייט פון פעלד און פון וואַלד.

*

דעם בעשט״ס תורה, אז כדי צו דינען גאָט מוז מען ניט זײַן קיין למדן, מוז מען ניט זיצן יומם ולילה און לערנען אָדער דאַוונען און פּראַווען אסקעטיש־טרויעריקע פרומקייט; זײַן פּרינציפּ, אז די עבודה צו גאָט קען און דאַרף זיך אויסדריקן אין אַלע מעשים פונעם מענטש; אז דער

עיקר איז צו דינען גאָט מיט שמחה, ניט ווי א קנעכט פאר זיין האר נאָר ווי א זון פאר זיין פאָטער, אָט אָ די לערע, האָט פארכאפּט און אויפגע־לעבט דעם גייסט פון גרויסע יידישע פאָלקס-מאסן.

ווי פון א נאָרוואָס אויפגעריסענעם קוואל, האָט פון די טיפענישן פון יידישן געפייניקטן און צעוויטיקטן געמיט א שטראָם געטאָן כוואליעס פון וואונדערלעך-דערהויבענע געזאנגען וואָס האָבן פארפלייצט מיט חדות פון לעבן און מיט התלהבות׳דיקער שמחה צו עבודת הבורא; ניגונים, וואָס זייער מעלאָדישער געוועב איז דורכגענומען מיט תשוקות און בענקעניש צו גאולה, און דורכגעדרונגען מיט התעוררות צו מעשים־טובים, צו אהבת המקום אהבת הבריות און — דער עיקר — צו אהבת ישראל...

צוזאמען מיטן ניגון איז אויפגעקומען און זיך אנטוויקלט דער, פון התלהבות און דבקות-צעצונדענער און צעפלאַמטער חסידישער טאנץ.

אין די חסידיש-רבישע געהויפן, האָבן זיך געהאָדעוועט כלי זמרים, חזנים און בדחנים. זיי האָבן געשאפן ארגינעלע פאָלקסטימלעך חסידישע ניגונים און לידער, וואָס זענען בליץ שנעל זיך פאנאנדערגעגאנגען צווישן צענטליקער טויזנטער פאָלקס-מענטשן. געווען חסידישע רביים וואָס האָבן אליין פארפאסט ניגונים, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער זיסער הארציקייט. פאראן חסידיש דערהויבענע קאָמפּאָזיציעס, וואָס זייער פאר־טיפטע מתיקות באגייסטערט ביז טרערן און פילט אָן דאָס געמיט מיט בענקשאפט צו העכערע, שענערע וועלטן, און צו בעסערע טעג פאר דער גאנצער וועלט. די דאָזיקע ניגונים זענען מיט היילקן ציטער צעטראָגן געוואָרן און מיט התלהבות געזונגען געוואָרן דורך טויזנטער חסידים.

שפּעטער איז דער שטייגער פון דער חסידישער באוועגונג, מיט אירע ניגונים און טענץ, אריבער אויך צו אנדערע, ניט חסידישע באווע־גונגען. אלע שפּעטערע יידישע באוועגונגען, איינשליסלעך די ארבעטער־באוועגונגען, האָבן זיך גייסטיק גענערט און באגייסטערט מיטן חסידישן ניגון און חסידישן טאנץ.

דאָס מסירת נפש פון דער חלוצישער באוועגונג אינעם אויפבוי פון ארץ ישראל, האָט אין זיך געטראָגן די זאָמען און זיך גענערט פון חסי־דישער התלהבות. אין זייערע שווערסטע שעה׳ן, האָבן חלוצים געפונען טרייסט און באגייסטערונג אין חסידישן שטייגער פון ניגון און ריקוד.

פונקט ווי די חסידים, האָבן חלוצים מבטל געווען אַלע זייערע שווערע צרות מיט געזאַנג און טאַנץ.

*

צום שלוס וויל איך שליסן מיט דעם וואָס כ'האָב אָנגעהויבן, אַז אין פּרט פון רעליגיעזן געזאַנג דאַרפן מיר, יידן, באַקומען דעם פּרימאַט.

ביים אָנהייב פון דער אַרבעט האָבן מיר אָנגעוויזן אַז הייליקע באַגייסטערונג און באַהעפטיקונג מיט גאָט, איז דער מקור פון יידישן ניגון.

דער חסידישער ניגון האָט געקענט אויפקומען נאָר דערפאַר, ווייל ביי יידן האָט ניט אויפגעהערט צו קלינגען דאָס געזאַנג פון תורה און פון תפילה! ס'זענען ניט אינגאַנצן שטיל געבליבן יענע דורכדרינגנדיקע קלאַנגען, וואָס האָבן געוועקט אינעם יידן עטישע געפילן און ס'זענען נאָכניט פאַרשטומט געווען די ניגונים וואָס האָבן דעם יידן אַרויסגעהויבן פון דער גרויער וואָכעדיקייט און אים אַריינגעפירט אינעם היכל פון הייליקער יום-טוב'דיקייט.

דאָס גרויסע פאַרדינסט פון חסידות באַשטייט אין דעם, וואָס איר ניגון האָט אָפּגעפרישט, און מיט נייער חיות אָפּגעמונטערט די, שוין דעמאָלט, פאַרחלש'טע, האַלב פאַרגעסענע געזאַנגען. חסידות האָט אויסגעברייטערט דעם אָרקעסטער, זי האָט פאַר אים אויסגעשפּרייט ווייטע און ברייטע האָריזאָנטן און דער הייליקער פאָלקס-ניגון האָט זיך צעשאַלט איבער אַלע וועגן און שטעגן פון יידישן פאָלקס-שטייגער.

ניטאָ אַזאַ פאָלק וועמען אַ ניגון זאָל אַזוי הייליקן מיט נשמה-יתירה'דיקייט ווי די שבת'דיקע נגינה הייליקט דעם יידן. דאָס געזאַנג אין קלויז ביים דאַווענען און אַרום דעם פאַמיליען-טיש, האָט אָנגעפילט דאָס יידישע האַרץ מיט שבת-קודש'דיקער פרייד. דער שבת'דיקער חסידישער ניגון האָט אויפגעוועקט די יידישע בענקשאַפט צו אַ יום שכולו שבת, צו אַ דערהויבענער שבת-מנוחה'דיקער אייביקייט. די פּראַכטפולע שבת'דיקע זמירות ביים רבינס טיש, האָבן געשאַפן דעם קלימאַט און די שטימונג פון הייליקער געליטערטקייט און דערהויבן דעם ייד צו די הויכע הימלישע ספערן, וואו דעם יידנס שבת'דיקער לויב-געזאַנג צום בורא-עולם, באַהעפט זיך מיט דער שבת'דיקער שירה וואָס די מלאכים זינגען לכבוד דעם וועלט-באַשעפער.

חסידים זינגען מיט טיפער אמונה: ״כגונא דאינון מתיחדין לעילא״ דער גאנצער קאָסמאָס פייערט דעם שבת מיט שירה און פרייד.

חוץ ציוניזם איז קיינמאָל ביי יידן ניט געווען אזא באוועגונג, וואָס זאָל האָבן באווירקט אזוי פיל מאסן ווי ס׳האָט דאָס דערגרייכט חסידות און חסידישע נגינה.

חסידות און איר נגינה האָט זיך פארקריצט אין יידישן פאָלקס־אָרגא־ניזם אויף אייביקע דורות.

*

ס׳איז נאָך פאראן א סך צו זאָגן וועגן די פארשידענע דרכים פון געזאנג ביי די באזונדערע חסידישע דינאסטיעס. ס׳איז אויך כדאי צו ווידמען מערער צייט אויף דער איסווירקונג פון חסידישער נגינה ביים סעקולער־מוזיקאלישן סעקטאָר, איר השפעה אויף דעד, בערך רייכער יידיש־פאָלקלאָריסטישער, קינסטלערישער און טעאטראלער מוזיק. אפשר וועלן מיר עס טאָן ביי א צווייטער געלעגנהייט.

★

פון העלזינגפארס ביז ירושלים

(חיים גרינבערג)

ווערליק זיין גאנצן וועזן, לויט זיין אינטעלעקטועלן פארנעם און פע-איקייטן, איז חיים גרינבערג געווען א וויסנשאפטס-מאן אין ברייטסטן זין פונעם וואָרט. די, וואָס געדענקען אים פון זיין יוגנט זאָגן, אז דאָס איז טאַקע געווען זיין אמביציע.

אָבער עס איז געשען אזוי, אז חיים גרינבערגס אינטעלעקטועלע רייפ-קייט האָט זיך אָנגעהויבן אין דער אומרואיקסטער צייט פון דער מזרח-איי-ראָפּעאישער געשיכטע און דערמיט, במילא, אויך אין דער געפּארפולער גורל'דיקסטער צייט פון גרעסטן ידישן שבט — פון מזרח-אייראָפּעאישן ידנטום.

דער דאָזיקער מצב האָט געפאָדערט יידיש-נאציאָנאלע און געזעל-שאפטלעכע וואכזאמקייט, וואָס האָט ביי א סך פון דער דעמאָלטיקער רו-סיש-יידישער אינטעליגענץ פארצערט אוצרות פון גייסטיקער ענערגיע, גע-לענקט די אויפמערקזאמקייט פון זייערע אינטעלעקטועל-וויסנשאפטלעכע אמביציעס און זיי געפירט אויף די וועגן פון פּאָליטיש-נאציאָנאלער עס-קנות און געזעלשאפטלעכן קאמף.

חיים גרינבערג איז געבענטשט געווען מיט גאָטס מתנה, וואָס האָט אים ניט געקענט לאָזן זיצן אין קאבינעט. זיין וואונדערלעכער רעדנער-טאלענט, האָט אים, זינט זיינע יינגסטע יאָרן, אוועקגעשטעלט אין פאָדער-גרונט צווישן די ווירקנדיקסטע פיגורן פונעם צווייטן ציוניסטישן דור נאָך הערצלען.

באשיידן ווי ער איז געווען, האָט ער דאָך געצויגן אויף זיך אלעמענס אויפמערקזאמקייט; נאָך איידער מען האָט אין אים דערקענט דעם רעדנער אָדער שרייבער, האָט בלויז זיין דערשיינען ארויסגערופן דעם צויבער פון א דערהויבענער געשטאלט — א שטריך, וואָס האָט אים באגלייט במשך זיין גאנצן לעבן.

געבוירן אין בעסאראביע, האָט ער אָבער זיין יוגנט פארבראכט אין גרעסערע יידיש-רוסישע צענטערן, ווי קיעוו, אָדעס און מאָסקווע. און הגם ער איז נאָך געשטאנען אין א זייט פון גאנצן געזעלשאפטלעכן טומל, האָבן אָבער אלע געזען אין חיים גרינבערגן דעם יונגן עילוי, אים באטראכט פארן אינטעלעקטועלן מורה-דרך צו וועמען מ׳האָט זיך געווענדעט מיט שאלות סיי וועגן א שטעל אין רמב״ם און סיי וועגן עפעס א שווער שטיקל שפינאָ־זא, סיי וועגן א פרק פּרץ, אחד-העם און בערדיטשעווסקי און סיי וועגן א קאַ-פּיטל טאָלסטאָי, איבסען אָדער גאנדי... שוין דעמאָלט איז דער יונגער גרינ-בערג געווען א גרויסע בקי און בר-סמכא אין ענינים פון יידישער תורה און מחשבה, און גלייכצייטיק ניט קיין קלענערער ערודיט אין דער אלגעמיינער פילאָזאָפישער און שיינער וועלט-ליטעראטור.

די ערשטע וועלט-מלחמה און רעוואָלוציע האָט אינגאנצן אוועקגענו-מען דעם געלערנטן יונגן גרינבערג פון קאבינעט און אים ארויסגעשטויסן אויף דעם אקטיוו-געזעלשאפטלעכן אויבערפלאך.

שוין ביי זיין 27-יאָריקן עלטער איז גרינבערגן אָנפארטרויט געוואָרן די אָרגאניזאציע און אָנפירונג פון ״תרבות״ אויפן שטח פון רוסלאנד און אוקראאינע. דעם דאָזיקן אמט האָט ער אָנגעהאלטן ביז יאָר 1920, ווען די באָלשעוויקעס, מיט דער הילף פון דער יעווסעקציע, האָבן פארשטארקט זייערע פארפאָלגונגען קעגן העבראיש און אָנגעהויבן די פּאָגראָם-ארטיקע ליקווידאציע פון דער זעלבסטשטענדיקער יידישער געזעלשאפטלעכקייט בכלל.

אפילו אונטער די באָלשעוויקעס, האָט גרינבערג א געוויסע צייט מיט מסירת נפש אָנגעהאלטן די עקזיסטענץ פון דער גרויסער צאָל ״תרבות״-אנשטאלטן, ביז זיין ארעסט אין קיעוו. דער בונדיסט און פריש-געבאקענער יעווסעק, משה ראפעס, האָט דעמאָלט אונטער שארפע דראָאונגען געוואָלט צווינגען גרינבערגן אונטערצושרייבן א פארפליכטונג צו ליקווידירן די ״תרבות״-געזעלשאפט און אָפּצושטעלן די דערציאונגס-טעטיקייט.

ניט געקוקט אויף דער לעבנס-געפאַר מיט וואָס אַזאַ האַנדלונג האָט געשמעקט אין יענע פינצטערע יאָרן פון דזשערזשינסקיס ווילדן "טשעקאַ"-טעראָר, האָט גרינבערג, ביים חתמענען, צוגעשריבן אַ דרייסטע באַוואָרע-ניש, אַז זיין איצטיקע חתימה באַטייט ניט קיין גערזעצלעכע אַנערקענונג פון דער פאַראָרדענונג... כדי זיך צו ראַטעווען האָט ער, נאָך זיין צייטווייליקער באַפרייאונג, תיכף געמוזט עוקר זיין, אַנטלויפן. גרינבערג איז דעמאָלט אַריבער דעם דניעסטער און אָנגעקומען קיין קישינעוו.

אין קישינעוו, האָט גרינבערג טיילווייז געקענט געבן אויסדרוק זיין רייכן וויסן און זיין פענאָמענאַלן רעדנער-טאַלאַנט.

קישינעוו האָט אין די 20-ער יאָרן פון איצטיקן יאָרהונדערט, געפּי-בערט מיטן מאָדערנעם, יידיש-נאַציאָנאַלן און קולטורעלן רענעסאַנס. גריני-בערג איז בליץ-שנעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין צענטראַלן נערוו פון דער יידישער קולטור-טעטיקייט אין דער בעסאַראַבישער הויפּטשטאָט. גרינבערגס פאַרטראַגן זענען געווען אַ יום-טוב׳דיקע אַטראַקציע צווישן יונג און אַלט. דאָ האָט געווירקט זיין שפּראַכלעכע ווירטואָזיטעט און זיין טיפער געדאַנק; זיין עלעגאַנץ מיט וועלכער ער האָט די געדאַנקען אַרויסגעבראַכט, און — ועל כלם — דער צויבער פון זיין פּערזענלעכקייט פון וועלכער ס׳האָט אַרויסגעשטראַלט דערהויבענע סובטעלע גייסטיקייט.

דוד רעבעלסקי, איינער פון זיינע יוגנט-פריינט, שילדערט גרינבערגס דעמאָלטיקע העברעאישע לעקציעס כהאי לישנא:

> די רייכקייט פון אויסדרוק וואָס האָט זיך געשטיצט אויף אַלטע מקורים און דערביי געהאַט אַן אַבסאָלוט מאָדערנע פאָרם, האָט געבלענדעט דעם אויער — אויב מ׳קען זיך אַזוי אויס-דריקן. פאַרגאַפטע און באַצויבערטע זענען געזעסן לערער און לערערינס און מיט זיי יידן תלמידי-חכמים פונעם דור פון חובבי שפת עבר, און אין זייערע בלישטשנדיקע אויגן און אָפּע-נע מיילער פון פאַרגאַפונג און קאָנצענטרירטער אויפמערקזאַמ-קייט איז געווען דער אויסדרוק: "נאָך"! נאָך אַביסל פון דער געט-לעכער משקה. ביים סוף פון גרינבערגס אַ פאָרטראַג איז תמיד עטלעכע סעקונדן געשטאַנען אַ טיפע שטילקייט איידער ס׳האָט אויסגעבראָכן דער שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן. עפּעס ווי די

צוהערער וואָלטן ניט געגלויבט אז דער כישוף האָט זיך באמת געענדיקט."

ביז קומען קיין קישינעוו אין די 20-ער יאָרן, האָט חיים גרינבערג זיך באנוצט עפנטלעך בלויז מיט רוסיש און העברעאיש. אין קישינעוו האָט ער זיך אָנגעהויבן באנוצן בעת עפנטלעכע ארויסטרעטונגען אויך מיט יידיש.

ס'איז זיכער אז גרינבערג האָט געקענט יידיש פון דער היים. ניט איינמאָל זענען אין זיינע שריפטן פאראן אָנדייטונגען וועגן דעם. אין איינעם פון זיינע פארצייכענונגען וועגן זיך צוזאמענלעבן מיט ניט יידישע שול-קאָלעגן דערציילט ער, אז א טייל קריסטלעכע חברים זיינע האָבן אפילו אָנגעהויבן צו פארשטיין יידיש... דאָס באווייזט אז יידיש איז געווען איינע פון די אומגאנגס-שפּראכן אין זיין שילער-קרייז. עס ווייזט אָבער אויס, אז שפּעטער האָט גרינבערג זיך אויפגעהערט צו באנוצן מיט יידיש... מיט גראציעזן הומאָר דערמאָנט גרינבערג ביי שפּעטערדיקע פארשיידענע געלעגנהייטן וועגן זיין אמאָליקער נאַאיווער "פּרעסערישער" באציאונג צו יידיש...

אין קישינעוו איז גרינבערג לאנג ניט געזעסן. דער זיג פון באָלשעוויזם האָט פארשטויסן די בעסטע פון דער נאציאָנאל-דענקענדיקער יידישער אינטעליגענץ קיין בערלין, וואו זיי האָבן געמיינט אריבער צו פלאנצן דעם וועלט-צענטער פאר דער העברעאישער קולטור-באוועגונג.

אין דעמאָלטיקן דעמאָקראטישן בערלין איז אָנגעפירט געוואָרן אן אינטענסיווע יידישע קולטור-טעטיקייט. אהער איז אויך פון רוסלאנד אָנגעקומען חיים נחמן ביאליק, און ארום אים האָבן זיך קאָנצענטרירט די וויכטיקסטע יידישע קולטור-כוחות פון גאנץ אייראָפּע.

אין יענער צייט איז גרינבערג ארויסגערופן געוואָרן קיין בערלין, כדי צו רעדאגירן דעם צענטראלן ציוניסטישן וועלט-אָרגאן "העולם" און אָנצופירן מיט דער ברייט-פארמאָסטענער העברעאישער טעטיקייט איבער גאנץ אייראָפּע.

חיים גרינבערג איז דעמאָלט אלט געווען עפּעס מער ווי דרייסיק יאָר. זיין שעפערישע ענערגיע אויף אלע געביטן האָט באוויזן אז ער איז מסוגל געווען צו זיין ניט נאָר א גייסטיקער מנהיג, נאָר אויך א פראקטישער טוער.

אָבער ניט געקוקט אויף דער הויכער סאָציאַלער פּאָזיציע און אויף זיין פירערישער ראָל אין דעם דעמאָלטיקן יידיש-נאַציאָנאַלן וועלט-צענטער, איז גרינבערג, לויט אַלע סימנים, ניט געווען צופרידן מיט זיין עסקנישער ראָל. אים האָט געצויגן צום קאַבינעט, צום שרייבטיש, צו פאָרשונג און צו אינטעלעקטועלער פאַרטראַכטונג. נאָר צו שטורמיש איז אָבער געווען יענע תקופה אַז גרינבערג זאָל קענען בלייבן — אָדער מ׳זאָל אים לאָזן — אין זיינע פּאַרטיפּטע וועלטן... ווער קען היינט אָפּשאַצן, וואָס דער אוניווערסאַלער עלעמענט אין דער יידישער קולטור האָט פאַרלאָרן דערמיט, וואָס במשך זיין גאַנץ לעבן, האָבן די ״געבאָטן פון דער שעה״ אַוועקגעריסן גרינבערגן פון זיין שרייב-טיש.

צו זיין פריינט, דעם שרייבער לייבוש לערער, האָט גרינבערג אַמאָל געזאָגט:

״די טראַגישקייט פון דער יידישער לאַגע באַשטייט ניט נאָר אין דער טבע פון דער לאַגע גופא, נאָר אויך אין דעם וואָס זי רופט אַרויס אַ מאָראַלן צוואַנג אָפּצוגעבן דאָס גאַנצע אַקטיווע לעבן אונדזערס, בלויז אין די גרענעצן פון יידישע פּראָבלעמען.״

גרינבערג האָט פאַרמאָגט צו שטאַרקן אינטעלעקטועלן טעמפּעראַמענט, צופיל אינערלעך-מאָראַלישן צוואַנג כדי ניט צו רעאַגירן אויף צייט-פראַגן און פאַרשווייגן דאָרט, וואו ער האָט געקענט מיט זיין מייסטערהאַפט געוואויגן און געמאָסטן וואָרט ווירקן אָדער אַריינברענגען קלאָרקייט. צו גרויס, צו שווער און צו טראַגיש איז, אין זיין צייט, געווען דער קאָמפּלעקס פון יידישע פּראָבלעמען, אַז אַזאַ הויך-עטישע פיגור ווי חיים גרינבערג, זאָל האָבן מאָראַלישן כוח צו שטיין פון אַ זייט; ער איז ניט געווען בכוח אָראָפּצוּוואַרפן פון זיך דעם עול פון נאַציאָנאַלער עסקנות, זיך אַוועקצוזעצן צום שרייב-טיש און זיך אָפּגעבן מיט זיינע אינדיווידועלע פאַרטראַכטונגען, מיט זיינע פילאָזאָפישע נטיות.

פון דעם ביסל, צום ליכט געקומענע, געדאַנקען גרינבערגס, קענען מיר זיך שאַפן אַ באַגריף וועגן דעם גרויסן היזק, וואָס אונדזער שטורמי-

שע תקופה האָט גורם געווען פאַר חיים גרינבערגס אוניווערסאַלן ביי-שטייער צו דער יידישער קולטור.

דאָס וואָס ס'איז געבליבן פון גרינבערגן, איז בפועל א קליי-נער טייל פון דעם וואָס ער האָט געקענט שאַפן בכוח...

ראמאַן ראלאַן האָט אמאָל געזאָגט וועגן בעטהאָווענען, אַז אים האָט געפעלט א גאמע כדי ארויסצוברענגען די קלאַנגען פון זיין מוזע.

לייענענדיק גרינבערגן האָט מען דעם איינדרוק אַז דאָס געזאָגטע איז בלויז א פּרעלודיע צו דעם, וואָס ער קען און וועט זאָגן; אַז ער האָט ניט אַלץ ארויסגעזאָגט: מען הייבט אָן באַגרייפן, אַז זיין אינערלעכע וועלט איז א סך רייכער, אַז זיין געדאַנק גראָבט א סך טיפער ווי ער האָט עס ארויסגעבראַכט; אַז צו זיין אויסדרוק-מייסטערשאַפט פעלט אים עפּעס א טעכנישע גאמע... עס בלייבט די הרגשה, אַז כדי ארויסצוברענגען די הערלעכקייט פון זיין וועלט-באַנעם און דאָס עשירות פון זיינע געדאַנקען האָבן גרינבערגן, דעם מייסטער פון וואָרט, געפעלט באַשטימטע שפּראַך-טערמינען אַזוי ווי בעטהאָווען, דעם גאון פון קלאַנג, ס'האָבן געפעלט קלאַווישן...

חיים גרינבערגס מוזע איז געווען יידיש פאָלק און מענטשלעכע בחירה. אים האָט, ווייזט אויס, געפעלט די גאמע פון יידישער באַרוטקייט, פון נאַציאָנאַלער מנוחה און פון מענטשלעכער דערהייבונג. דאָס האָט ער, אפנים, שטיל באַדויערט, און דער יידישער קולטור האָט עס זייער טייער געקאָסט.

דער קאָנפליקט צווישן די געזעלשאַפטלעכע פליכטן און דעם אי-נערלעכן דראַנג צו טיפע יחידישע פאַרטראַכטונגען וועגן עולם ומלואו, איז, מסתמא, געווען די סיבה פון גרינבערגס אָפטער התבודדות, וועגן וועלכער עס דערציילט זיין חבר און פריינט ברוך צוקערמאַן.

*

דאָס פאַראָרעמטע נאָך-מלחמה'דיקע איראָפּעאישע יידנטום, האָט ניט געקענט דעקן די הוצאות פון די אויסגעוואַקסענע קולטור הצטרכות'ן. מען האָט געמוזט אָנקומען נאָך הילף צום אמעריקאַנער יידנטום.

עס איז דעמאָלט אויסגעריכט געוואָרן א דעלעגאַציע פון דריי אי-

ראפּעאישע פאַרשטייער: דר. יהושע טאָן פון פוילן, דוד רעבעלסקי פון גרויס־רומעניע און חיים גרינבערג, וועלכער האָט אין דער דעלעגאציע רעפּרעזענטירט דעם וועלט-צענטער פון בערלין.

די דעלעגאציע האָט אין אמעריקע ניט מצליח געווען. דר. יהושע טאָן איז תיכף אָפּגעפאָרן צוריק קיין פוילן, גרינבערג איז פארבליבן אין אמעריקע.

דאָ, אין אמעריקע, אנטפּלעקט זיך חיים גרינבערג אין זיין גאנצער פּראכט ווי א רעדנער, שרייבער, דענקער און פּאָליטישער טוער. דאָ, האָט גרינבערג, במשך קנאפּע דריי צענדליק יאָר, געכישופט מיט שריפט און וואָרט אינטעליגענטן און ארבעטער.

נאָך זייענדיק אין קישינעוו האָט גרינבערג זיך אָנגעהויבן צו אינטע-רעסירן און צו שארפן זיין שפּעטערדיקן וואונדערלעכן שפּראך-אינסטרו-מענט — יידיש.

מיט דעם דאָזיקן שפּראך-אינסטרומענט האָט חיים גרינבערג אין אמעריקע זיך באריממט געמאכט ווי א פענאָמענאלער אָראטאָר, וואָס ער איז, אגב, ביז איצט געווען אין אנדערע שפּראכן. אָבער נאָכמער האָט ער מיט דער הערלעכקייט פון זיין יידישן לשון זיך קונה-שם געווען ווי א טא-לענטפולער עסייאיסט פון א פארכאפּנדיקער שיינקייט אין סטיל, און פון א ניט דורכשניטלעכן ברייטן פארנעם פון געדאנק. אין יידיש איז גרינ-בערג געוואָרן אן איינציקארטיקער מחבר פון פראכטפולע עסייען און שריפטן אין וועלכע עס איז פאראן א מערקווירדיקער, זעלטן-הארמאָנישער געמיש פון א רייצנד-עלעגאנטן סטיל ביי הויך טאלענטירטע בעלעטריסטן צוזאמען מיט פארטיפטער מחשבה ביי סאָלידע דענקער.

אין אמעריקע האָט חיים גרינבערג דאָס לשון־יידיש געצערטלט מיט ליבשאפט, עס געפוצט און געצירט. מיטן ליכט פון זיין אצילות'דיקן גייסט, האָט ער דאָס אויסדרוקס-עשירות פון יידיש דערפירט צו א שלי-מות'דיקער מדרגה פון א גרויסער קולטור-שפּראך מיט אזא פלאַים'דיקער עלעגאנץ, וואָס זעלטן ווער פאר אים און נאָך אים האָט דאָס געקענט בא-וויזן.

*

אין דעם גרויסן וויכוח וועגן אונדזערע צוויי לשונות, האָט גרינ־בערג געהאט א קלאָרע און רעאַלע שטעלונג וואָס דרינגט ארויס פון אַן אָרגאנישער באַציאונג און ליבשאפט צו בײדע שפראכן.

גרינבערג האָט געהאלטן אז העברעאיש איז, דארף און וועט זיין דאָס הערשנדיקע לשון אין ישראל, אָבער יידיש דארף געלערנט ווערן אין די מיטל-שולן פון לאנד. ער איז אפילו געווען דערפאר אז:

„אויב מ׳זאָל אין ישראל האלטן, אז אויך אין אַן עלע־מענטאר-שול האָט א זינען צו לערנען אַן אנדער שפראַך, אחוץ דער פונדאמענטאלער אָדער לימוד-שפראַך, וועט זיין גאנץ לעגיטים אוועקצושטעלן די פראגע פון יידיש ווי א שפראך מיט ספעציפישע רעכט אויף א פלאץ אין לערן-פראָגראם.״

רירנד ביז די טיפסטע ווינקעלעך פון דער נשמה, איז די רעדע וואָס ער האָט געהאלטן בשעת דער דערעפענונג פון דער יידיש-קאטעדרע ביי דער העברעאישער אוניווערסיטעט, וועלכע ער האָט, אגב, באצייכנט אלס אהבת-ישראל-קאטעדרע. צווישן אנדערן האָט ער געזאָגט:

„יידיש מבכה על בניה. יידיש באווינט די מיליאָנען פון אירע פארטיליקטע קינדער, אירע זין און טעכטער, דעם אומ־קום פון אירע יורשים און טרעגער. ערשט ניט לאנג איז זי געווען א צניעותדיקע הערשערין איבער א גאנצער „אימפע־ריע״. אַן מלכות, און אָן כוח פון מלכות, האָט זי געקיניגט איבער מיליאָנען מענער, פרויען און קינדער... איצט איז איר גייסטיקע ממשלה איינגעשרומפן געוואָרן און אירע קינ־דער פארמינערט.

און ווייטער זאָגט גרינבערג:

„יידיש קומט היינט קיין ישראל מיט פארוויינטע אוי־גן. — — — זי קומט אָבער אהיים. עס איז ניטאָ אזא יידישער

קולטור-ווערט, אזא אנטפלעקונג פון יידישן געניוס, אזא טייל פון דער יידישער פאָלקס-ביאָגראַפיע פאר וועלכן עס זאָל זיך אין יידישן לאנד ניט געפינען דאָס געהעריקע אָרט און די גע-העריקע אָפּשאצונג. „ישראל-סאבא" מוז אין זיך איינזאפּן די גייסטיקע לעבנס-ווערטן פון „ישראל-סבא" און יידיש איז איינער פון די די-מענטן אין ישראל-סבא'ס מארטי-רערישער קרוין..."

נאָכן לייענען די ציטירטע ווערטער שטארקט זיך די אמונה, אז דאָס היסטאָרישע געפיל פון יידישן פאָלק, וואָס האָט קיינמאָל ניט פאר-וואָרפן זיינע גייסטיקע לעבנס-ווערטן און ניט געמעקט קיין איינציקן אות פון זיינע תורות, וועט אויפסניי דערפילן דעם כוח פון יידיש ווי א נאַ-ציאָנאל-דערהאלטנדיקער פאקטאָר...

די גרויסע נאציאָנאל-גייסטיקע ווערטן וואָס יידיש פארמאָגט, וועלן אויף א נאטירלעכן אופן איינגעגלידערט ווערן אינעם גייסטיקן לעבן און שאפן פון דער וואקסנדיקער מדינה. אבן מאסו הבונים (אָדער הבנים...) איז ניט קיין נייעס אין אונדזער געשיכטע. ענלעכס איז געשען מיטן רמב"ם מיט חסידות און — אויב איר ווילט — אפילו מיט ציוניזם און מיט דער מדינה...

ניט זייענדיק קיין עסקן פונעם טיפּ פּאָליטישע טומלער און קאָכ-לעפל, פון די פובליסיטי־זוכערס, איז אָבער פאקטיש גרינבערג געוואָרן אין אמעריקע איינער פון די אנערקענטסטע, אָריענטירנדיקע פירערס אין אמעריקאנער ציוניזם...

במשך לאנגע יאָרן האָט גרינבערג רעדאגירט דעם אָרגאן פון די אמעריקאנער פועלי-ציון „אידישער קעמפער" און דעם ענגליש-שפראכי-קן אָרגאן פון דער זעלביקער פארטיי „דזשואיש פראנטיר".

אין די דאָזיקע אויסגאבן האָט גרינבערג פארעפנטלעכט דעם גרעס-טן טייל פון זיינע שריפטן, וועלכע האָבן, א דאנק זייער ניט געוויינלעכער

גייסטרייכקייט, געראָפּן צו אים די אויפמערקזאַמקייט פון דער בעסערער ייִדישער און ניט-ייִדישער אינטעלעקטועלער וועלט.

בדרך כלל איז אין גרינבערגס שריפטן שווער אָפּצוצייכענען די גרענעץ צווישן דער שיינקייט פון זיין קינסטלערישן, כמעט בעלעטריסטישן סטיל און צווישן דער פּרעכטיקער עלאַסטישקייט פון טיפן געדאַנק. פּאַראַן ביי אים שריפטן ווי, צום ביישפּיל, "בחירה און בכורה" אָדער "גאַנדי און די ייִדן" וואָס גייען ארויס פונעם גדר פון עסיי. אזעלכע שריפטן זענען אין דער אמת'ן טיפע פילאָזאָפישע טראַקטאַטן. אָבער דער סטיל, די שפּראַך און די עלעגאַנטע שאַרפזיניקייט פאַרבליפן ביז מבולבל'דיקייט! איר ווייסט ניט וואָס איז דאָ שענער: די דערהויבענע פּקחות, די פּראַכט פון אָריגינעלן געדאַנק גופא, אָדער גאָר די שיינקייט פון דער ליטעראַרישער פאָרם ווי דער געדאַנק ווערט ארויסגעבראַכט.

גאַנץ שנעל איז, דעריבער, גרינבערג געוואָרן דער פּאָפּולערסטער ייִדישער אינטעלעקטואַל צווישן ניט-ייִדישע גייסט-מענטשן, דענקער און פּאָעטן. געננוג צו זאָגן, אז אויף גרינבערגס ארבעט וועגן גאַנדיס באַציאונג צו דער ייִדנפראַגע, האָט ניט קיין אנדערער ווי גאַנדי, בכבודו ובעצמו, דירעקט געענטפערט גרינבערגן. בכלל גענומען איז גרינבערג געווען איינער פון די וויניקע וואָס האָבן געגאָסן פון גרויסער פריינטשאַפט און אכטונג מצד פירנדיקע מענער אין דער אמעריקאַנער געלערנטער און פּאָליטישער וועלט.

דער דאָזיקער פאַקט, האָט א סך מאָל ארויסגעהאָלפן דעם ציוניזם און דעם אויפקום פון דער מדינה ביי פאַרשיידענע גורל'דיקע געלעגנהייטן.

ניט קיין לעצט-קליינע ראָל אין דער באַציאונג צו חיים גרינבערגן האָט געשפּילט זיין פּערזענלעכער צויבער.

איך האָב פריער ציטירט רעבעלסקין וועגן דער כשוף'דיקער ווירקונג פון גרינבערגן אויף די צוהערער פון זיינע פאָרטראַגן. אין יאָר 1948 איז מיר באַשערט געווען דער פאַרגעניגן צו געניסן פון אָט דעם צויבער בשעת עטלעכע אלגעמיינע און גוט-חברישע מסיבות אין ניו-יאָרק.

נאָך יעדער צוזאַמענטרעף אָדער מסיבה מיט גרינבערגן, איז ביי מיר געבליבן דער רושם ווי כ'וואָלט זיך געווען צוגעהערט צו א סימפּאָניע פון מאָראַלישער און גייסטיקער פּראַכט. בשעת חיים גרינבערג האָט גע-

רעדט, האָט פון אים תמיד געשטראַלט די בליציקייט פון טיפן געדאַנק צו־זאַמען מיט דער שיינקייט פון אַ פּאָעטישער יצירה.

אַ גאָר טיף־עמאָציאָנעלע איבערלעבעניש איז געווען אַ דירעקטער קאָנטאַקט מיט חיים גרינבערגן.

מיר איז איינמאָל אויסגעקומען צו פאַרברענגען מיט אים אין אַ חברישן דיאַלאָג, אין זיין קאַבינעט, במשך קנאַפּע דריי שעה.

זיין באַשיידענע האַלטונג לגבי מיר איז געווען ווי מיר וואָלטן זיך פון לאַנג שוין געקענט, און אָט איצט האָבן מיר זיך באַגעגנט כדי צו פירן אַ שיחת־רעים וועגן אַלט־באַקאַנטע, אונדז ביידן נאָענטע ענינים. אָט די האַלטונג האָט אין מיר אויפגעוועקט עפּעס אַ פייערלעכן געמיט און אויפגעלעבט מיין אייגענעם גייסט; איך האָב זיך דערפילט ווי באַהערשט פון אַ נשמה־יתירה... ס'האָט זיך מיר דעמאָלט אין זיין קעגנוואָרט, אַזוי געשמאַק און יום־טוב'דיק געשמועסט ווי קיינמאָל אין מיין לעבן... דאָ האָט געווירקט די מאַגישע קראַפט פון זיין פּערזענלעכקייט; אין גרינ־בערגס מחיצה האָט מען זיך דערפילט באַהויכט פון זיין לויטערער אַצי־לות...

אין צווייטן ציוניסטישן דור נאָך הערצלען, איז חיים גרינבערג פון די יחידי־סגולה וואָס האָבן באַפרוכפּערט די יידישע מחשבה און באַריי־כערט אונדזער קולטור־אוצר מיט ווערק פון יידישן און אַלמענטשלעכן ווערט.

אַ סך זענען אין יענע יאָרן געווען די רוסיש־יידישע אינטעליגענטן פון ברייטן אייראָפּעאישן פאַרנעם. אָבער ביים גרעסטן טייל פון דער דאָ־זיקער אינטעליגענץ, האָבן די פרעמדע קולטורן באַקומען די אויבערהאַנט און פאַרטונקלט די אוצרות פון זייער יידישער קולטור־ירושה. אַנדערש איז געשען מיט חיים גרינבערגן, ביי אים האָבן די פאַרשיידענע קולטור־ספערן זיך קעגנזייטיק דערגאַנצט און זיך האַרמאָניש צונויפגעגאָסן אין אַ מערקווירדיקער סימפּאָניע פון קולטור־ווערטן, וואָס האָבן פון אים עמאַנירט מיט העכערער, ניט דורכשניטלעכער גייסטיקייט.

מיט פולע עמערס האָט גרינבערג געשעפּט אַלץ דאָס שענסטע און דאָס דערהויבנסטע פון די אוניווערסאַלע קולטור־אוצרות. אָבער פון זיין גרויסער קולטור־עשירות האָט ביי גרינבערגן מיט העלער ליכטיקייט אַריסגעשיינט דער יידישער קולטור־עלעמענט.

גרינבערגסברייטע באַקאַנטשאַפט מיט דער יידישער קולטור, אין אַלע אירע פאָרמען און פון אַלע צייטן, האָט געשטאַלטיקט זיין הויך-מאָראַלישן וועלט-באַנעם; זיין פאַרוואָרצלטקייט אין דער יידיש-גייסטיקער ירושה, האָט אין אים געוועקט אַספּיראַציעס און געשטאַרקט זיין אמונה אין אַן עטישן סדר-העולם, אין אַ יידיש-משיחישן יום שכולו טוב, אין אַ וועלט אָן איבלען, אַ באַפרייטע פון אַלערליי נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע קרום־קייטן.

*

אין יאָר 1906, אין דער צייט פון דער פינצטערסטער צאַרישער רעאַקציע אין רוסלאַנד, איז אין העלסינגפאָרס צוזאַמענרופן געוואָרן אַן אומלעגאַלע קאָנפערענץ פון רוסישע ציוניסטן, כדי צו באַשטימען די פּרינציפּן און טאַקטיק פון ציוניזם בשייכות מיטן יידישן לעבן אין גלות ביז דער ציוניסטישער ליזונג.

יענע קאָנפערענץ האָט פּראָקלאַמירט אַקטיווע קעגנוואַרטס-פּאָליטיק אין גלות, דעם קאַמף פאַר די נאַציאָנאַלע רעכט פון יידישן פאָלק אין די תפוצות-הגולה.

אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָט צום ערשטן מאָל אַ שיין געטאָן דאָס געשטאַלט פון זיבעצן-יאָריקן יינגל, חיים גרינבערג.

זינט דעמאָלט איז גרינבערג געווען און געבליבן איינער פון די בולט'סטע ציוניסטישע פיגורן, וואָס זענען געשטאַנען "מיטן פּנים צום גלות". האַלטנדיק פאַרן אויג אַלע פּראָבלעמען פון גלות, האָט ער גלייכצייטיק באַלויכטן דעם פאָלקס-גאַנג אויף די וועגן צו זעלבסטשטענדיקייט און גאולה.

און באַשערט איז אים געווען, אַז אין יאָר 1951, מיט פּונקט 45 יאָר שפּעטער, ניט ערגעץ אין אַ גלות-לאַנד, נאָר אין דער פרייער יידישער מדינה, אין דער אויסגעלייזטער ירושלים, זאָל ער, אויפן לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס פון זיין לעבן, אויפשיינען מיט זיין בלענדנדיקן ליכט און ווייטער צייכענען די וועגן פון דעם נאָך צעשפּרייטן יידישן פאָלק אין די תפוצות-הגולה ביז דער גאולה-שלימה.

זיין דערשיינונג אויף יענעם ירושלים'ער קאָנגרעס, האָט ממש עלעק-

טריזירט די טויזנטער צוהערער וואָס האָבן צעשפּאַרט די ווענט פונעם ריזיקן זאַל אין דער, דעמאָלט נאָכניט פאַרענדיקטער, געבײַדע פון די בני-האומה. געערעדט האָט ער דעמאָלט מיט שטאָלץ וועגן זײַן גלות-פאָלק אויף דער גלות-שפראַך — יידיש.

זײַנע געדאַנקען האָבן געבליצט מיט פײַערדיקן גלאַנץ און זײַן שפּראַך האָט דאַן געקלונגען ווי שיינע מוזיק...

די דאָזיקע רעדע איז געווען דער הויכפּונקט פון יענעם קאָנגרעס. זי איז אָבער אויך געווען דער אַפּאָגיי פון גרינבערגס געבענטשטן שײַן-גײַסט, דאָס שוואַנען-ליד פון פענאָמענאַלן רעדנער.

*

ווײַט איז דער מהלך פון גלות'דיקן העלסינגפאָרס 1906, ביזן זעלבסט-שטענדיקן ירושלים 1951 — אַ לאַנגער וועג!

דער דאָזיקער וועג איז פאַרזייט מיט די העלע סליאַדן פון גרינבערגס ליכטיקן גאַנג פון גלות-ישראל צו מדינת-ישראל.

★

מיטן כוח פון אידעאל

(חיים ווייצמאן)

א זכרון־טאָג, א יאָרצייט, נאָך אזא צענטראַלע פיגור ווי ס'איז גע־וועזן דער לאַנג־יאָריקער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַ־ניזאַציע און ערשטער דיגניטאַר פון דער נייער יידישער מדינה, דר. חיים ווייצמאַן, איז ניט נאָר א מאָטיוו פון פאַרטראַכטן זיך, פון מאַכן א חשבון פון זיינע אייגענע געלעבטע טעג, נאָר עפּעס מער דערפון — חיים ווייצ־מאַנ'ס לעבן איז, אין דער ווירקלעכקייט, קרוב זעכציק יאָר געשיכטע פון דער גרעסטער יידישער פאָלקס־באַוועגונג — פון ציוניזם; דאָס איז אַ סומע פון דערפאָלגן און דורכפאַלן, פון האָפנונגען און אַנטוישונגען פון אַ גאַנץ פאָלק במשך פון א פופציק־יאָריקן אַנטוויקלונגס־פּעריאָד.

אין זיין לאַנגן און פּרוכטבאַרן לעבן איז חיים ווייצמאַן געווען דער קאָנקרעטער אויסדרוק פון די היסטאָרישע בענקשאַפטן און תשוקות פון זיין פאָלק; ער איז געווען די פאַרקערפּערונג פון טויזנט־יאָריקע יידישע געפילן און אַספּיראַציעס; אויף זיינע אַקסלען האָט געשוועבט דער טראַ־גיש־ביטערער גורל פון זיינע געפייניקטע ברידער און אין אים האָט דאָס פאָלק, פאַר א לאַנגן פּעריאָד, דעפּאָזיטירט די האָפנונגען אויף גאולה.

ווייצמאַנ'ס לעבנס־גאַנג איז, דעריבער געווען דער שווערער, געשטרויכלטער גאַנג פון יידישן פאָלק צו זיין דערלייזונג.

אַנדערש ווי די ערשטע ציוניסטישע מנהיגים, געקומענע צו אונדז פון פרעמדע ספערן, גערופענע דורך דער גרויסער יידישער נויט, מיט וועלכער זיי האָבן זיך צופעליק באַקאַנט, איז ווייצמאַן א פּראָדוקט פון אונדזער אייגענעם מיט.

אויפגעהאָדעוועט אין א סביבה וואָס האָט געקוואלט מיט פולבלוטיק יידיש לעבן, דערצויגן אין גייסט פון אייגנארטיקער יידיש-ליטווישער טראדיציע פון תורה און חכמה, האָט ווייצמאַן איינגעזאפט אין זיך אלע עלעמענטן פון יידישן פילן און דענקען, וואָס האָבן אויפגעהאלטן דאָס פאָלק אין משך פון יאָרהונדערטער.

דער ציוניזם איז, דעריבער, פאר ווייצמאַנ׳ען געווען ניט בלויז א לייזונג פאר דער יידישער נויט און רעכטלאָזיקייט, נייערט אויך די פאַר-ווירקלעכונג פון משיחישן חלום, אן אָפקלאנג פון דער אלטער שבועה ביי די טייכן פון בבל: "אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני!"

אין זיין ערשטן צוזאמענטרעף מיט לאָרד באלפור, וואונדערט זיך דער ניט-ייד באלפור, הלמאי די יידן זאָגן זיך אָפּ פון אזא אויסגעצייכנטן פאָרשלאג מצד ענגלאנד, צו שאפן אן אויטאָנאָמע יידישע היים אין או-גאנדא, א לאנד — אומפארגלייכלעך גרעסער און רייכער ווי ארץ ישראל. רערויף ענטפערט אים ווייצמאַן:

— ווען מ׳זאָל אייך, ה׳ באלפור, פארלייגן פאריז אָנשטאָט לאָנדאָן וואָלט איר אָנגענומען?

— וואָס רעדט איר? וואָס פאר א פארגלייך — רופט אויס באלפור — לאָנדאָן איז דאָך אונדזער הויפּט-שטאָט.

— און ירושלים, מיין לאָרד, — האָט ווייצמאַן געענטפערט — ירוש-לים איז געווען אונדזער הויפּט-שטאָט שוין דעמאָלט, ווען לאָנדאָן איז נאָך געווען איין גרויסער זומפּ.

אוגאנדא האָט אויבנאויפיק געקענט זיין א לייזונג פון דער באלדי-קער יידישער נויט, אָבער פאר דעם יידישלעכן חיים בן עוזר ווייצמאַן, וואָלט דאָס אָננעמען אזא פאָרשלאג געווען א פארלייקענונג פון היסטאָרי-שן אמת.

יידן ווילן ניט ארץ ישראל פאר איר שיינקייט, גרויסקייט אָדער רייכקייט, נייערט דערפאר ווייל ארץ ישראל איז — — ארץ-ישראל, — דער ציל פון יידישע היסטאָרישע בענקשאפטן, דער אָפּאָגיי פון משיחישער גאולה.

די באוועגונג פאר ציון איז, לויט ווייצמאַנען, ניט געווען קיין היינט-צייטיקע פאָליטיק; דער פאָליטישער ציוניזם איז פאר אים בלויז א מאָדער-נער אויסדרוק פון א שטרעבונג וואָס איז פארוואָרצלט אין יידיש-נאציאָ-

נאלן באוואוסטזיין. א באוועגונג — וואָס האָט זיך אויף אַלערליי אופנים, במשך קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר, מאַניפעסטירט אין טאָג-טעגלעכן לעבן פון יידישן פּרט און כלל.

חוץ דעם, איז אין דער לאַנגער גלות-געשיכטע זעלטן געווען אַ יאָר-הונדערט אין וועלכן ס'זאָל ניט פאָרקומען קיין מאַסן-באַוועגונג פאַר יידישן אומקער צום לאַנד פון די אבות; די פאַרשידענע משיחישע באַוועגונגען, טראָץ זייערע דורכפאַלן, זענען דער בעסטער באַווייז פונעם היסטאָרישן ווילן פון יידישן פאָלק זיך צו פאַרבינדן מיט זיין לאַנד אויף אַלע אייבי-קייטן.

די דאָזיקע באַלערנדיקע היסטאָרישע אמתן האָט וויצמאַן זיך באַמיט פאָרצושטעלן פאַר דער ניט יידישער וועלט און פאַר די מלוכה-מענער וואָס דעצידירן אין דער וועלט-פּאָליטיק.

זיין רעדע אין דער לאָנדאָנער געזעלשאַפט פאַר פּראָבלעמען פון אַזיע, איז אַ מוסטער דערפון. אין דער דאָזיקער רעדע, וועלכע קלינגט, אגב, ווי אַ וואָרנונג, זאָגט וויצמאַן צווישן אַנדערן:

„אונדזער באַוועגונג טראָגט אַ היסטאָרישן כאַראַקטער און באַזירט זיך אויפן אייביקן ווילן פון אַן אַלט פאָלק. איר האָט דאָ, דעריבער, צו טאָן מיט עפּעס אַזעלכעס וואָס איז אייביק און קליינער, אפילו דער מעכטיקסטער, טאָר דאָ ניט האַנדלען מיט לייכטזין אָדער גרינגשעצונג. דאָס זענען זאַכן פון אייביקן יושר."

*

אין אַלע זיינע האַנדלונגען האָט חיים וויצמאַן תמיד זיך סומך גע-ווען אויף היסטאָרישע אמתן און אויפן אייביקן יושר; אין דעם טאַקע איז באַשטאַנען די אומגעהייערע טראַגיק פון זיין יסורים'דיקער פאָלקס-שלי-חות.

ניט ווייניק עגמת-נפשן האָט וויצמאַן, צוליב זיין פּאָליטיק, גע-ליטן פון יידן גופא. וואָרום ניט לייכטער ווי צו פירן די יידישע פּאָליטיק צווישן גוים, איז געווען די פירונג פון דער יידישער פּאָליטיק צווישן יידן...

מיטן כוח פון אידעאל

ביי שיחת־חולין, אין א היימישן קרייז, רעדנדיק וועגן זיין ניט געהויבענעם געזונט־צושטאנד, ביי א פארהעלטנישמעסיק ניט הויכן עלטער, האט ווייצמאן אמאל געזאגט:

— טשוירטשיל איז עלטער פאר מיר מיט דריי יאר, אבער אין גייסט איז ער א סך יינגער פאר מיר. ווייסט איר פארוואס? ווייל אין מיינע יונגע יארן האב איך געטרונקען טיי מיט סאכארין און טשוירטשיל האט געטרונקען וויסקי. און שפעטער, אלס פאליטיקער האט טשוירטשיל געפירט די פאליטיק ביי ענגלענדער און איך — ביי יידן...

און דאך איז ער ניט אפגעשטאנען און געטראגן דעם עול מיט בטחון. זיין אלמנה דערציילט אז ווייצמאן פלעגט זאגן:

— פ א ר ו ו י ר ק ל ע כ ן ש ו ו ע ר ע ז א כ ן דויערט לאנג, און אוממעגלעכע אביסל לענגער...

ווייצמאן איז געווען דער טראגישסטער פאליטיקער פון אונדזער צייט. אויף זיין גורל איז אויסגעפאלן צו פירן די יידישע פאליטיק אין א צייט, ווען ס'האבן אפן באנקראטירט אלע אייביקע פרינציפן פון פרייהייט און גערעכטיקייט.

פאר ווייצמאנען, דעם מענטש פון הויכער עטישער איינשטעלונג, האט געדארפט זיין באזונדערס פיינלעך צו פירן פאליטישע פארהאנדלונגען מיט א וועלט אין וועלכער עס דאמינירט דער גייסט פון קעגנזייטיקער צעשטערונג.

אויף וועלכן זשע יסוד, אויף וועלכער באזע האט זיך געקענט שטיצן די יידישע פאליטיק — די פאליטיק פון א פאלק אן א לאנד, אן רייכטימער און אן מיליטערישן כוח — אין א וועלט פון גיריקייט און ברוטאלער מאכט.

ווייצמאן, דער געטרייער זון פון זיין פאלק, דער לעגיטימער יורש פון יידישער עטיק און מאראל, גייט אויפן אלטן אויסגעטראטענעם וועג

פון דער יידישער פּאָליטיק, וואָס באַזירט זיך ניט אויף דעם "אי־דעאַל פון א מאַכט", נאָר אויף דער "מאַכט פון אן אידעאַל".

אין זיינע ווענדונגען צו ענגלאַנד, די דאַמאָלסדיקע מאַנדאַטן־מאַכט אין ארץ ישראל, זוכט ווייצמאַן אַרויסצוברענגען די אידעאַלע פּאַקטאָרן בנוגע א יידיש ארץ ישראל פון דער ענגלישער געשיכטע גופא.

אין זיין רעדע פאַר דער פּיל־קאָמיסיע, דערציילט ווייצמאַן אַז שוין פיר הונדערט יאָר פאַר באַלפורן, האָבן גרויסע ענגלישע שטאַטסמענער און גייסטלעכע פאַרטיידיקט די אידייע פון יידישן אומקער קיין ארץ ישראל, און אַז די ערשטע יידישע קאָלאָניע ראשון לציון, איז געקויפט געוואָרן א דאַנק דעם איינפלוס און הילף פון דעם דאַמאָלסדיקן ענגלישן פאָרשטייער אין יפו.

אַרויסהויבנדיק אידעאַליסטישע מאָמענטן פון דער ענגלישער גע־שיכטע גופא, זוכט ווייצמאַן צו ווירקן אויף די ענגלענדער און גלייכצייטיק צו באַווייזן זיי, אַז די דעמאָלסטיקע אַנטי־יידישע פּאָליטיק בנוגע ארץ ישראל איז אין קעגנזאַץ און א פאַרראַט לגבי די ענגלישע טראַדיציעס.

נאָר טויב איז שוין דאַן געווען די וועלט צום רוף פון שיינע, יושר'־דיקע טראַדיציעס. ווי א פּרעלודיע צום 2־טן וועלט־קריג, איז די וועלט באַהערשט געווען פון א ווילדן מאָרד־פּסיכאָז, די רעאַקציע האָט געהאַט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

דאָס דערשראָקענע, קליינע מענטשעלע פון דער גרויסער אימפּעריע — טשעמבערליין, האָט אָנגעהויבן וואַרפן לעבעדיקע שטיקער פלייש פון די קליינע פעלקער אין דעם אויפגעפראַלטן פּיסק פון דער צעווילדעוועטער פאַשיסטישער חיה.

אַלס נאַטירלעכע קאָנסעקווענץ פון דער דאָזיקער פאַרעטערישער פּאָליטיק לגבי שוואַכע, שוצלאָזע פעלקער, זענען אויך מיר, דאָס יידישע פאָלק, באַשאָנקען געוואָרן מיטן "ווייסן־בוך".

קלינגען מוטיק, אָבער נאָכמער טראַגיש, ווייצמאַנס ווערטער, ביי יענער געלעגנהייט געזאָגטע, צו די ענגלישע מלוכה־פירער:

"איר האָט ניט בדעה, דורכצופירן דעם מאַנדאַט. איר ווילט מיר זאָלן אַריינגעוואָרפן ווערן אין ים אַריין. פאַר אונדז

וועט עס ניט זיין וויטאָגלעכער ווי די קרייץ-צוגן, אינקוויזי-ציע און ווי דער גירוש שפּאַניע; ניט פּיינלעכער ווי די אוקראַ-אינישע כמעלניצקי-פאַרלענדונגען און די פּעטליורא-פּאָגראָ-מען. *) מיר זענען ספּעציאַליסטן אויף יסורים. און מיר וועלן אויך דעם ביטערן עטאַפּ איבערלעבן. אַנדערע צייטן וועלן קו מען און מיר וועלן אונדזער ציל דערגרייכן! נאָר געדענקען זאָלט איר די ווערטער וואָס ס'האָט אַמאָל געזאָגט איינער פון אייערע גרויסע מלוכה-מענער:

— גאָט באַהאַנדלט די פעלקער אַזוי, ווי יענע באַהאַנד-לען די יידן".

אַזוי, באַוואָפנט מיטן איינציקן געווער פון געשיכטלעכן יושר פאַר וועלכן ער פירט זיין לעבנלאַנגן קאַמף. מיט דער מאַכט פון אַן אידעאַל וואָס לעבט אין באַוואוסטזיין פון זיין פאָלק און מיטן כוח פון בטחון אינעם גערעכטן זיג, שפּאַנט וויצמאַן אויף די יסורים'דיקע שליאַכן פון דער יידישער פּאָליטיק.

וועט ער מיטן דאָזיקן כלי זין קומען צום נצחון?

* *
*

חודש נאָוועמבער פון יאָר טויזנט ניין הונדערט זיבן און פערציק.

דער בלוטיקער פאַרהאַנג פון דער היטלער־טראַגעדיע איז אויפגע-הויבן. די שחיטה-ציפער, זעקס מיליאָן. פינצטערט נאָך די אויגן פונעם וועלט-געוויסן; די שארית הפליטה לאָזט זיך אויף צעבראָכענע מולטער-שיפלעך דורך אַלע ים-וועגן צום געגאַרטן לאַנד; ביי די ארץ ישראל ברעגן און אינעווייניק אין לאַנד קומט פאָר דער בלוטיקער אָבער הערָאָאישער געראַנגל מיט בעווינס בייזוויליקער מאַכט.

דער גראָב-הויטיקער בעווין הייבט אָן פילן אין טיפן פלייש די מאַ-ראַלישע און אויך פיזישע קלעפּ פון יידישן ווידערשטאַנד. ער גיט איבער

*) דאָס איז געזאָגט געוואָרן פאַרן היטלער-חורבן.

צו דער פעלקער-אָרגאַניזאַציע די אַנטשיידונג איבער דער ארץ-ישראל פראַגע.

עס זאַמלען און גרייטן זייערע כוחות פריינט און שונאים. ווער פון זיי וועט מכריע זיין דאָס דין-ציטערנדיקע צינגל ביי דער וואָגשאָל פון יידישן גורל?

אין דער יידישער וועלט איז א שטימונג פון הרת עולם: ווער וועט פאַר דער פעלקער-פאַרזאַמלונג זאָגן דאָס ריכטיקע וואָרט, דאָס וואָרט, וואָס זאָל אויסדריקן דעם אַנגסט וואָס יעדער ייד האָט טיף געפילט אין זיין נשמה?

די אַנטשיידונג פאַלט אויף ווייצמאַנען און די אַנגסטיקע יידישע וועלט האָט אין אינסטינקטיוון בטחון אויפגעאָטעמט מיט א ברכה:

דאָס איז דער מענטש!... ער, וואָס האָט געפירט דאָס פאָלק דורכן וויסטן מדבר פון דער וועלט פּאָליטיק, זאָל־זשע אים באַשערט זיין אונדז צו דערפירן צום אויסגעחלומט'ן ברעג...

*

נאָך אין יענע טעג פון סוף חודש נאָוועמבער 1947, האָבן מיר זיך דערוואוסט פּרטים פון ווייצמאַנס דערשיינען פאַר דער פעלקער פאַרזאַמלונג:

דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג לאַדט איין אין זאַל אַריין און צו דער רעדנער-טריבונע דעם פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט-אָרגאַניזאַציע, דר. חיים ווייצמאַן. אין זאַל ווערט א באַוועגונג. אָבער ווי נאָר ווייצמאַן באַווייזט זיך אין זאַל, ווערט דאָרט א טויטע שטילקייט. אַלע דע-לעגאַטן שטעלן זיך אויף. אין דער דאָזיקער שטילקייט פילן אַלע בחוש, אַז מיטן 73-יאָריקן זקן איז אַריין אין זאַל ישראל סבא, אויף וועמעס פּלייצעס עס לאַסטעט אַן אַלטע העראָאישע געשיכטע פון מלכות'דיקן גלאַנץ, פון נביאישער פּראַכט, און פון שווערן גלות'דיקן יאָך. און אַט האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט כדי אָפּצוגעבן כבוד דעם דאָזיקן נביאישן מאַר-טירער-פאָלק.

ווייצמאַן גייט אַרויף אויף דער טריבונע, וויקלט פונאַנדער דאָס פּאַ-פּיר, אָבער פאַר זיין געשלאָגענער ראיה איז דאָס ליכט ניט ווי געהעריק אַנגעשטעלט, הויבן אָן פון אַלע זייטן זיך דערנענטערן צו דער טריבונע

שטאָלצע מלוכה-מענער, וועלכע באמיען זיך אָנצושטעלן די לאָמפּן אזוי, אז אים זאָל באקוועם זיין...

אין דער שטילקייט פון זאל, דערהערט זיך ווייצמאַנס שטים — די שטים פון פאָלק ישראל. איבערן זאל שוועבן בילדער פון גלות'דיקן פּיין, צוואות פון קדושים, ליכטיקע וויזיעס פון נביאים און טרוימער פון יידישער גאולה און אלוועלטלעכער דערלייזונג. איבער אלעמענס קעפּ טראָגט זיך איצט די גרויסע מאָנונג צום וועלט-געוויסן צו פאַריכטן אלע עוולות וואָס איז ביז איצט באגאנגען געוואָרן לגבי דעם יידישן פאָלק. און אז דער איצטיקער באשלוס לטובת דעם דאָזיקן פאָלק זאָל זיין אן ערשטער, אויפריכטיקער שריט צו א נייער תקופה פון גערעכטיקייט לגבי אלע פעלקער פון דער ערד.

שטיל איז געבליבן אין זאל נאָך ווייצמאַנ'ס רעדע. עס האָט זיך געקענט אויסדאכטן, אז אין זאל פלאטערן די נשמות פון קדושים פון אלע צייטן, אז ארום ווייצמאַנ'ס קאָפּ שוועבן די גייסטער פון אלע מארטירער פאַר גאולה און פעלקער-יושר.

דער כוח פון זייער גייסט מיט וועלכן ווייצמאַן איז זיין גאנץ לעבן באהערשט געווען, האָט געפונען אויסדרוק אין יענע מינוטן פון אנטשיידונג.

די פייערלעכע שטילקייט נאָך ווייצמאַנ'ס רעדע איז געווען א שטילקייט פון חשבון וואָס די וועלט האָט געמאכט מיט איר אייגענעם געוויסן...

— —

ווייצמאַן האָט זוכה געווען צום זיג פון זיין פּאָליטישן גאנג — די "מאכט פון אידעאל האָט מנצח געווען.

*

חיים בן-עוזר ווייצמאַן, דער גרויסער מנהיג פון זיין דור איז גליקלעכער פון אנדערע גרויסע מנהיגים, וועלכע זענען "אין לאַנד ניט אריינגעגאנגען".

מ י ט ן כ ו ח פ ו ן א י ד ע א ל

ווייצמאַן איז מיט זיך דור יאָ "אריין אין לאנד".

דאָס איז א זעלטענער זכות וואָס איז צוגעטיילט פאר די אויסדער-ווײלטסטע פון דער מענטשלעכער געשיכטע.

דאָס איז געווען א טיילוויזע טרייסט פאר די, וועמען ווייצמאנס פטירה האָט טיף דערשיטערט.

★

גבורה פון עניוות

יצחק בן-צבי

גבורה פון עניוות

בן-צבי איז געווען דער יחוס׳דיקער הדרת-פנים אין די רייען פון ארבעטער-ציוניזם.

ביים אויפשוואונג פון דער יידישער רענעסאנס-באוועגונג, ביים סאמע אָנהייב פון אירע פראקטיש־קאָנקרעטע גאולה-מעשים, איז ער אויף דער סצענע דערשינען.

פון פארשידענע קוואלן האָט געשטראמט דער ציוניסטיש-סאָציאליס-טישער געדאנק, אָבער פון בן-צבי׳ס קוואלן איז געקומען דער געדאנק ווי אַן אויסגעשמידטע, דיסציפלינירטע, וויסנשאפטלעך באגרינדעטע ציוניס-טיש-סאָציאליסטישע וועלט-אנשויאונג.

יעקב זרובבל, א יוגנט-פריינט פון פרעזידענט בן-צבי, און איינער פון דער קליינער גרופע וואָס האָבן געגרינדעט די פארטיי פועלי-ציון, האָט בעת זיין הספד איבער דער פטירה פון פרעזידענט, דערציילט, אז בשעת א באזוך פון עטלעכע שעה ביים נשיא, בעת וועלכן מ׳האָט גערעדט וועגן דעם דורכגעגאנגענעם וועג זינט דער גרינדונג פון דער באוועגונג ביז דער אנטשטייאונג פון דער מדינה, און וועגן די אויפגאבעס און ענינים וואָס

שטייען ברומו של עולם איצט, ביים פאַרפעסטיקן די מדינה, האָט דער נשיא זיך אָפּגערופן צו זרובבלען: דאָס אַלץ זעסטו, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען פּאָלטאַווע.

געווען אַמאָל אין צאַרישן רוסלאַנד אַן עיר ואם בישראל — פּאָלטאַווע.

כאָטש אַ גובערניאַלע שטאָט איז זי פאַקטיש געווען אַ שטילע פּראָווינציעלע שטאָט. ניט געווען אין איר קיין אינדוסטריע און ניט קיין פּראָלעטאַריאַט און דעריבער איז דאָרט אויך ניט אויפגעקומען קיין קענטיקע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער-באַוועגונגען.

נאָר די צאַרישע מאַכט גופא האָט שוין געזאָרגט אַז די דאָזיקע שטאָט זאָל ניט בלייבן אויסער דער מאַפּע פון רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען. פּאָלטאַווע איז, אין יענע יאָרן, דורך דער רוסישער מאַכט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרשיקונגס-פּלאַץ פאַר אַלערליי פּאָליטישע פאַרדעכטיקטע. און אַזוי אַרום איז פּאָלטאַווע געוואָרן אַ צענטער, וואו עס זענען געווען צונויפגעזאַמלט די בעסטע אינטעלעקטועלע כוחות פון די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען קעגן דער צאַרישער הערשאַפט.

אהין זענען פאַרוואָרפן געוואָרן אַ גרויסע צאָל פון טאָלסטאָיס אַנהענגער; אין פּאָלטאַווע איז פאַרשיקט געווען דער באַרימטער רוסישער שרייבער און הומאַניסט קאָראָלענקאָ. דאָרט האָבן אָפּגעריכט גלות אַזעלכע באַקאַנטע רעוואָלוציאָנערע פירער און טעאָרעטיקער ווי מאַרטאָוו, סטאָלפּנער און אַנדערע. אַלץ פיגורן וואָס האָבן פאָרגעשטעלט די פאַרשידנסטע רעוואָלוציאָנערע שטרעמונגען און ריכטונגען פון יענער צייט.

די דאָזיקע גולים, די פאַרשיקטע, האָבן געהאַט אַן אומגעהייערע השפּעה אויף דער דעמאָלטיקער שטודירנדיקער יוגנט בכלל און אויף דער יידישער יוגנט, צווישן וועלכע ס׳האָבן זיך געפונען אייניקע פון די שפּעטערדיקע יידישע מנהיגים בפרט, און צווישן זיי דער נשיא בן-צבי, דעמאָלט נאָך יצחק שימשעלעוויץ.

אָבער פּאָלטאַווע האָט זיך געקענט באַרימען ניט נאָר מיט איר רעוואָלוציאָנערער סביבה פון אַלגעמיין מענטשלעכע און סאָציאַלע אידייען, נייערט אויך מיט דער יידיש-נאַציאָנאַלער סביבה און מיטן יידיש-נאַציאָנאַלן גייסט פון איר יוגנט. פּאָלטאַווע האָט שוין דעמאָלט געהאַט טראַדיציע אין דער חיבת-ציון באַוועגונג; פּאָלטאַווער יידישע סטודענטן זענען אין די

אכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט געווען פון צווישן די ערש-טע בילויים; די ערשטע וואָס אונטער דער לאָזונג פון "בית יעקב לכו ונלכה" — ("הויז פון יעקב, לאָמיר גיין"), האָבן זיי זיך אוועקגעלאָזט צום דעמאָלסדיקן וויסטן לאַנד כדי אויפצובויען אירע חורבות און אויפצוריכטן דאָס פרייע נאַציאָנאַלע לעבן פון יידישן פאָלק אין אייגענעם לאַנד.

דאָ איז בכן, די געזעלשאַפטלעך, פּאָליטישע אַנטוויקלונג פון דער יידישער יוגנט געפלאָסן אין צוויי ריכטונגען: אין דער אַלגעמיין סאָציאַ-ליסטישער און אין דער יידיש-נאַציאָנאַלער ריכטונג.

אין פּאָלטאַווע האָט דאַן די יידישע יוגנט געפיבערט מיט סאָציאַליס-טישע און מיט יידישע נאַציאָנאַל-פּאָליטישע און קולטור-פּראָבלעמען.

מסתמא דערפאַר, איז דער דאָזיקער שטאָט באַשערט געווען אַז אַלס נאָכוואוקס פון דער דומפּולער "בילו"-גרופּע, ביים סאַמע אָנהייב פון דער באַרימטער צווייטער עליה, זאָל דוקא אין פּאָלטאַווע ווידער אויפקומען אַ גרופּע פון עטלעכע יונגעלייט, וואָס האָט אויסגעשפּרייט איר ליכטיקע השפּעה אויף דער יידישער פּאָליטישער אַרבעטער-באַוועגונג אין גלות, און וואָס האָט גלייכצייטיק געלייגט דעם יסוד פאַרן אויפקום פון בויענדיקן חלוציזם אין ארץ ישראל.

אין דער דאָזיקער עפּאָכע-שאַפנדיקער גרופּע האָט פאַרנומען אַן אויבנאָניקן פּלאַץ דער דעמאָלסט-יונגער סטודענט-גימנאַזיסט יצחק שימ-שעלעוויץ, שפּעטער באַקאַנט אין דער באַוועגונג אַלס חבר אבנר אָדער דבר עובדיה און גאָר צולעצט אַלס יצחק בן־צבי.

פאַרן גליק פון דער פּועלי־ציוניסטישער וועלט-באַוועגונג, איז פון אירע פּאָלטאַווער גרינדער אַרויסגעקומען אַ מין האַרמאָנישער אומצורייס-באַרער חוט המשולש. פיגורן, מיט אַן אייגנאַרטיקן, ספּעציפישן פּנים, גע-שטאַלטן "סואי-זשענעריס" וואָס האָבן די אידייע פון חלוצישן שיבת-ציון באַקרעפטיקט סיי מיט פּראַקטישער טאַט, מיט מעשים בכל-יום, סיי מיט וואונדערלעכן אידעאַליסטישן גייסט און מחשבה פון גרויסן עטישן, סאָציאָ-לאָגישן און וויסנשאַפטלעכן ווערט.

ס'איז דערביי גוט צו דערמאָנען די געאַכפּערטע פיגור פונעם זיידן און רבין פון דער אידעאַליסטישער פרייער אַרבעטער-באַוועגונג אין ארץ ישראל. די איינציקאַרטיקע פּאָלטאַווער געשטאַלט פון אַלעקסאַנדער זיס-קינד ראַבינאָוויץ, דער, וואָס איז געווען די פאַרקערפּערונג פון אַרבעט און

קולטור; אַט-אָ דער אלטער פּאַלטאוּוער תּלמיד-חכם, דער גרייז-גרויער געלערנטער אוהב-ישראל, האָט א שטראַלנדיק שטאָלצער זיך ארומגעטראָגן מיט זיין מיטגלידס-ביכל נומער איינס פון דער דעמאָלט יונגער הסתדרות.

און נאָך א פּאַלטאוּוער נאָמען דארף, ביי דער געלעגנהייט, דערמאָנט ווערן. דאָס איז דער גאונישער בער באָראָכאָוו, דער געניאַלער סאָציאַלאָגישער באַגרינדער פון שיבת-ציון, דער אידייאישער פאָטער פון די סאָציאַליסטישע ארבעטער-געמיינשאפטן אין ישראל און דער פּיאָנער, גרונטלייגער פון דער מאָדערנער יידישער שפּראַך-וויסנשאפט.

יצחק בן־צבי, איז געווען דער דריטער אין דאָזיקן חוט-המשולש. ער האָט פאַרקערפּערט מיט זיך די וואונדערלעכע אייגנשאפטן פון זיינע דערמאָנטע צוויי עלטערע פּאַלטאוּוער חברים — די אייגנשאפט פון פּראַקטישן בויער און גלייכצייטיק געלערנטן פאָרשער און גייסט-מענטש פון ברייטן פאַרנעם.

*

מאכן מיר א חשבון ניט בלויז פון בן-צבי׳ס פּערזענלעכן לעבן, מחמת דאָס לעבן פון אזא פיגור ווי ס׳איז געווען דער פאַרשטאָרבענער נשיא, איז א סומע פון געשיכטלעכן לעבן פון אונדזער פיל-געפּרוּווטן פאָלק אין אָ תקופה פון ביישפּילאָזע אויפטרייסלונגען.

קערן מיר אונדזערע בליקן צו דעם, וואָס איז שוין ניט פאַר אונדזער געדענקען, נאָר איז פאַרקריצט אין די געשיכטע-בלעטער פון נאַציאָנאַלן און רעוואָלוציאָנערן צער און צאָרן ביזן נצחון פון אידעאַל, ביז שיבת ציון און ביז דעם אויפקום פון דער מדינה.

בלייבן מיר שטיין מיט יראת-הכבוד, פאַר אָט דעם שווערן, אָבער געבענטשטן, רייכן און פילפאַרביקן גאנג בן-צבי׳ס; זיין פלאַץ און דרך אין דער באַוועגונג, וואָס ער איז געווען איינער פון אירע שעפער, איר ווירדיקער און דיגניטאַרער פאָנענטרעגער ביז זיין לעצטן אָטעמצוג.

ס׳איז געווען אין די ערשטע יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט; אין הויז פון פאַרשטאָרבענעם פּרעזידענטס פאָטער, ה׳ צבי שימשעלעוויץ, זענען געזעסן זיין זון, דער דעמאָלטיקער גימנאזיסט יצחק שימשעלעוויץ מיט נאָך פיר יונגעלייט, פון וועלכע ס׳לעבט נאָך לאורך ימים איינער, דער באַקאַנ-

טער ארבעטער און קולטור-טוער, יעקב זרובבל. די דאָזיקע פינף יונגעלייט האָבן באַשלאָסן צו ווידמען זייער לעבן דער סאָציאַלער באַפרייאונג פון דער אונטערדריקטער ארבעטנדיקער מענטשהייט, און דעם אויפקום פון יידישן פאָלק אין אייגענעם לאַנד.

פון יענעם צוזאַמענטרעף קומען ארויס נייע מענטשן מיט נייע נעמען. יצחק שימשעלעוויץ הייסט שוין איצט עובדיה אָדער אבנר, און שפּעטער יצחק בן־צבי.

עטלעכע יונגעלייט, נעמען דעמאָלט אָן דעם העזה׳דיקן באַשלוס צו פּראָקלאַמירן די אנטשטייאונג פון א יידיש סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אר-בעטער-פּארטיי פּועלי-ציון. די אידעאָלאָגישע און אָרגאַניזאַטאָרישע פּלאַט-פאָרם איז דעמאָלט שארפזיניק און קלאָר פאָרמולירט געוואָרן דורכן עטוואָס עלטערן חבר פון יענער פאָלטאַוער גרופּע — דורכן גאונישן בער באָראָ-כאָוו.

אויפן גרונט פון דער דאָזיקער פּלאַטפאָרם ווערט געגרינדעט דער וועלט-פארבאַנד ״פּועלי-ציון״.

זינט דאַן הייבט זיך אָן די פארווירקלעכונגס-תקופה אין ציוניסטישן אויפבוי. ס׳איז דער אָנהייב פון דער באַרימטער צווייטער עליה און יצחק בן־צבי איז איינער פון די אבות פון אָט דער, אויף אייביקע דורות גע-בענטשטער, צווייטער עליה.

וועט ניט זיין איבעריק צו דערמאָנען, אז באַלד ביי די ערשטע טעג פון זיין קומען אין לאַנד האָט אבנר בן-צבי געשפּילט אן ערשטע פידל ביי דער גרינדונג פון ״השומר״, דעם לעגיטימען פאָרגייער פון דער שפּעטער-דיקער הגנה און פון דער איצטיקער צבא הגנה לישראל.

בן-צבי אליין שילדערט די ערשטע זיצונג פון דער גרופּע פון וועלכער ס׳האָט זיך שפּעטער אויסגעבילדעט דער ״השומר״:

דאָס איז געווען תשרי־צייט התרס״ח — 1908, אין איינעם פון די צריפים אין די אראַנזשן-פּרדסים, וואָס רינגלען ארום יפו פון דריי זייטן. אין א קליין צימערל אויף א צווייטן שטאָק, וואָס האָט געדינט סיי פאַר א וואוינונג און סיי פאַר א געהיימער דרוקעריי פון דער צייטונג ״אָנפאַנג״.

א פאָר הילצערנע ״גאזע-קעסטלעך״ צוזאַמענגעשטעלט ביי די ווענט,

גבורה פון עניוות

האבן געדינט אנשטאט א שרייב-טיש, בענק און א ביכער-שראנק; א גרויסע אראבישע ראגאזשע האט באדעקט די פאדלאגע, און דאס איז געווען דאס גאנצע מעבל.

שפעט ביינאכט, א טונקל ליכט פון קליינעם הענג-לעמפל באלייכט דאס צימער. אויף דער ראגאזשע אין מיטן שטוב, גרופירן זיך אין אן ענגן קרייז פינף-זעקס בחורים, איניקע זיצן מיט די פיס צונויפגעלייגט אונטער זיך אויפן אריענטאלישן שטייגער; אנדערע ליגן אויסגעצויגן און האלב אויסגעצויגן אויף דער ראגאזשע, אלע זענען טיף פארטאן אין געשפרעך, קיינער באמערקט גארניט ווי די נאכט לויפט אריבער.

דאס איז געווען די ערשטע זיצונג פון דער גרופע פון וועלכער ס'האט זיך שפעטער אויסגעבילדעט דער "השומר".

און אט ביי אזעלכע באדינגונגען הייבט זיך אן אין ארץ ישראל בן-צבי'ס לעבנס-גאנג, זיין דרך פון שטילע, אבער גרויסע העראאישע מעשים.

דא אויף די נאפט-קעסטלעך, ווערט ארויסגעגעבן די צייטשריפט "אבאנג" און ס'ווערט געשאפן און רעדאגירט דער ערשטער העברעאישער ארבעטער-ארגאן "האחדות". ליגנדיק אויף הארטע ראגאזשעס האט ער, דורך נעכט, אויסגעחלומט דעם הערא‌אישן אידעאליזם און די קאטעגארישע געבאטן פון קאמף אויפצוריכטן דאס געפייניקטע פאלק און אויפצובויען דאס חרוב'ע לאנד.

דא, אין ביידלדיקע צריפים, דורך לאנגע, אומעטיקע נעכט, ארומגערינגלט פון לויערנדיקע שונאים און סתם-רוצחים, ביי אן אימפראוויזירטן שרייב-טיש פון נאפט-ברעטלעך און ביים טונקעלן שיין פון א קליין נאפט-קאגאניצל, האט ער באשאפן וויסנשאפטלעכע פארשונגס-ווערק וועגן וויסטן מוטער-לאנד ארץ ישראל, און וועגן אירע פארטריבענע קינדער די נדחי-ישראל, פארווארפענע און צעשפרייטע איבער ארבע פינות העולם.

פונעם טונקעלן ליכט, האט דא פאר אים ארויסגעשיינט די וויזיע פון דערגרונטעוועון זיך צו די וויטאלע זאפטן, באהאלטענע, פארגראבענע אונטערן פארווארלאזטן באדן פון חרובן ארץ ישראל;

דורכן קליינעם ליכט פון ארעמען קאנאניצל, האט אים געבלענדעט דאס גרויסע און רייכע ליכט פון היסטארישן נצח ביי די נדחי ישראל, און

ס׳האָט אים געשטאַרקט, געקרעפטיקט און געמוטיקט זייער ניט געבראָכענע אמונה און דער צונויפזאַמלונג פון די פזורי-ישראל.

*

שלענגלט זיך בן-צבי׳ס וועג אין די ערשטע יאָרן פון עליה, צווישן פּראַצע און קאַמף, צווישן ביטערער, דערשלאָגנדיקערווירקלעכקייט און דערהויבענע צוקונפט-חלומות, ביז אינמיטן פייער פון ערשטן וועלט-קריג ווערן ער, צוזאַמען מיט בן-גוריונען, ווערן פאַרמשפּט צום טויט, און שפּע-טער ״אויף אייביק״ פאַרשיקט פון ארץ ישראל.

דער שטורעם פאַרטראָגט זיי קיין אַמעריקע.

אין אַמעריקע פאַרנעמט זיך בן-צבי מיט דער שאַפונג פון „החלוץ״ און מיט אָרגאַניזירן דעם יידישן לעגיאָן.

די דאָזיקע אַרבעט איז געטאָן געוואָרן ביי זייער שווערע באַדינגונגען, און ביי א סביבה וואָס איז ווייט געווען פון באַנעמען די חלוצישע אַספּיראַ-ציעס פון בן-צבי׳ן און זיינס-גלייכן. אָבער דער שטילער פייער פון זיין גלויבן און זיין כאַראַקטעריסטיש-האַרציקע באַשיידנקייט האָט געווירקט און האָט גובר געווען אַלע מכשולים. די באַוועגונג פאַרן החלוץ און לעגיאָן האָט בן אָנגענומען קאָנקרעטע פאָרמען און נאָכדעם טאַקע געשפּילט אן אומאָפּ-שאַצבאַרע ראָלע אין דער רעהאַביליטאַציע פון ארץ-ישראל-דיקן ישוב, וועלכער איז, דורך טערקישע רדיפות במשך דער מלחמה כמעט אינגאַנצן חרוב געוואָרן.

די טעטיקייט פאַרן החלוץ און לעגיאָן אין אַמעריקע, איז איינער פון די שענסטע דימענטן אין בן-צבי׳ס טעטיקייטס-קרוין.

*

נאָכן צוריקקער מיטן לעגיאָן קיין ישראל, מיטן אָנהייב פון מאַנדאַט, ווידמעט זיך בן-צבי צו וויסנשאַפטלעך ליטעראַרישער טעטיקייט. יאָרן נאָכדעם, נאָכן טויט פון דוד יעלין ווערט יצחק בן-צבי אויסגעקליבן אַלס פאָרזיצער פון ועד לאומי.

*

גבורה פון עניוות

בערך איבער צוויי צענדליק יאָר איז אים אָנפאַרטרויט געווען צו זיין דער העכסטער דיגניטאַר אין דער אָנפירונג פון ישוב אין ארץ־ישראל. זינט די פערציקער יאָרן ביז דער אנטשטייאונג פון דער מדינה, האָט ער באַקליידט דעם אמט פון נשיא פון ועד-לאומי, וואָס איז פאַקטיש געווען די פּרעזידענץ פון דער יידישער זעלבסט-פאַרוואַלטונג אין ארץ-ישראל אונטערן מאַנדאַט. דעם הויכן אמט פון פּרעזידענט סיי פון ועד-לאומי, סיי שפּעטער פון דער מדינה, האָט ער געטראָגן מיט ווירדע אָבער אָן גאווה; אָן סנאָבישער פּאַריסנקייט, און אָן פּוסטער פאָרמאַליסטיש-פּראָטאָקאָלאַרער פּאָמפּע. ווי נאָר ער איז פריי געווען פון געצוואונגענעם פּראָטאָקאָל, האָט מען אים געקענט טרעפן צווישן פאָלק ווי א באַשיידענער צווישן די באַשיידנסטע.

בעת דער לויה פון דר. יוסף קלויזנער ז״ל האָב איך, אויפן הויף פון דער סוכנות אין ירושלים, געזען דעם פּרעזידענט פון דער מדינה צוזאַמען מיט רחל ינאית, אָנקומען שטילינקערהייט און מיט פרומער יראת-הכבוד, ניט רירנדיק מיט קיין אבר, האָט ער במשך פופצן מינוט געהאַלטן וואַך ביים ארון פון נפטר.

אָן פּאָמפּע, אָן סוויטע און אָן באַגלייטונג איז דער נשיא געווען איינער פון די ערשטע וואָס האָבן זיך מקדים געווען צו דער לויה. זייער ווייניק מענטשן האָבן זיך נאָך דאַן געפונען אויפן הויף פון דער סוכנות... ערשט מיט אריבער א האַלבע שעה שפּעטער, זענען אָנגעקומען אַנדערע מלוכה-מענער און דער לויה-צוג האָט געריכט.

דער אַלטער פּרעזידענט האָט דאַן, צוזאַמען מיט דער גאַנצער מאַסע מלוים, צופוס באַגלייט דעם נפטר בערך א צוויי קילאָמעטער גאַנג...

מ׳דאַרף זיין גאָר גרויס, כדי צו גרייכן צו אזא מאָס פון עניוות.

בכלל זענען מיר געוויינט צו שאַצן די גרויסקייט פון גיבורים לויט זייערע עפּנטלעכע מעשים און העלדנטאַטן. אין דער אמתן זענען פאַראַן גבורים פון שטילקייט, העלדן פון באַשיידנקייט, א גבורה וואָס איז גרויס דוקא צוליב איר פשטות און איינפאַכקייט.

אונדזער פאָלקס-מסורה האָט דוקא צו אזעלכע שטילע פאַרבאָרגענע ניבורים צוגעשריבן די שענסטע טוגנטן און די העכסטע זכויות; נאָר אַזאַנק די שטיל-באַהאַלטענע ל״ו צדיקים, קען די וועלט האָבן א קיום און דורך זיי קען מען גרייכן צו די העכסטע מדרגות.

גבורה פון עניוות

דער פארשטאַרבענער נשיא, בן-צבי, איז געווען איינער פון יענע באַ-שיידענע און שטילע גבורים; זיין געוואלטיקע גרויסקייט נעסטיקט אין זיין פשטות און עניוות.

*

זיין הארץ איז פול געווען מיט ליבשאפט צו מענטשן, אָבער זיין אהבת ישראל איז געווען אין לשער. ער האָט ליב געהאט יידן, ניט נאָר לעגיטימע אשכנזים אָדער ספרדים — ווי מיר קענען זיי און ווי ער האָט זיי געקענט, נייערט אויך יענע וואָס האָבן אמאָל, אין פארנעפלטע צייטן, געהאט א שייכות מיט יידן. דערפון זיין פאָטערלעכע באציאונג צו שומרו-נים, זיינע פיעטעטפולע, ברידערלעכע מאניפעסטאציעס און אויסדרוקן לגבי קאַראַאימער.

פון זיין אהבת ישראל דרינגט ארויס זיין אומפאסנדיקער אינטערעס צו די פארוואָרפנסטע שבטים, און זיי, די פאַרוואָרפענע, האָט ער געווידמעט דעם גרעסטן טייל פון זיין שעפערישן גייסט און וויסן. זיינע ספרים "שאר-ישוב" און "נדחי-ישראל", חוץ וואָרעמהארציקע דאָקומענטן וואָס זיי זיינען, בלייבן זיי קלאַסישע ווערק אויפן געביט פון יידישער קולטור-היס-טאָרישער און עטנעגראַפישער פאָרשונג.

אפילו הארט פאר זיין פטירה האָט ער דורך בן-גוריונ'ען אָנגעזאָגט אז מ'זאָל אכטן און אָפהיטן די יידישע שבטים און עדות אין ישראל.

פאר זיין גרויסער א ה ב ת - י ש ר א ל האָט אים גאנץ ב י ת - י ש ר א ל אָפּגעצאָלט מיט דער זעלביקער ליבשאפט. זעלטן ווען האָט אַ רעגירנדיקע פיגור זוכה געווען צו אזא איינשטימיקער ליבשאפט און אכ-טונג מצד א גאנצן פאָלק, און מצד אלע איינוואוינער פון לאנד, אפילו פון אירע פרעמדע פעלקערשאפטן, ווי ס'האָט זוכה געווען דער נשיא פון מדינת ישראל יצחק בן-צבי. ניטאָ אין ישראל קיין קלאַס, קיין פּאָליטישע ריכטונג אָדער פעלקערשאפט וואָס זאָל האָבן געטראָגן אָפּגעם, אָדער באהאלטענעם פארדרוס צו פרעזידענט בן-צבי.

*

ער האָט במשך זיין לעבן פארקערפּערט מיט זיך די יחוסדיקע שיינ-קייט פון דורות'דיקע, יידיש-משיחישע תשוקות. א דאנק די דאָזיקע אידעאַ-

לע אספיראציעס, האָט ער, אין דער קליינלעכער ענגער רעאליטעט, גע-
האט דעם מוט זיך ארומצוטראָגן מיט גרויסע גאולה-האָפנונגען און צו
קעמפן פאר זייער פארווירקלעכונג.

די געשיכטע האָט אים באלוינט — זיינע האָפנונגען זענען מקוים גע-
וואָרן, און ער אליין האָט זוכה געווען צו זיין די העכסטע פיגור אין דער
אויסגעחלומטער נייער, גרויס-געוואָרענער ווירקלעכקייט.

דאָס איז געווען זיין לוין און דאָס איז נאָך זיין הסתלקות, אונדזער
טרייסט...

אין געשיכטלעכן סטיל

שניאור זלמן שזר

אין געשיכטלעכן סטיל

דער מאָדערנער שיבת-ציון געדאַנק וואָס וואָרצלט אין די נביאישע, אחרית-הימים'דיקע וויזיעס פון אַן אוניווערסאַל-משיחישן יום שכולו טוב, האָט אין פּראַקטישן קאַמף פאַר זײַן פאַרווירקלעכונג, געפונען אַ נאַטירלעכן שותף — דעם סאָציאַליזם, און זײַן אַלוועלטלעכן קאַמף פאַר אַ נײַעם, גע-רעכטן וועלט-סדר.

אין דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג בלײַבט דער אומבאַשטרײַטבאַרער פאַקט, אַז דער סאָציאַליסטישער אידעאַל און זײַן אַוואַנגאַרד — די אַרבעטערשאַפט, איז געווען דער עיקר'דיקער און וויר-דיקסטער אינסטרומענט אינעם אויפבוי; דער מעכטיקסטער כוח אין פאַר-ווירקלעכונגס-פּראָצעס פון דער ייִדישער באַפרײַאונגס-אידייע.

צו דעם, האָט דער רעאַליזאַציע-פּראָצעס פון בהדרגה'דיקן אויפבוי און אויפקום פון דער מדינה, געהאַט היסטאָריש מזל דערמיט, וואָס זײַנע פּאָליטיש-פּראַקטישע מנהיגים זענען באַשטאַנען פון מענטשן פון הויכן אינ-טעלעקטועלן און עטישן קאַליבער. ניטאָ קיין ספק פעלקער וועמעס פרײַ-הייטס-באַוועגונגען ס'קענען אויסשטעלן אַזאַ גאַלעריע און זיך באַרימען מיט אַזעלכע לויטערע געשטאַלטן — און פון אַזעלכע הויך-גײַסטיקע דימענטן

— ווי ס'האָט די ציוניסטיש-סאָציאַליסטישע פריהייטס-באַוועגונג.

בער באָראָכאָוו און נחמן סירקין; בערל קאַצנעלסאָן און אהרון דוד גאָרדאָן; חיים גרינבערג, יצחק בן-צבי און צענדליקער אַנדערע, זענען אַ פּלעיאַדע פון לערער און מנהיגים וואָס האָבן אַריינגעשריבן לויכטנדיקע קאַפּיטלעך אינעם היינט-צייטיקן ספר פון דער יידיש-גייסטיקער אייביקייט. דאָס זענען מענטשן וועמעס גייסט ס'איז באַהערשט געווען — און זיי האָבן געהאַט כוח צו באַהערשן אַנדערע — מיט די דערהויבנסטע וויזיעס פון אוניווערסאַלן גליק. זיי האָבן געהאַט די קראַפט צו דערציען מאַסן צו אַרבעט און קולטור, ניט ווי זיי ווערן פאַרשטאַנען און דורכגעפירט אין מאַנכע היינטיקע לענדער פון כלומרשטן סאָציאַליזם, נייערט צו אַ סדר פון:

"אַרבעט אָן קייטן-קלאַנג
קולטור — אָן נשמה-צוואַנג"

נאָר מיט אַזאַ דרך, באַגייסטערט מיטן אידעאַל פאַר מענטשלעכער דערהייבונג און פאַר אַ יושר'דיקער וועלט־אָרדענונג, האָבן געקענט געבאַנט ווערן די רעלסן צו אונדזער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, און נאָר אַזוי-אַרום קענען מיר ווערן אַן אור-לגויים, ווי ס'איז אונדז נביאיש מבטיח געוואָרן.

אונדזער נאַציאָנאַלער פּאַספּאָרט צווישן פעלקער פון דער וועלט, איז ניט געווען, און ס'קען ניט זיין די אַמביציע פון דעראָבערונגען, נייערט די שטרעבונג צום גרויסן ליכט וואָס ס'שיינט צו אונדז אַרויס פון די נביאיש משיחישע צוקונפט-וויזיעס.

און זעט: אונדזער מדינה-עמבלעם שטעלט ניט פאָר קיין געקרייציקטע שווערדן, נאָר אַ מנורה מיט ליכט. וועמעס פאָרם ס'דערמאָנט אונדז אין אַ בוים, וואָס אונטער זיין שאָטן געפינט אַ מידער וואַנדערער מנוחה און פאַרגעניגן.

וויסן מיר אַז ישראל איז היינט צו טאָג אַ לאַנד פון ברויזנדיקע, דינאַמישע אַנטוויקלונגען. אַ דאַנק דער כסדר'דיקער עליה, ענדערט זיך אָפּט די מענטשן אין קולטור-פּאַנאָראַמע פון דער מדינה. דער גיכער טעכנישער וואוקס און די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און פּאָליטישע שפּאַנונגען, ווייזן צוריק, און זענען מבטל דורות'דיקע, רוטינירטע איינשטעלונגען און נאַרמען: דער ראַשיקער געיעג צו אַלערליי פאַרמעסטונגען, טרייבט דעם צייטגייסט מיט דער שנעלקייט פון לופט-ראַקעטן און פאַרוואַנדלט דעם אָקאָרשטיקן, באַענטן נעכטן אין אַ ווייט-פאַרגעסענער, אַנדערשדיקער צייט.

אין געשיכטלעכן סטיל

דער היינטיקער דורכשניטלעכער ישראל-בירגער — אויך דער ייד פון די תפוצות — האָט זיך צוגעוואוינט צום געדאַנק פון נאַטירלעכער, במילא׳דיקער עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינה. טייל געדענקען גאָר-ניט די, פון ניט-לאַנג, דורכגעלעבטע און יסורים׳דיק איבערגעלעבטע חבלי-לידה פון דער מדינה. צו קיינעם אפעלירט ניט מערער די ראָמאַנטיק פון גאולה-בענקשאַפטן, דורכגעוועבטע אינעם נאַרוואָס נאָך אָנגעהאַלטענעם ל׳עבנס-שטייגער, וואָס האָבן געקרעפטיקט און געגעבן כוח פאַר גרויסע גאולה-מעשים ביזן אויפקום פון דער מדינה.

און וויפל זענען היינט-צו-טאָג די יעניקע, וועמען ס׳זענען טייער די קולטור־אוצרות, אויסגעהאָדעוועטע און געצערטלטע דורך דורות משיח-בענקענדיקע יידן? ליידער וואָלט דער גרעסטער טייל, מיט א גרינג הארץ זיך באַפרייט פון דורותדיקן גייסטיקן עול. דער אידעאַל איז: "נהיה בכל הגויים".

און דווקא קעגן דער ככל הגוייםדיקער טענדענץ, האַלטן מיר נישט פאַר קיין פעלער צו זיין קאָנסערוואַטיוו און ניט צו וועלן דערלאָזן די פאַר-לייקענונג פון יידישע, נאַציאָנאַל-עטישע מסורות. ס׳איז נישט קיין חרפה, פאַרקערט, ס׳איז גאָר א טוגנט אויפצוהיטן הייליקע פאָלקס-זכרונות, און ס׳איז גאָרנישט אזוי אומפּראַקטיש, צו וועלן זען אין דער יידישער מדינה די פאַרקערפּערונג פון אלע געשאַפענע אוצרות, פון דעם גאַנצן אָנגעזאַמלטן פאַרמעג פון .ורות און פון לעבנס-נוסחאות פון אלע צייטן און פון אלע תפוצות.

איז א פרייד און א גליק דער פאַקט, וואָס אויפן נשיאים-שטול פון מדינת ישראל זיצט א דערהויבענע געשטאַלט פון גאַנצער, אינטעגראַלער יידישקייט. ס׳איז דער נצחון פון דער יידיש-היסטאָרישער און גייסטיקער באַשערטקייט, וואָס דעם העכסטן אמט פון דער מדינה, פאַרנעמט דער איש-האשכולות, דער געלערנטער, היסטאָריקער און דענקער, דער גייסטרייכער שרייבער און פּאָעט — שניאור זלמן שזר.

עס איז גוט אזוי, ווייל דאָס איז אין היסטאָריש-טראַדיציאָנעלן סטיל פון אונדזער מלוכה׳שן און פּאָליטישן אויפקום.

אין אונדזער געשיכטלעכן נאַציאָנאַלן בראשית, האָבן די צווישן זיך צעטיילטע שבטים. געקענט רעסטאַווירדט ווערן ווי א פאַראייניקט פאָלק, דורך דער מי פון שמואלן, וועלכער האָט געמוזט זיין נישט נאָר א שופט,

נאָר אויך א נביא. און האָט שאול געדארפט סטאביליזירן און גרינדן א יידיש קעניגרייך, ווערן איר ערשטער מלך, האָט ער געמוזט ווערן איינער פון די בני-הנביאים, און דער גרויסער דעראָבערער דוד המלך, איז ביי אונדז נישט פאראייביקט ווי א פעאיקער קריגס-מאַן. די רום און אייביקייט פון דוד המלך באשטייט מערער דעריין, וואָס ער איז דער נעים זמירות ישׂ־ראל, דער מחבר פון תהילים, דער גרויסער גייסט-מענטש. דער מנהיג, מעג ער זיין א גרויסער פּאָליטיקער, אָדער קריגס-העלד, מוז ער אָבער אויך באזיצן הויך-גייסטיקע קוואליטעטן.

אָט די דאָזיקע איינשטעלונג האָט זיך ארויסגעוויזן פאר אונדזער היס־טאָריש גליק, וואָס האָט גאראנטירט אונדזער קאָנטינואיטעט, דעם נצח-ישראל, אונטער אלע באדינגונגען.

מיר האָבן, ווי אלע אנדערע פעלקער פון יענער צייט, פארמאָגט א לאַנד מיט ברייטע, ווייטע גרענעצן, איבער וועלכע ס'האָבן געהערשט גרוי־סע מלכים מיט רייכע קרוינען. אָבער אויף אונדזער לאנגן און שווערן גע־שיכטלעכן וועג, האָבן מיר ניט מיטגענומען קיין איינציקן גרענעץ-סלופּ און ניט געראטעוועט קיין איינציקן בריליאנט פון די קרוינען.

פון אלע קעניגלעכע פראכטיקייטן און פון זייערע קרוינען, האָבן מיר נאָר מיטגענומען די פראכט פון דוד המלכ'ס תהילים-געזאנגען און די קרוין פון שלמה המלכ'ס חכמה.

מיר האָבן אויך געהאט א סך פּאָליטישע נצחונות, אָבער פון אלע נצחונות האָבן מיר געירשנט, און ס'האָט אונדז באהיט און באשירעמט פון אונטערגאנג, איין איינציקער נצחון — דער נצחון פון נביאישן אמת. פון די שטרענגע נביאישע שטראָף-רייד האָבן מיר, חלילה, ניט געמעקט קיין איינ־ציק וואָרט, און פון זייערע טרייסט-רייד האָבן מיר געשעפּט כוחות און מוט צו א העכערן נצחון. צום נצחון פון אן אידעאלן אחרית־הימים, צו די טעג פון גרויסן יידישן אויפגאנג צום הר-ציון, און היגטער אונדז וועלן פעלקער ציען צום געטלעכן בארג, כדי דאָרט צו לערנען א רעכטפארטיקע תורה, פאר דער גאנצער מענטשהייט, א תורה פון וועלכער פעלקער וועלן לערנען אויסצוגלייכן אלע קרומקייטן פון דער ביז איצטיקער וועלט.

דאָס איז אונדזער נאציאָנאלער שטאָלץ און גלייכצייטיק אונדזער גרוי־סער היסטאָרישער נצחון.

איז, זאָגן מיר, א גליקלעכע באשערטקייט פון אונדזער מדינה, וואָס

איר שליסל איז איבערגעענטפערט אין די הענט פון זלמן שזר׳ מחמת ער איז די פארקערפערונג פון יידיש-גייסטיקער שיינקייט.

ס׳זענען פאראן פערזענלעכקייטן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דעם תמצית, די קווינטעסענץ פון פאָלקישקייט און פון פאָלקישער כוח-היצירה. אזא פערזענלעכקייט איז, אין דער פולער מאָס, פרעזידענט שזר. שזר איז אינטים פארוואָרצלט מיט אלע יידישע פאָלקס-נוסחאות און איז עקסטאטיש פארליבט אין אלע יידישע נאציאָנאלע תורות. ער איז ממש א סימבאָל פון דער געשיכטלעכער יידישער נטיה צו גייסטיקייט.

זלמן שזר׳ס פערסאָנאליטעט איז אויסגעוועבט מיט אלע פעדעם פון אידעאלער יידישער היסטאָרישקייט. חוץ זיין עקזאלטירטער ליבשאפט צו תורה און הכמה, א דאנק וועלכער ער איז איינער פון די אָנגעזעענע געלערנ־טע אין היינטיקן יידנטום, איז שזר דער טרוימער און גלייכצייטיק התלהבות׳-דיקער קעמפער פאר דער פארווירקלעכונג פון די יידיש-משיחישע שטרע-בונגען און פאר א בעסערן וועלט-סדר פאר דער גאנצער מענטשהייט. זיין גייסט פלאמט מיט פאטאָס פאר אידעאלע אספיראציעס — יידיש־נאציאָנאַ-לע און אלגעמיין-מענטשלעכע.

מחמת דעם איז זלמן שזר זוכה צו זיין די נשמה-יתירה פון דער ציו-ניסטיש-סאָציאליסטישער ארבעטער-באוועגונג, און דער יום-טוב׳דיקסטער מענטש אין די רייען פון אלע חלוצישע בויער פון יידישן היימלאנד.

*

מיר האלטן זיך נישט פאר בארופן איצט צו באהאנדלען שזר׳ס שע-פערישקייט אין מלכות פון יידישן שאפן אויף פארשידענע גייסטיקע געביטן. דאָס איז אגב גאָרניט פון די לייכטע אויפגאבן, מחמת מיט גאָר וויניקע אויסנאמען, זענען שזרס׳ס וויכטיקע ליטעראריש-וויסנשאפטלעכע ווערק און היסטאָרישע שטודיעס צעוואָרפן און צעשפרייט איבער צענדליקער אויסגאבן און זענען נאָכנישט צונויפגענומען אין בוך-פאָרם.

פרעזידענט שזר׳ס ליטערארישע ארבעטן זענען א גאנצער אוצר פון אויסגעצייכנטע שטודיעס, פאָרשונגען און עסייען איבער תנ״ך-געשיכטע, איבער משיחיזם און משיחישע געשטאלטן בכלל, און איבער דער שבתי-צבי באוועגונג בפרט. אויך א סך איבער קבלה און חסידיזם, שז״ר האָט זיך

אויך אָפּגעגעבן מיטן געביט פון יידיש-פאָרשונג. זיין אָריגינעלע גרינטלעכע פאָרשונג וועגן יידיש אין די רבנישע שאלות-ותשובות, פון 17-טן און 18-טן יאָרהונדערט, זענען ווייט און ברייט וואויל־באַקאַנט.

אַלץ וואָס קומט ארויס פון שזר׳ס פעדער, שטראַמט קוואַליק מיט אומ-געהויערער בקיאות און חריפות. דער געהויבענער סטיל פון שזר׳ס ליטע-ראַרישע ווערק, רעגט אָן מיט האָפּערדיקער, מיט יום-טוב׳דיקער גייסטי-קייט.

אָבער שזר בעל-פה שטייגט אריבער אַלע מאָסן פון גרויסער אָראַ-טאָרישקייט, דער פלאַמיקער אופן פון זיין רעדן, שאַפט דעם איינדרוק פון א מין וואולקאַנישן אויסברוך; לאַוועס פייער פארפלייצן אייך מיט באַגייס-טערונג. שזר׳ס רעדעס זענען ליכטער, וואָס שטראַלן מיט די איידלסטע אי-מאַזשן פון זיין גייסטיקער פּראַכט און בלענדן מיט זיינע, ממש קינסטלערי-שע געמעלן פון א יידישן צוקונפט-בילד.

פּרעזידענט שזר׳ס אַרט רעדן איז נישט קיין סתם־רעטאָרישע שייז-רעדנעריי. יעדער ארויסטריט, אָדער שמועס איז, אַן-און-פאַר-זיך, א גייסט-רייכע, אינהאַלטספולע, קינסטלעריש-געבויטע עסיי, דורכגעפלאָכטן מיט אַן א שיעור ברייטן וויסן און מיט שאַרפזיניקן, בליציקן געדאַנק.

אומעטום, איבערן לאַנגן און ברייטן שטח פון דער יידישער דיאַספּאָראַ, איז שזר׳ס דערשיינען א קוואַל פון התלהבות, וואָס באַפרוכפּערט מיט פרישקייט פון גרויסע האָפענונגען.

זלמן שזר איז פון די יחידי-סגולה פון אונדזערע טעג, וועמעס שטור-מישער טעמפּעראַמענט ס׳איז מסוגל אויפצוטרייסלען און צו באַגייסטערן מאַסן. זיין פּליסיק עשירות׳דיקער וואָרט-אוצר, דער סטיל פון ארויסברענ-גען זיינע טיפע געדאַנקען, זיין וואונדערלעכע דיקציע און זיינע כאַראַקטע-ריסטישע, אייגנאַרטיקע באַטאָנונגען פון די וויכטיקע שטעלן אין די רעדעס, און לסוף — זיין פלאַמיק־חסידישער ברען, צעפּלאַקערט אַלעמענס געמי-טער. מען ווערט ממש מיטגעריסן מיט זיין ווירקונגס-קראַפט. זלמן שזר איז א פייערדיקער טריבון, וואָס איז בכוח מיט זיין פלאַם צו פירן גרויסע אוידיטאָריעס איבער די אומענדלעכע לאַבירינטן פון יידישן גייסט, און מיט זיין אומגעוויינטלעכער ערודיציע צו אַנטפּלעקן פאַר זיינע צוהערער די סובטעלסטע פּערל-ניואַנסן פון שאַפנדיקן יידישן זשעני.

די דאָזיקע פּערל געפינט זלמן שזר איבער אַלע שליאַכן פון דער

וועלט-ברייטער יידישער צעשפרייטונג און אין אלע תקופות פון דער לאנ-גער יידישער געשיכטע. מיט זייער שיינקייט צעווארעמט ער די הערצער פון מאסן, וועקט ביי זיי ליבשאפט צו אלע גייסטיקע קנינים פון שאפנדיקן יידישן פאָלק און שטארקט דערמיט די אמונה אינעם גרויסן טאָג פון גאולה, וואָס וועט מוזן קומען...

*

זלמן שזר האָט איצט דעם זכות צו וואכן איבער דעם אנהויב פון א פארווירקלעכטער גאולה-אספיראציע. פון גאנצן הארצן ווינטשן מיר אים לאנגע, געזונטע יאָרן פון אקטיוויטעט. און באשערט זאָל אים זיין צו ברענ-גען די מדינה צו שלום מיט די שכנים, צו מנוחה און שלוה פון פאָלק אין ציון און צו בארוטקייט פון אלע יידן באשר הם שם.

און צום סוף:

דאָס התמנות פון זלמן שזרן צום הויכן אמט פון נשיא המדינה, פילן מיר, די חברים, וואָס האָבן דעם זכות אים צו קענען, ווי א פערזענלעכע פרייד. אין הארצן ווארעמט זיך א גליקלעכע צופרידנהייט און מיט איר הייסע ברכות ווי צו א נאָענטן ברודער, פון וועמען מיר ווינטשן זיך צו האָבן א סך, א סך נחת.

מיר האָפן, אז די השגחה באלוינט פאר מעשים-טובים, און דער גרוי-סער משיח-פארבענקטער ייד, שניאור זלמן שזר, וועט אלס נשיא דערלעבן דעם יום שכולו טוב, און ער וועט זוכה זיין צו דערפירן די אתחלתא צו א שלימותדיקער גאולה, פאר וועלכער ער האָט זיין לעבן מקדיש געווען.

שניאור זלמן שזר איז עס ווערט, עס קומט אים יהי רצון, אז בימיו זאָל אזוי געשען.

מיט העברען שוואונג

(אהרון בערגמאן)

מיט העכערן שוואונג

אז מ׳פלעגט אריינקומען אין דער רעדאקציע ״אידישע פרעסע״, האָט מען תיכף געהערט א האסטיקן רוק פון בענקל, פון וועלכן דער רעדאקטאָר, חבר אהרון בערגמאן, האָט זיך אָקאָרשט אויפגעהויבן און האָפערדיק אַנטקעגנגעטראָגן זיין סבר פנים יפות. אויף זיצונגען און פארזאמלונגען האָט אהרון בערגמאן תמיד אויפגענומען חברים און פריינט מיט א ברייט און הויך אויפגעהויבענער האנט, אין א מין פריינטלעכן פארמעסט ״אָפצושטעקן״ א ברייטהארציקן, פייערלעכן שלום עליכם.

אויף סתם כינוסים, דיסקוסיע-אָוונטן און קולטור-אונטערנעמונגען, איז בערגמאנס אָן ארויסטריט כמעט תמיד געווען אָנגעלאָדן מיט ברענשטאָף; בערגמאן איז געווען דער, וואָס האָט מיט זיין פלאמיקן טעמפעראמענט אָנגעצונדן די צוהערער, סיי חברים און סיי קעגנער. דערביי פלעגט יעדער ארויסטריט זיינער ארייננברענגען קלאָרקייט אין פלאָנטער פון די פארהאנדלונגען, און געבן זין און אינהאלט דעם צוזאמענקום.

אָבער אויף שטורמישע פארזאמלונגען פון „זייך״ ״פועלי-ציון״-פארטיי פלעגט ער אָפט זיצן שטיל אין א זייט און זיך גוט צוהערן צו די פארהאנדלונגען. אלע חברים האָבן בשעת מעשה געפילט אז דאָס זיצט

חבר בערגמאַן און וואַכט איבער זייער חברישער פּאַרנונפט און אחריות. בעת אַנטשיידנדיקע שעה׳ן אין פראַגן פון פּרינציפּ און טאַקטיק, פלעגן חברים אָפט כאַפּן א בליק אין זיין זייט, און מיט דרך ארץ און נייגער וואַרטן אויף זיין אויפקלערנדיקן וואָרט.

*

א זון פון שאַרפקעפּיקן ליטווישן יידנטום, א קינד פון שענסטן דור אין דער רוסיש-יידישער געשיכטע — א דור, וואָס האָט אויף זיינע פּלייצעס גענומען די שווערע משא פון יידישער און אַלוועלטלעכער באַפרייאונג — האָט אהרון בערגמאַן אין זיך פאַראייניקט די בעסטע אייגנשאַפטן פון זיין אָפּשטאַם און פון זיין דור.

געבוירן אין יאָר 1890 אין שאַוול (ליטע), האָט ער באַקומען א טראַדיציאָנעל יידישע און וועלטלעכע דערציאונג אין חדר און אין גימנאַזיע, ער האָט אויך באַזוכט א רוסישע הויכשול.

גאַנץ פרי אַריינגעצויגן אין דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַוועגונג, האָט ער מיטגעאַרבעט אין דער ליבאַווער רוסישער צייטונג און אויך געשריבן אין דער רוסישער פּרעסע פון טאַגאַנראָג און טולאַ. שפּעטער האָט זיך בערגמאַן פאַרבונדן מיט באָראָכאָווס פּאָלטאַווער קרייז, וועלכער האָט געלייגט די יסודות פון מאָדערנעם פועלי ציוניסטישן געדאַנק. אַזוי ווערט בערגמאַן איינער פון די וויכטיקסטע טוער און פאַרשפּרייטער פון באָראָכאָווס לערע אין אוקראַאינע און ליטע.

זיין פּרעסטיזש אין דער יידישער און אַלגעמיינער אַרבעטער-באַוועגונג וואַקסט שנעל. ער פאַרנעמט הויכע פּאָזיציעס און א לאָדזער רוסישער פאַרלאַג גיט דאַן אַרויס זיינע בראָשורן איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע און קאָאָפּעראַטיוויזם.

נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע קומט בערגמאַן קיין פּוילן, וואו ער נעמט איבער די רעדאַקציע פון פועלי-ציוניסטישן אָרגאַן אין גאַליציע "דער יידישער אַרבעטער". פאַרעפנטלעכט א גרויסע צאָל אַרטיקלען אונטער די פּסעוודאָנימען "בן נחום" און "א וואַנדערער" גלייכצייטיק וואַקסט אין פּוילן זיין פּאָפּולאַריטעט ווי איינער פון די בעסטע רעדנער פון דער ציוניסטיש-סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

אין שריפט און אין וואָרט איז זיך בערגמאַן קונה שם ווי א שאַרפער פּאָלעמיקער.

קומענדיק קיין ווארשע פאַרנעמט ער דעם אמט פון גענעראַל-סעק-רעטאַר ביים צענטראַל-קאָמיטעט פון פּועלי-ציון, צ. ס. אין פּוילן. ווערט גלייכצייטיק דער רעדאַקטאָר פון פּאַרטייאישן צענטראַל-אָרגאַן „באַפריי-אונג־אַרבעטער שטימע".

דעלעגירט פון דער וואַרשעווער יידישער אַרבעטערשאַפט צום קאָנ-גרעס פון דער אַלוועלטלעכער סאָציאַליסטישער יוגנט אין זאַלצבורג, ווערט דאָרט בערגמאַן אויסגעוויילט ווי א מיטגליד פון עקזעקוטיוו פון סאָ-ציאַליסטישן יוגנט-אינטערנאַציאָנאַל.

אויף דעם דאָזיקן קאָנגרעס, און צום ערשטן מאָל אויף אַן אינטער-נאַציאָנאַלן צוזאַמענקום איז, א דאַנק בערגמאַנען, סאַלוטירט געוואָרן די אָפּוועזנדיקע יידיש-נאַציאָנאַלע פאָן, דורך אויפהויבן לכבוד איר די פענער פון אַלע נאַציאָנאַלע דעלעגאַציעס.

במשך די לאַנגע יאָרן פון זיין איבערגעגעבענער פּאָליטיש-פּאַרטיי-אישער אַקטיוויטעט, איז בערגמאַן געשטאַנען אין אָפטער פאַרבינדונג מיט וואַנדערוועלדע, וויקטאָר אַדלער און אַנדערע גרויסע פּערזענלעכקייטן פון אַלוועלטלעכן סאָציאַליזם. געווען פּערזענלעך באַפריינדעט מיט די דאַמאָלס-טיקע פירער פון אַרבעטער ציוניזם, מיטן געוועזענעם פּרעמיער פון מדינת ישראל, חבר דוד בן־גוריון, און מיטן איצטיקן מדינה-פּרעזידענט, חבר זלמן שזר.

*

אין א פרעמדער וועלט, פול מיט עקזאָטישער אַנדערשקייט, איז עפעס א מאָזאַיק פון ראַסן און קאָלירן — א מין מענטשן-שעטנז; צווישן אָפּ-געריסענע, פאַרקוואַרטע הייל-איינוואוינער און אויסגעפּוצטע, אין פּאַלאַצן געקעכלטע דאָן-זשואַנען, אַן לשון, א פאַרלאָרענער, א דערשראָקענער, שלעפּט זיך אַרום דער נאָר-וואָס געקומענער יידישער יונגערמאַן מיט זיין „פּעקל" איבער די גאַסן און געסלעך פון דער „מאָדנער" שטאָט, כדי צו פאַרדינען זיין ברויט.

נאָך אַן אַנגסטיקן טאָג פון שווערער אַרבעט און פון זעלישע יסורים,

א פאַרבענקטער צו דער אַלטער היים, צו משפחה און קרובים, צו בית־המדרש און פּאַריק, פאַרקלייבט זיך דער אימיגראַנט אין עלנטן, נאַקעטן צימער אָדער אין טונקעלן קאַפע־הויז, ערגעץ אויף א פינצטערן ראַג פון די הינטערשטאָטישע געסלעך.

אימיגראַנטן מיט חוש פאַר געזעלשאַפטלעכקייט און מיט פאַרוואָרצלטע היימישע טראַדיציעס, פאַרזוכן צו שאַפן היימישע ווינקעלעך וואו אויסצולאַדן די היים־ווייען, וואו מען זאָל קענען פאַרציען בציבור א היימישן ניגון, קריגן א בוך, פייערן א יום־טוב און טאַקע א מאָל הערן א רעדנער, וועגן אַן ענין וואָס שטייט ברומו של עולם אין דער יידישער און אין דער אַרבעטער־וועלט. עס באַווייזט זיך אפילו א פעריאָדישע אויסגאַבע, אַ וואָכנבלאַט, מען פּראָבירט אייגענע כוחות; דער דראַנג צו געבן אויסדרוק די אייגענע בענקשאַפטן און אַספּיראַציעס, לאָזט ניט רוען.

שוואַך זענען אָבער די קרעפטן. אומבאַהאָלפנקייט אין אַלע הינזיכטן, זוכט מען זיך צו שפּייזן מיט די אַריבערגעבראַכטע רעזערוון פון די אַלטע היימען. אָבער אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ, אין געיעג זיך "אַרויפצואַרבעטן" ווערן ביסלעכווייז פאַרגעסן אַלע גירסא־דינקותא׳ס.

עפּעס אָבער באַוועגט זיך דאָך. עס פעלט נאָר שוואונג און מוט זיך צו לאָזן אויף א ברייטערן שליאַך פון געזעלשאַפטלעכקייט.

אין דעם עקזיסטירנדיקן ציוניסטישן קרייזל — א סקאַרבאָווער כ׳ תמוז, אָדער עפּעס אַן אַנדער יומא דפגרא, מען קלינגט מיט דער פּושקע, מען זינגט שטייענדיק "די תקוה" און יוצא געוועזן פאַרן באַלעבאַטישן ציוניסטישן געוויסן.

אין די מכלומרשע ראַדיקאַלע "ניט־ציוניסטישע" קרייזלעך ווערט געפּראַוועט בטלנות; מען חזרט איבער עפּעס א געלונגענעם אויסדרוק פון א פּאַרטיי־דעמאַגאָג ערגעץ אויף א וואַרשעווער מיטינג; מען זינגט די "שבועה" און פּטור. אָפּגעטאָן די ראַדיקאַלע פליכט פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־סאָלידאַריטעט און יוצא געוועזן פאַרן סאָציאַליזם אין אַלע זיינע שאַטירונגען.

אין דער דאָזיקער נעבעכדיקער געזעלשאַפטלעכקייט הויבט זיך אָן איינצובירגערן א נוסח פון תקיפות אין וועלכער דער הויפּט־פּאַטענטאַט און בעל־דעה איז דער אַרויפגעאַרבעטער בעל־מאה.

פעלט דעם נייעם ישוב א דרייסטער פירנדיקער כוח; איז נויטיק א

קעמפנדיקער צייטונגס-אָרגאַן, וואָס זאָל אַקטיוויזירן אַלע לאָקאַלע באַוואוסטזיניקע כוחות, כדי אויפצובויען אַן אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט אויף דעמאָקראַטישע יסודות. עס מוז אויפקומען א פּרעסע-אָרגאַן, וואָס זאָל אַרויספירן דעם ישוב אויף א ברייטן סאָציאַלן און קולטורעלן דרך-המלך.

מיטן אָנקומען פון אהרן בערגמאַן, האָט אויפגעכוואַליעט דאָס שטייענדיקע וואַסער פון דער יידיש-בראַזיליאַנער געזעלשאַפטלעכקייט.

*

בשעת בערגמאַן איז אין 1927 געקומען קיין בראַזיל, איז ער גלייך צוגעטראָטן בויען די ערנסטע יידישע פּרעסע, און דערמיט איז ער געוואָרן דער פּאַקטישער פּיאָנער פון סאָלידן פּרעסע-וועזן אין בראַזיל.

א מענטש פון אונדזער בהלה'דיקער תקופה, א געבראָטענער אין פייער פון באַפרייערישע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע רעוואָלוציעס, אַן אויסגעפּרובירטער אין קאַמף פאַר א פריי און מאָדערן קולטור-לעבן פון די יידישע מאַסן אין די תפוצות און א באַגייסטערטער אידעאָלאָג פון א יידיש ארץ ישראל, געבויט אויף חלוציש-סאָציאַליסטישע יסודות, האָט בערגמאַן, ווי איינער מיט ברייטע אייראָפּעאישע געזעלשאַפטלעכע דימענסיעס, זיך געוואָרפן מיט גרויסצוגיקן פאַרנעם אין דער שווערער אַרבעט פון ענדערן דעם געבוי און די מענטאַליטעט פון אימיגראַנטן-ישוב.

בערגמאַן גרינדעט און גיט אַרויס די "אידישע פּרעסע".

מיטן דערשיינען פון דער "אידישע פּרעסע", האָט דער ביז איצטדערשלאָגענער און געזעלשאַפטלעך-אַפּאַטישער אימיגראַנט, זיך אָפּגעפונען אין זיין מענטשלעכער חשיבות און באַקומען זיין קולטורעלן און נאַציאָנאַל-יידישן תיקון.

דער קאַמף, געפירט דורך בערגמאַנען אין דער "אידישע פּרעסע" קעגן די קרומקייטן אין דעם ישוב, קעגן דער תקיפות און פאַר דער דעמאָקראַטיזאַציע פון דער יידישער געזעלשאַפט, איז געווען נאָענט צום האַרצן דעם היימישן יונגנמאַן, וואָס איז אהער פאַרוואָגלט געוואָרן.

אין דעם קלאָר-אָריענטירנדיקן וואָרט פון דער "אידישע פּרעסע". איז געקומען צום אויסדרוק די יידישע און אַלגעמיינע אידייען-ראַנגלענישן, וואָס דער אימיגראַנט האָט אָקאָרשט מיטגעמאַכט אין זיין אַלטער היים.

דורך דער "אידישע פרעסע", האָט ער זיך אויפסניי אריינגעלעבט אין דער היימישער קאמף און קולטור-ספערע און אזוי ארום, איז ער צוריק אנגאַזשירט געוואָרן אין אלע גורלדיקע דאגות פון וועלט-יידנטום.

בערגמאנס טעמפעראמענטפולע, גלענצנדע רעטאָרישע אויפטריטן, דער פראָגרעסיווער כאראקטער און דער הויכער זשורנאליסטישער ניוואָ פון "זיין" צייטונג — די "אידישע פרעסע", האָבן אים פאָפולער און באַליבט געמאכט צווישן דעם פאָרגעשריטענעם טייל פון דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט. עס האָט לאנג ניט געדויערט און בערגמאן האָט פארנומען דעם אויבנאָן אין געזעלשאפטלעכן, קולטורעלן און ציוניסטישן לעבן. ניטאָ כמעט קיין שול, קיין קולטור אנשטאלט וואָס איז ניט אידעאליזירט און אָריענטירט געוואָרן דורך בערגמאנ'ען. אויך דער פראָגרעסיווער כאַראקטער פון אלגעמיינעם ציוניזם אין בראזיל איז צו פארדאנקען בערגמאנס השפעה.

דעם קאָנסערוואטיוון טייל פון ישוב, די תקיפים, האָט נאטירלעך נישט געשמעקט די דאָזיקע דערשיינונג. זייער פארביטערטער קאמף בלייבט אָבער פרוכטלאָז.

וואָרום בערגמאנס רעדאקציע-צימער ווערט דער צענטער פון אלע געזעלשאפטלעכע באוועגונגען. דאָ, ביים רעדאקציע־טיש אנטשטייען און אנטוויקלען זיך ציוניסטיש-חלוצישע יוגנט-אָרגאניזאציעס און גרופעס. דאָ, ווערן געגרינדעט נאציאָנאל-וועלטלעכע פאָלקס-שולן און ביבליאָטעקן.

ביי די זאץ-קאסטנס פון דער דרוקעריי, ווערן באשלאָסן קולטור-אונטערנעמונגען, ווערן אויפגעשטעלט פאָלקס-אוניווערסיטעטן און עס ווערן אָרגאניזירט קאלענדארן פאר עפנטלעכע רעפעראטן.

דער הויכער זשורנאליסטישער ניוואָ און די אידייאישע אויסגעהאלטנקייט פון דער "אידישע פרעסע" ציט צו די אויפמערקזאמקייט פון די צענטראלע יידישע וועלט-אָרגאניזאציעס, פאר וועמען די רעדאקציע "אידישע פרעסע" און איר רעדאקטאָר אהרן בערגמאן ווערט דער איינציקער ווירדיקער און פארטרוילעכער אדרעס פון בראזיליאנער יידנטום.

אזוי ארום זיינען די אָפטיילונגען פון "ייוואָ", וועלט-קאָנגרעס, געזוערקשאפטן-קאמפיין און אלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס אויפגעקומען דורך בערגמאנען ביים רעדאקציע-טיש פון דער "אידישע פרעסע". אין דער רעדאקציע "אידישע פרעסע" איז באשלאָסן און אויסגע-

קעמפט געוואָרן די ערשטע עפנטלעכע וואלן אין בראזיל צום ציוניסטישן קאָנגרעס.

פון דעם רעדאקציע-צימער איז געקומען דער אנשלוס פון בראזיליאנער יידנטום צום ערשטן צוזאמענקום פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין אייראָפּע. פאר דער דאָזיקער געשעעניש האָבן, אגב, אהרן בערגמאן און דער רעדאקציע-סעקרעטאר, דר. בן-ציון זילבער, באצאָלט מיט היפשע עטלעכע וואָכן תפיסה.

אונטער בערגמאנס רעדאקציע, האָט די "אידישע פרעסע" זיך נישט באגנוגנט מיטן בלויזן אָפּשפּיגלען אָדער נאָכגיין די "נאטירלעכע אנטוויקלונג" פון ישוב. די "אידישע פרעסע" איז כמעט אין אלץ געווען דער אוואנגארד, אומעטום געהאט די איניציאטיוו. אזוי ארום האָט זי אונטער בערגמאנס פירונג געקערעוועט די אנטוויקלונג און געפארמט דאָס געזעלשאפטלעכע פרצוף-פנים פונעם ישוב.

ניט בלויז קיין אָפּקלאנג פון עפּעס א געשאפענע עפנטלעכע מיינונג איז געווען די אידישע פרעסע". די "פרעסע" אונטער בערגמאנס פירונג איז אין מערסטן פאל געווען די, וואָס האָט דעם דעת הקהל באשאפן.

געפירט דורך דער "אידישע פרעסע", האָט דער ישוב געלערנט איבערצוגיין פון אינדיווידועלער אימפּראָוויזאציע צו געזעלשאפטלעכער אָרגאניזאציע. דער אימיגראנטן-ישוב האָט אָנגעהויבן צו פארשטיין, אז עס איז ווייניק אָנצוהאלטן בלויז נאסטאלגישע קולטור-געדעכענישן; ס'איז רייף געוואָרן דער געדאנק אז דער ישוב מוז זיך ווייטער אליין קולטורעל אנטוויקלען; אז דער נייער ישוב קען ניט בלייבן בלויז א קאָנסומענט פון שוין געשאפענע אוצרות, נאָר דארף ווערן א מיטבאטייליקטער אין דער שאפונג פון נייע ווערטן...

מאטעריעלע ראנגלענישן איז געווען דאָס טאָג-טעגלעכע ברויט פון בערגמאנען מיט דער "אידישע פרעסע". נאָענטע מענטשן ווייסן מיט וויפל אנגסט עס איז דערשינען יעדער נומער. דערפאר אָבער איז די "פרעסע" געווען ארומגערינגלט מיט די בעסטע כוחות פון ישוב, וועלכע האָבן אין שעה'ן פון נויט געבילדעט א שוץ-וואנט ארום דעם שווער און מיט גרויס מי אויפגעשטעלטן בנין.

די דאָזיקע געטריישאפט צו דער "אידישע פרעסע" האָט זיך ארויס-

מיט העכערן שוואונג

געוויזן נאָך אהרן בערגמאנס טויט, ווען די רעפּרעזענטאַטיווע כוחות פון ישוב, האָבן גענומען אויף זיך די גאַראַנטיע פאַר דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון דער צייטונג.

*

שווערע טעג האָט חבר בערגמאַן געלעבט אין בראַזיל. דערצויגן אין גייסט פון רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס, איז ער אָפּטמאָל שלעכט פאַרשטאַנען געוואָרן אפילו פון נאָענטע, וועלכע האָבן ניט אַלע מאָל זיך באַמיט אים צו פאַרשטיין; אַרויסגעריסן פון זיין סביבה איז אים דאָ אויסגעקומען צו פירן אַ ביטערן קאַמף פאַר די עלעמענטאַרסטע באַגריפן פון געזעלשאַפטלעכקייט. דאָס האָט אים אָפט דערפירט צו פאַרביטערונג. אָבער ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער גאַנצקייט פון "זיין" באַוועגונג — די פּועלי-ציון-באַוועגונג — פלעגט ער זיך נוהג זיין מיט אַ סטאָאישער רואיקייט און אפילו מותר געווען אויף זיין פּערזענלעכן שטאָלץ.

אַקטיוו, דינאַמיש און מסירות-נפשדיק, איז ער ביז זיינע לעצטע שעה'ן געשטאַנען און געוואַכט איבערן גורל און כבוד פון יידישן וואָרט, פון יידישע קולטור-ווערטן און פון ציוניסטישער טעטיקייט אין בראַזיל.

אַ יידנשאַפטלעכער עסקן, אַ געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישער טוער, מיט העכערן שוואונג און פון ברייטערן פאַרנעם האָט ער געליטן צוזעענדיק ווי די פּראָפּאָרצן פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט זענען דאָ אַזוי נעבעכדיק רעדוצירט לגבי דעם דינאַמיזם און ערנסטקייט פון דער אַלטער-היים. אָבער טאַקע דערפאַר האָט ער געשפּילט אַזאַ באַנייענדיקע ראָל אינעם היגן יידישן לעבן.

מעסטנדיק מיט גרויסע מאָסן, איז ער געשטאַנען אויבן און געשלעפּט אַרויף דאָס נעבעכדיקע, דאָס קליינע אין אונדזער לאָקאַלן לעבן. כדי אַלץ איבערצושמידן לויט זיינע באַגריפן און לויטן פאַרנעם צו וועלכע ער איז געוואוינט געווען — צו מאָדעלן און פאָרמען פון אַ טעמפּעראַמענטפולן רעוואָלוציאָנער.

(1954)

די לעגענדע פון אונדזער דור

(דוד בן-גוריון)

די לעגענדע פון אונדזער דור

אין אונדזער גרויסער גלות־געשיכטע איז כמעט ניט פאראן קיין איין יאָרהונדערט אין וועלכן ס'זאָל ניט זיין קיין באוועגונג פאר שיבת ציון. אין יעדער דור האָבן זיך געפונען טרוימער און וויזיאָנערן פון יידישער גאולה, פון קלענערן אָדער גרעסערן פארנעם.

אָבער דער טיפער גלויבן אינעם נסים-ארטיקן קומען פון דער גאולה, האָט טאָרמאָזירט די אומבאדינגטע באדערפעניש פון פראקטיש-בויענדיקער און רעאליזירנדיקער טאט.

עס האָט געהערשט די איינשטעלונג פון "אם ה' לא יבנה בית לשוא עמלו בוניו" דאָס הייסט אז בויען דעם בית שלישי קען נאָר גאָט ב"ה אליין; יעדע פראקטישע ארבעט כדי "דוחה צו זיין דעם קץ", צו דערנענטערן די גאולה איז דעריבער א גרויסער חטא...

זענען טאקע א סך משיחישע טרוימער, ספעציעל פון דער פריער-חסידישער תקופה, אויסגעגאנגען אין הייליקער בענקשאפט צו גאולה, זייערע מאסן נאָכפאָלגער האָבן די משיחישע תשוקות געלאָזט צעגיין אין טרערן אויף גלות השכינה.

צו איר גרויס מזל, האָט די מאָדערנע ציוניסטישע באוועגונג זיך אויס-

געטיילט פון אנדערע שיבת-ציון באוועגונגען דערמיט, וואָס סיי א טייל פון אירע מנהיגים און לערער, סיי די פאָלקס-מאסן האָבן געשעפּט זייער באַגייסטערונג ניט נאָר פונעם חלום פון קומענדיקער גאולה, ניט בלויז פון דער צוקונפטס-וויזיע, נייערט אויך — און קודם-כל — פון דער קעגנוואַרטיקער באשאפנדיקער טאָט, פון פראקטישע מעשים בכל יום; מעשים — וואָס דערנענטערן די פארווירקלעכונג פון גרויסן חזיון.

דאָס אקערן, זייען און גראָבן; דאָס באהיטן און באשיצן. דאָס אויסלייזן באָדן שפּאן נאָך שפּאן מיט שווערער פּראצע. דאָס אויפשטעלן איבערנאַכט ישובים און אַרבעטס-געמיינשאפטן — יעדער נייער פּראקטישער אויפטו איז געווען א קוואל פון פרישער עקזאלטאציע, וואָס האָט צוגעצויגן די בעסטע קינדער פון אונדזער פאָלק זיך משתף צו זיין צו דער רעאליזירנדיקער אקטיוויטעט, צו דער פארווירקלעכונג פון דער גאולה-וויזיע.

וואָלט אין מאָדערנעם ציוניזם ניט מנצח געווען דער עלעמענטארער עטיש-פראקטישער אימפּעראטיוו: „לא המדרש אלא המעשה", ניט דאָס דרשנ׳ען נאָר דאָס טאָן, וואָלט, מסתמא, אונדזער טויזנט יאָריקע גאולה-אספּיראציע אויך איצט געבליבן ניט מער ווי א דערהויבענע אבסטראקציע.

אפילו די מאָדערנע שיבת-ציון באוועגונג איז אויך אויסגעשטעלט געווען צו דער סכנה פון פּראקטישער אומטעטיקייט.

די הערצליאַנישע בילויים דערשיינונג האָט ניט געהאַט קיין נאָכקום. ביסלעכווייז איז די דאָזיקע אידעאליסטישע באוועגונג פארוואנדלט געוואָרן אין אן אידייענקלאָוזער באלעגופישקייט פון זאטע עגאָאיסטן.

די ציוניסטישע באוועגונג נאָך הערצלען, באזיצט ניט די קראפט צו פאָדערן ערנסטע מעשים, וואָס זאָלן פארוואנדלען דעם ציוניזם אין א רעאַליזירנדיקן כח. דער אָפיציעלער ציוניזם איז ניט בכח געווען מחייב צו זיין זיינע אָנהענגער צו ציוניסטישע מצוות־מעשיות, צו פּראקטישע געבאָטן.

די באוועגונג ווערט באהערשט פון לייכטן באלעבאטישן ציוניזם. זאמלען גראָשנס פארן קרן-קימת, קויפן א שקל, קומען אויף א יאָרצייט, אויסהערן א רעדע, אָפּזינגען התקוה און יוצא געווען מיט אלע ציוניסטישע מצוות.

גאָר קליינלעך האָבן אויסגעזען די פּאָליטישע השגות:

א העפּלעכע צו גאָרניט פארפּליכטנדיקע דערקלערונג לטובת אונד-

זערע אספיראציעס, געגעבן בחדרי חדרים פון עפּעס א הויכגעשטעלטן גוי, איז געווען א גרויסע פּאָליטיש-דיפּלאָמאַטישע דערגרייכונג.

דאָ איז געקומען דער נס פון דער צווייטער עליה פון וועלכער עס שיינט ארויס אלס גרעסטע פיגור דער פּרעמיער פון מדינת ישראל, דוד בן-גוריון.

*

ס'איז געווען באלד אין די ערשטע יאָרן פון איצטיקן יאָרהונדערט. דער כוליגאַנישער אנטיסעמיטיזם מיט זיין ״קרוינוועדק״ — קישיניעוו, האָט געיובלט מיט פייער און בלוט פון פּאָגראָמירטע יידישע שטעט אין צארישן תחום-המושב. איבער דער לענג און ברייט פון דער דאמאָלסדיקער רוסי-שער אימפּעריע, האָט געבושעוועט די פינצטערסטע רעאקציע וואָס האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ נאָכן דורכפאל פון דער רעוואָלוציע פון 1905.

די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ פון רוסישן און וועלט-יידנטום איז דעמאָלסט אריינגעפאלן אין יאוש, נאָר א גרויסער טייל פון דער אנטוישטער ראדיקאלער אינטעליגענץ, האָט זיך געלאָזט אויף די פארנעפּלטע וועגן פון אבסטראקטער גאָט-זוכעניש, געוואָרן מיסטיקער און אידייענוואנדלער.

בלויז א קליינע גרופּע פאריאושטע מענטשן האָבן געזוכט צו באַק-ליידן מיט פלייש און אָדערן זייערע נאציאָנאלע און סאָציאליסטישע חלו-מות. דוקא די אנטוישונגען האָבן זיי געפירט אויף די דרכים פון קאָנקרעטע נאציאָנאל-דערלייזערישע און סאָציאל באפרייערישע מעשים.

דאָס זענען געווען די מענטשן פון דער 2-טער עליה.

בן-גוריון אליין שילדערט די שטימונגען פון יענע מענטשן. ער שרייבט:

״די מענטשן פון דער צווייטער עליה זענען געווען דורכ-געדרונגען פון יאוש. זיי זענען געווען אנטוישט אין ציוניזם וואָס פּרעדיקט און איז ניט בכוח מקיים צו זיין דאָס געפּרעדיק-טע. זיי זענען געווען אנטוישט אין מויל-סאָציאליזם וואָס איז צו גאָרנישט מחייב.״

די דאָזיקע שטימונגען, ווי אן אויסדרוק פון א טיף-עטישן וועלט-

באנעם, האָבן באשאפן דעם נס פון דער צווייטער עליה. זיי זענען עס גע־וואָרן די טרייב־קראַפט צו א באנייענדיקער לעבנס־מאָראל וואָס הייסט רעא־ליזירן אידעאַלן אָנהייבנדיק מיט זיך אליין.

זינט זיינע ערשטע טעג פון דער 2־טער עליה ביז צו די היינטיקע טעג פון מדינה־פירערשאפט, איז דאָס "אָנהייבן מיט זיך אליין" געבליבן דער כלל־גדול פון בן־גוריונס לעבנס־תורה. די דאָזיקע תורה האָט באלויכ־טן זיין וועג צו גרויסע חלוצישע און דערלייזערישע מעשים.

אויפן דאָזיקן ליכטיקן וועג שפאנט דוד בן־גוריון, דורך אלערליי מכשולים, צו אלץ העכערע מדרגות.

פונעם יינגלשן פאראיין "עזרא" אינעם קליינעם פוילישן שטעטל פלאָנסק, ביז צו שווערער פעלד־ארבעט בייטאָג און שמירה ביינאכט אין וויס־טן היימלאנד; פון איינגעבעטענעם ארבעטס־פלאַץ פאר א מיזערנעם הונגער־לוין ביי א רייכן יידישן קולאַק, ביז דעם אויפקום פון א חלוצישער קיבוץ־באוועגונג; פון דער גרינדונג פון דער בויענדיקער ארבעטער־אָרגאניזאציע "הסתדרות" אין ארץ ישראל ביז דער פראָקלאמירונג פון דער זעלבסטשטענ־דיקער מדינת ישראל...

און אז דאָס געבאָט פון דער שעה איז צו באזעצן דעם וויסטן נגב, ציט זיך בן־גוריונס וועג פון פרעמיער־ביוראָ אין תל־אביב צי ירושלים, ביז צום פאסטוך־ביידל און דעם פאשע־פעלד פונעם קיבוץ שדה בוקר אין עקסטרע־מען נגב...

*

פון די ערשטע טעג פון זיין אָנקומען אין לאנד, ווערט בן־גוריונס באגייסטערונג און גליקזעליקייט פארשטערט צוליב דער באציאונג פון די יידישע "פויערים־דזשענטלמענער", די "רייכע עפענדיס" וואָס לאָזן ניט ארויף קיין יידישן ארבעטער אויף זייער שוועל.

די האנדלונג פון די קאָלאָניסטן וואָס האָט ווייטיקלעך טיף פארוואונ־דעט דעם אידעאַל פון שיבת־ציון און פון קבוץ־גלויות, האָט ארייגעוועבט אין בן־גוריונס געמיט צאָרנדיקע שטימונגען.

ער הייבט אָן זיין פארביטערטן קאמף קעגן די כלומרשטע "ציוניסטן־קאָלאָניסטן", וואָס האָבן געוואָלט פארוואנדלען ארץ ישראל אין א גן־עדן

פאר א גרופע יידישע פריצים וואָס ווילן באשעפטיקן און עקספּלואטירן בלויז אראבישע ארבעטער.

ס׳ווערט אויפגעצוואונגען דער שווערער געראנגל פאר כבוש העבודה. ארץ ישראל מוז ווערן דאָס לאנד פון יידישן ארבעטער!

דער אייפערדיקער קאמף פאר יידישער ארבעט אין די דעמאָלסדיקע לאנדווירטשאפטלעכע קאָלאָניעס, באשווערט נאָך מערער די עקזיסטענץ-באדינגונגען. אָבער בן-גוריון און זיינע חברים שרעקן זיך ניט, זיי פאלן ניט אריין אין קיין יאוש. אדרבה, דער דאָזיקער ביטערער מצב ווערט גאָר די טרייב-קראפט צו פארנעמען זיך אויף נייע שליאכן, ווערט גאָר דער סטימול אָנצוהייבן נייע פאָרמען פון ארבעט און שאפן.

מיטן קאמף ווערט רייף דער געדאנק אז א נייע ארבעטס-סטרוקטור מוז אין לאנד געשאפן ווערן; א נייע פאָרם פון א נאציאָנאַלער עקאָנאָמישער ווירטשאפט, וואָס זאָל קענען אויפנעמען און אבסאָרבירן די עליה פון חלוצים, בויער פונעם אלט-נייעם היימלאנד אויף פרייע יסודות.

„די חברים אין לאנד — שרייבט בן-גוריון — האָבן דאן געזען אז לויט די ביכער און עקזיסטירנדיקע שלחן-ערוך׳ס ווערלן סיי די ציוניסטן סיי די סאָציאליסטן ניט האָבן קיין עקזיסטענץ בארעכטיקונג. האָבן זיי באשלאָסן צו שרייבן אן אייגענעם שלחן ערוך, וואָס לויט אים זאָל מען קענען לעבן און שאפן, קעמפן און רעאליזירן.״

„די דאָזיקע תורה האָבן זיי ניט געשריבן און קיין ביכער און בראָשורן, נייערט אין זייער לעבנסווערק אין דער קווזשינע פון ארבעט.״

דאן קומען אויף אינעם לאנד די ערשטע ארבעטער-קאָלעקטיוון און קבוצים. דערמיט ווערט אָנגעהויבן א נייע העראָאישע געשיכטע פון דער לאנדווירטשאפטלעכער קאָלאָניזאציע אין ארץ ישראל.

זינט יענע טעג ווערט, מיטן אקער פון חלוץ, פארקריצט אין שטייניק-כּארוויסטן באָדן פון לאנד דער נייער ציוניסטיש-סאָציאליסטישער שלחן ערוך; מיטן שווייס פון קיבוצניק ווערט געצייכנט דער וועג צו גאולה, צו נאציאָנאלער און סאָציאלער פרייהייט.

א דאנק די קבוצים, זענען אויפגעלעבט געוואָרן גרויסע שטחים פון וויסטן לאנד. די קיבוצישע קאָלעקטיווע פאָרם, האָט אבסאָרבירט אן עליה פון חלוצישע מאסן, וואָס האָבן דורך שווערער, אָבער פרייער ארבעט בא-כּרוכפּערט און באפעלקערט דאָס לאנד. אומאָפּהענגיק פונעם בייזן ווילן פון זײַן ספּלואטירנדיקע יידישע עפענדים.

דער שלחן-ערוך וואָס בן-גוריון און זיינע חברים האָבן געשריבן און, דורך טאָג-טעגלעכע מסירת־נפשדיקע מעשים „מיט זיך אליין" מקיים גע-ווען; די תורה פארקריצט אין בן-גוריונס לעבנס-ווערק און אויסגעשמידט אין זיין "קוזשניע פון ארבעט„; דאָס געבאָט צו באזעצן דאָס לאנד און דורך חלוצישער מי אויפצוריכטן אירע וויסטעניש, דינט נאָך ביז היינט פאר בן-גוריונ'ען ווי אן אומבאדינגטער תנאי צו פארווירקלעכן די וויזיע פון קבוץ גלויות, און פאר דער אנטשטייאונג פון א פרייער יידישער ארבעטס-גע-מיינטשאפט אויף יסודות פון צדק, גלייכקייט און יושר.

זאָל מען זיך דעריבער ניט וואונדערן, און אוודאי קען קיין תרעומות ניט זיין, ווען בן-גוריון קומט מיט זיינע מאקסימאלע פאָדערונגען צום וועלט-יידנטום וועגן די מיטלען פאר בנין הארץ און פארן המשך פון פאָלק, און פון ציוניסטן פארלאנגט ער מקיים צו זיין דאָס העכסטע געבאָט פון ציוניזם — עליה.

עס איז ניט צום וואונדערן און ס'קען ניט פארדריסן בן-גוריונ'ס, צומאָל, פּאָליטישע עקשנות און צודרינגלעכקייט, א דאנק וועלכע מ'האָט אים שוין אגב מיט בייזוויליקייט, געוואָלט צושרייבן דיקטאטאָרישע ניי-גונגען...

בן-גוריונס כלומרשטע עקשנות, איז די געבענטשטע אינטואיציע, וואָס באגלייט זיין מסירת-נפשדיקן גאנג צו דער פארווירקלעכונג פון דער ציוניסטישער און סאָציאליסטישער וויזיע. בן-גוריונס עקשנות, ריכטי-קער, זיין אינטואיציע, האָט זיך מער ווי איינמאָל ארויסגעוויזן פאר א היס-טאָריש גליק.

ניט איין דרייסטער שריט, און ניט איין איינגעשפארטע פאָדערונג בן-גוריונס, האָט זיך אויסגעוויזן פאנטאסטיש, ריזיקאליש און אפילו אב-סורדאל.

אן אבסורד און ריזיקאליש איז געווען בן-גוריונס ווילדער (מאָדנער?) איינפאל ארויסצוגנב'ענען דאָס בעסטע פערד ביי זיין יידישן באלעבאָס, כדי

אזוי ארום צו באווייזן אז די אראבישע שמירה איז פאלש און פאררעטע-ריש; אז נאר יידישע שמירה איז מסוגל צו פארהיטן דאס לעבן און פאר-מעגן פון יידישן קאלאניסט.

פון דאזיקן אבסורד איז ארויסגעקומען די העלדישע יידישע שמירה-ארגאניזאציע "השומר", פון וועלכער ס'וועלן זיך שפעטער אויספארמירן די קאדרען פון דער הגנה, און נאכן אויפקום פון דער מדינה די מיט נצ-חונות־באדעקטע, צבא הגנה לישראל...

* *
*

אין יאר 1915, אין מיטן פייער פון 1-טן וועלט-קריג איז בן-גוריון, אן "אויף אייביק" פארטריבענער פון ארץ ישראל, געקומען קיין אמעריקע.

דער יידישער ישוב אין ארץ ישראל איז דאן כמעט אינגאנצן געווען אונטערגעגאנגען פון גירושים, הונגער און סתם ווילדע טערקישע רדיפות. און דא אין אמעריקע, האט בן גוריון דווקא גערעדט און געשריבן וועגן פראבלעמען פון ציוניסטישער רעאליזירונג און וועגן דער ראל פון דער יידישער ארבעטער-באוועגונג אין דאזיקן פראצעס.

אין יענער צייט — אין פייער פון וועלט-קריג, און אין דער דאמאלס-טיקער אימיגראנטישער סביבה, האבן בן-גוריונס געדאנקען, פלענער און פאדערונגען אויסגעוויזן צו זיין אומזיניק און דאן קיכאטיש. אבער פון די דאזיקע חלומות, איז שפעטער אויפגעקומען די אייגן-און-איינציק-ארטיקע ארבעטער־ארגאניזאציע — די הסתדרות, אין וועמעס גרויסקייט עס האט געשפילט — און שפילט נאך ביז היינט — ניט קיין קליינע ראל די יידישע ארבעטער באוועגונג אין אמעריקע.

די גרינדונג פון דער הסתדרות איז די הויפט-פרוכט פון בן-גוריונס חזיון און די קרוין פון זיין אנגעשטרענגטער ארבעט, איידער ס'איז אויפ-געקומען די מדינה.

אונטער בן-גוריונס פירערשאפט און אונטער זיין אריענטאציע איז די הסתדרות אויפגעוואקסן צום וויכטיקסטן פאקטאר פון עקאנאמישן און סא-ציאלן אויפבוי פון מדינת-ישראל. בן-גוריונס וויזיע וועגן דער פארווירק-

לעכונגס-ראָל און אויפגאַבע פון דער ארבעטער באַוועגונג אינעם אויפבוי פון לאַנד און אינעם אויפקום פון דער מדינה, איז דורך אים אַליין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פריידיקן, שעפערישן פאַקט פאַרן גליק, וואוילזיין און צוקונפט פון אַרבעטנדיקן פאָלק אין דער יידישער מדינה.

אומפאַרשטענדלעך און אַבסורדאַל, אַפילו פריקרע, האָט אויסגעוויזן בן גוריונס עקשנות בעת דער „בילטמאָר קאָנפערענץ״ אין יאָר 1942, אינמיטן יידישן חורבן פון צווייטן וועלט־קריג. בן-גוריון האָט זיך דעמאָלט פאַרעקשנט, ניט מער און ניט ווייניקער, ווי נאָר אַז די דאָזיקע קאָנפערענץ, וואָס האָט, אגב, ניט געהאַט דעם לעגאַלן כוח פון אַ קאָנגרעס זאָל גאָר פּראָקלאַמירן די שאַפונג פון אַן אומאָפּהענגיקער יידישער מדינה אין ארץ ישראל.

אינטערעסאַנט, ווי די דאָזיקע, לכתחילה ניט פאַרשטאַנענע פאָדערונג, האָט געענדערט די ציוניסטישע מענטאַליטעט. די ״בילטימאָרער-פּראָגראַם״ איז געוואָרן דער באַלעבנדיקער מאָטיוו אין ציוניזם בעת און נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה. די ציוניסטישע באַוועגונג האָט, זינט דאַן, אָנגעהויבן צו טראַכטן אין מלוכה׳שע טערמינען.

*

דאָס טראַגישע יאָר 1945. דער פאָרהאַנג פון זעקס מיליאָניקן יידישן אומקום איז אויפגעהויבן. דורך אַלע אייראָפּעאישע גרענעצן און ביי אַלע פּאָרטן שטראָמען און וואַרטן די לעבנגעבליבענע רעשטן פון אויסגעהרג׳עטן יידישן פאָלק. אַלע לעכצן צום אויסגעבענקטן, באַפרייענדיקן יידישן היימלאַנד.

וויצמאַן און שערטאָק (שרת) זיצן דאַן אין לאָנדאָן, הילפלאָזע, פאַרווירטע און פאַרצווייפלטע. דאָס ענגלישע „ווייסע בוך״ ווערט דורכגעפירט מיט אַלע פּיטשעווקעס, די עליה איז כמעט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט.

ליתר תוקף, האָבן דאַן די ענגלענדער אידעאַליזירט, דערמוטיקט און געהאָלפן גרינדן די טרויעריק באַרימטע אַראַבישע ליגע פון 7 אַראַבישע מדינות מיט 40 מיליאָן אַראַבער.

די גרינדונג פון דער ליגע האָט קלאָרע, אויסשליסלעכע צילן: צו פאַרטרייבן די יידן און פראַנצויזן פון מיטעלן מזרח.

בן-גוריון זיצט אין פּאַריז אויף באַראַטונגען מיטן ״מוסד„ די אָרגאַ-

ביזאַציע פאַר דער רעטונג פון דער שארית־הפליטה. די פאַרשטייער פון דער אָרגאַניזאַציע האָבן נויטיק שיפן און געלט.

ווייצמאַן און שערטאָק האָפן נאָך אַלץ, אַז דורך פאַרהאַנדלונגען וועט זיך איינגעבן צו דערגרייכן אַ גרעסערע לעגאַלע עליה פון דער שארית־הפליטה.

בן־גוריון פאָרט אין די לאַגערן. ער באַזוכט די אומקום־צענטערס. זעט דעם מאַוים׳דיקן חורבן. ביים צוריקקערן קיין לאָנדאָן זעט ער אויס צעטומלט.

בן גוריון גלייבט ניט מערער צו קענען עפּעס דערגרייכן ביי דער ענגלישער מאַנדאַטן־מאַכט. ער וויל אפילו ניט וואַרטן אויפן אויסגאַנג פון די ענגלישע וואַלן, וואָס וועלן אפשר ברענגען אַ נצחון די ענגלישע אַרבע־טער. און הגם די ענגלישע אַרבעטער־פירער האָבן ניט איינמאָל מבטיח געווען אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו די ציוניסטישע אַספּיראַציעס, פונדעסט־וועגן דערוואַרט שוין בן־גוריון גאָרניט פונעם ענגלישן אַרבעטער־נצחון... פאַר בן־גוריונ׳ען איז קלאָר, אַז מען מוז זיך שוין גרייטן צום באַוואָפנטן קאַמף סיי קעגן די ענגלענדער, סיי קעגן די אַראַבער.

ראָבערט סענט־דזשאָן דערציילט, אַז די, וואָס האָבן דאַן געזען בן־גו־ריונען זאָגן, אַז אַ נײַ פייער האָט זיך אין אים אָנגעצונדן, אַ נייער מלחמה־ברען. ער לאָזט דאַן ווייצמאַנען און שערטאָקן אין לאָנדאָן, און אַליין פאָרט ער אַוועק קיין ניו־יאָרק.

דאָ, אין ניו־יאָרק, האָט אַ לכתחילה׳דיקער אַבסורד אָנגענומען רעאַלע פאָרמען.

בן־גוריון באַגעגנט זיך מיט אַ גרופּע פון 18 איינפלוסרייכע אַמערי־קאַנער יידן, מיט איינעם אָדער צוויי אויסנאַמען, זענען אַלע ניט קיין ציו־ניסטן.

מיט שטילער, כמעט מיסטישער, פייערלעכקייט רעדט בן־גוריון צו צו דער קליינער גרופּע. ער זאָגט:

„איך וועל קיין זאַך ניט אָנוואַרפן, אָבער דאָס וואָס מיר וועלן מוזן טאָן איז אייך נוגע אַלס יידן. עס איז מיין חוב אייך צו וואָרענען, עס קען זיין אַז אויף אייערע פּלייצעס, וועלן אַרויפגעלייגט ווערן שווערע משאות...“

עס ווערט דאן אויפגעשטעלט דער געהיימער אזוי גערופענער "סאָ-נעבאָרן אינסטיטוט". די קליינע געשלאָסענע גרופע פון 18 אמעריקאנער ייִדן, נעמען אויף זיך די פינאנסירונג פונעם "מוסד" פון דער אומלעגאלער עליה און, ווען עס וועט נויטיק זיין אויך די דאגה פאר דער הגנה.

זיי וואַרטן בלויז אויף בן-גוריונס פּאראָל, אויף די ווערטער: "די צייט איז געקומען!"

און ווען בן-גוריונס שטים, האָט שפּעטער, אין איינעם א טעלעפאָן אָפּגעשאלט די ווערטער: "די צייט איז געקומען", האָט דער "סאָנעבאָרן אינסטיטוט" באזאָרגט דעם "מוסד" מיט 12 שיפן. איינע פון זיי, די אמע־ריקאנישע שפּאציר-שיף "וואָרפילד" איז אריין אין דער העלדיש-טראגי-שער געשיכטע פון דער העפּלה מיטן נאָמען "עקזאָדוס".

די דאזיקע גרופּע טראָגט אויך אויף זיך א טייל פון דער פינאנציעלער דאגה פאר דער הגנה. דער ביישטייער פון "אינסטיטוט" פאר דער הגנה בעת די שפּעטערדיקע קאמפן, איז אין לשער. ערשט מיט יאָרן שפּעטער וועט זי קענען אָפּגעשאצט ווערן.

סיי דער "סאָנעבאָרן אינסטיטוט", סיי דער "מוסד", האָבן ניט אנער-קענט, און ניט געקענט קיין אנדער אויטאָריטעט חוץ בן-גוריון'ען. בן-גוריון איז דער הויפּט-אָנפירער פון דער העלדיש-מארטירערישער העפּלה פון דער הגנה, און שפּעטער, מיט דער אנטשטייאונג פון דער מדינה, דער הויפּט-קאָמענדאנט פון צבא הגנה לישראל.

אונטער בן-גוריונס אָריענטאציע הייבט זיך אָן דער אבסורדאלער פּארמעסט פון א קליין שוואך פאָלק קעגן צאָלרייכע און שטארקע שונאים. און, פלאי־פלאים, די ווייניקע שטייען פעסט קעגן די פילע און די שטארקע דערפילן אין זייער פלייש און ביין די קלעפּ פון די שוואכע...

נאָך אן אבסורד איז דורך בן-גוריון'ען פארוואנדלט געוואָרן אין א העלדישן דערלייזערישן פאקט...

*

און דאָ קומט די קרוין פון גרויסן וויזיאָנער און זיין כוח צו רעאלי-זירן חזיונות.

אלע ווייסן שוין היינט פונעם שווערן געראנגל איבערהאלב דער דא-

מאָלסטיקער ציוניסטישער לייטונג וועגן דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה. ס'זענען ניט קיין סוד די שטרענגע וואָרנונגען קעגן דער עטאַבלירונג פון דער מדינה מצד אַזעלכע פּריינט ווי טרומאַן און אַנדערע איינפלוסרייכע מלוכה-מענער. אַלע האָבן דאַן באַגריפן די גרויסע סכנות וואָס שטייען פאַר מצד זיבן אַראַבישע מדינות, וואָס האָבן הינטער זיך די אָפענע שטיצע און הילף פון דער ענגלישער גרויסמאַכט. אַלע האָט גערעדט קעגן בן-גוריונס פּלאַן צו פּראָקלאַמירן דעם אויפקום פון דער מדינה.

קיינער האָט דעמאָלט ניט געגלויבט אין אַזאַ מעגלעכקייט. עס האָט באַמת אויסגעוויזן אַן אַבסורד צו טראַכטן אַז די נייע יונגע מדינה וועט קענען אויסהאַלטן, דעם מיליטערישן דרוק פון אַ סך שטאַרקערע און מלו-כה'ש-פאַרפונדעוועטע שונאים וואָס רינגלען זי אַרום.

ניט פאַרהוילנדיק די שווערע קרבנות וואָס וועלן מוזן געאָפּפערט ווערן אויפן מזבח פון זעלבסטשטענדיקייט, האָט אָבער בן-גוריונ'ס וויזיאָנע-רישער פייער געצונדן ביי אַלעמען דעם גלויבן אין דער נאָענטער משיחי-שער תקומת־ישראל.

די שטרענגסטע קעגנער דערפילן די קדושה פון בן-גוריונס קנאַישער איינגעשפּאַרטקייט. זיי האָבן אָנגעהויבן גלויבן אין בן-גוריונס אינטואיציע וואָס האָט אַלעמאָל געפירט אויף ריכטיקע היסטאָרישע וועגן...

און דאָס וואָס איז פאַר אַ סך געווען אַ חלום, אַ וואונטש פאַר אַ ווייטערער צוקונפט, איז, אַ דאַנק בן גוריונס עקשנות געוואָרן אַ רעאַלע וואָר. בן-גוריון האָט דערגרייכט זיין געגאַרטן וואונטש, — צו רעאַליזירן דעם צוויי טויזנט-יאָריקן חלום פון זיין פאָלק. ער האָט, בכבודו ובעצמו, זוכה געווען צו פּראָקלאַמירן די זעלבסטשטענדיקע יידישע מדינה!...

און אַז נאָך דעמזעלביקן פּרייטיק פאַרנאַכט, תיכף נאָך דער פּראָקלאַמירונג, איז דאָס לאַנד פון אַלע זייטן באַפאַלן געוואָרן דורך די אַראַבישע אַרמייען, איז בן-גוריון אַוועק אַ היים, אויסגעטאָן די פייערלעכע ציווילע קליידונג, אָנגעטאָן אַ מיליטערישן כאַקי-אָנצוג און אַוועק אין פעלד-שטאַב.

האָט עס האָבן שוין, פון פריער, געוואַרט אויף זיינע עצות די מיליטערישע קאָמאַנדירן.

די דערגרייכונגען פון דער מדינה אונטער בן גוריונס פּרעמיערשאַפט. האָבן ניט קיין ביישפּיל אין דער געשיכטע פון מלוכות און רופט ארויס די באַוואונדערונג פון דער גאַנצער גרויסער וועלט.

די צבא הגנה לישראל אונטער בן-גוריונס פירונג און אָריענטאַציע האָט זיך באַקליידט מיט לעגענדאַרע נצחונות, וואָס ווערן אין אַנדערע צייטן באַצייכנט ווי נסים.

פונעם גרויסן שיין פון דער מדינה, שטראַלט אַרויס דאָס גרויסע ליכט פון דוד בן־גוריון, פון דעם, וואָס געשטאַלטיקט און פירט די מדינה מחיל אל חיל, פון נצחון צו נצחון...

בן-גוריונס לעבן און שאַפן איז געוואָרן די ליכטיקע לעגענדע פון אונדזער דור, און ער וועט בלייבן דאָס לעגענדאַרע ליכט פון ישראל'ס אויפשטייג פאַר די קומענדיקע דורות.

★

רעדעס און ארטיקלען

דאָס מלכות פון גייסט

(דערעפענונגס־רעדע פון פאָלקס-אוניווערסיטעט,

דעם 23-טן סעפטעמבער 1962)

חשוב'ע פריינט.

מיטן איינפירן און אָנהאלטן אונדזערע קולטור-פאַראַנשטאַלטונגען, ווילן מיר בלויז געבן א באשיידענעם ענטפער צו די מאָנונגען פון אונדזער היסטאָרישן באגער אָנצוהאלטן די ירושה, וואָס איז אונדז אָנפאַרטרויט געוואָרן פון אמאָליקע דורות — די ירושה פון אן עם הספר. ס'איז א צניעות'דיקער ווילן צו גיין אויף די טראַדיציאָנעלע דרכים פון אונדזער לאַנגן קאַמף פאַר עקזיסטענץ צווישן פעלקער; א פרואוו זיך צו באַנוצן מיט דעם אויסגעפּרובירטן כלי-זין, וואָס האָט אונדז געדינט פאַרן שטאַרקסטן אָפּוועהר קעגן פאַרשווינדונג. דאָס אָפּהיטן פון געבאָט „לא ימוש ספר-התורה מפיך" דאָס בוך פון דער תורה זאָל זיך פון דיין מויל ניט אָפּטאָן, איז געווען די שטאַרקסטע גאַראַנטיע פאַר יידישער נצחיות.

יידישער קיום אין די תפוצות איז מעגלעך געווען נאָר א דאנק דעם וואָס דער קול התורה פון יונג און אלט, פון גרויס און קליין איז קיינמאָל און אינערגעץ ניט פארשוויגן געוואָרן. די רעקאָמענדאציע פון „והגית בו יומם ולילה", זאָלסט טראכטן וועגן דער תורה בייטאָג און ביינאכט, איז אין די תפוצות הגולה געווען און פארבליבן אונדזער גרעסטע נאציאָנאלע טוגנט, מיט איר האָבן מיר אָנגעהאלטן א נאציאָנאלע אימפעריע פון גייסט.

אויפן שטח פון אונדזער נאציאָנאל-גייסטיקן קעניגרייך איז קיינמאָל ניט אונטערגעגאנגען דאָס זונענליכט פון יידישער תורה — יידיש אין איר לבוש און אוודאי אין איר תוכן — און דעריבער איז קיינמאָל ניט אָפּגע-שוואכט געוואָרן דער גלויבן ניט אין יידישן נצח און אויך ניט אין יידישן נצחון.

ניט אין צייטן פון שוואכקייט, נייערט אין צייטן פון גלאָריע האָבן מיר פאר אונדזער נאציאָנאלער אמביציע אויסגעקליבן די אימפעריע פון גייסט. און זינט די עלטסטע צייטן האָבן מיר זיך באמיט אז אלע בירגער פון בית-ישראל, יונג און אלט, אָרעם און רייך, מאן און פרוי, אלע, אלע זאָלן אין דאָזיקן גייסט-קעניגרייך זיך פילן אינדערהיים און מיט גלייכער שותפות. וואָרום אלע זענען געבאָטן געוואָרן צו געניסן — און אויף אלער-ליי אופנים טאקע גענאָסן — פון אירע רייכטימער. מיר האָבן די תורה ניט באהאלטן פאר יחידי-סגולה, פאר פריווילעגירטע קאסטעס. מיר האָבן זי ווייט און ברייט פראָקלאמירט פאר אייגענע און פרעמדע. אין אונדזער גייסט-מלוכה האָט מען אפילו א גוי, א בן-תורה, געשטעלט העכער ווי א כהן-גדול אן עם-הארץ.

און אז מ'האָט אונדז פון דער תורה-פארהייליקטער היים פארטריבן, צווישן שטארקע פעלקער, און אפילו אין באקוועמע לענדער, צעשפרייט, האָבן מיר ניט געזוכט קיינעם נאָכצומאכן און צו קיינעם זיך ניט צוצופאסן, נייערט אלע גאסן און געסלעך, אין רחבות'דיקע שטעט און אין ענגע געטאָס, זענען פארזייט געוואָרן מיט אונדזערע גייסטיקע קולטור-אנשטאלטן. מיר האָבן אלע תפוצות אָנגעפילט מיט חדרים און תלמוד-תורה'ס פאר תינוקות של בית רבן, מיט ישיבות און אקאדעמיעס פאר דערוואקסענע. אפילו פאר דעם פאראָרעוועטן פויער און פעלד-ארבעטער פון די ווייט-פארשטעקטע, עלנטע דערפלעך, האָבן מיר ירחי-כלה'ס, אזעלכע סעזאָן-ישיבות איינגע-פירט, כדי אויך ער, דער ארעמסטער, וויטסטער און פארפינצטערטער

ישובֿניק זאָל אויך פון תורה-קוואַל טרינקען און זיין נשמה דערקוויקן.

פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט געדענקען מיר נאָך אַלע, די חדרים און תלמוד-תורה׳ס אין יעדער שטאָט און שטעטל, אָנגעפּילטע מיט קינדער פון אַלע קלאַסן און שיכטן; געפּאַקטע ישיבות מיט בחורים; פול באַזעצטע טישן אין די בתי-מדרשים מיט בערדיקע טאַטעס און זיידעס, ווער ביי אַ בלאַט גמרא, ווער ביי אַ שכל׳דיקן רמב״ם אָדער הארבן מהרש״א; ווער ביי אַ פּרק משניות, און ווער ביי אַ פאַרכאַפּנדיקער אגדתא און עין-יעקב... און אָט דאָרט, ביים אויוון, אַ פול באַזעצטער טיש מיט יידן, פאַרפראַצעוועטע האָרעפּאַשניקעס, וואָס קוויקן זיך ביי אַ פּרשה חומש מיט די פאַנטאַסטישע דערציילונגען וועגן גהינום און גן-עדן פון הייליקן אַלשיך.

ס׳לעבט נאָך אין אונדזער געדעכעניש דער לויטערער שטייגער פון אונדזער אייגענער יוגנטשאַפט. ס׳באַהערשט נאָך אונדזער געמיט די הויך-מאָראַלישע התנהגות און דער גייסטיקער וועלט-באַנעם פון דער אויפגעוואַקסטער יידישער יוגנט פון אונדזערע דורות. דאָס איז געווען אַ יוגנט וואָס האָט מיט מסירת-נפש געשאַפן די אינסטרומענטן פון דער מאָדערנער יידיש-נאַציאָנאַלער און קולטורעלער געזעלשאַפטלעכקייט.

אין קאַמף מיט קאָנסערוואַטיווע עלטערן פון בית-המדרש און חסידים-שטיבל, האָבן מאַסן פון דער בירגערלעכער יוגנט מותר געווען אויף באַקוועמלעכקייטן און וואוילזיין, כדי אויפצושטעלן אכסניא׳ס און היימען פאַרן מאָדערנעם יידישן גייסט. אין געראַנגל מיט ביטערער נויט, האָבן אַרבעטער-יוגנט אָפּגעשפּאָרט פון הונגעריקן ביסן, געבויט קולטור־אַנשטאַלטן און זיי אָנגעפּילט מיט ליכטיקן נאַציאָנאַל און סאָציאַל-פריהייטלעכן גייסט. יעדע פּאַרטיי, יעדע גרופּע מיט אירע ביבליאָטעקן און דראַמאַטישע קרייזן, מיט אירע געזאַנג און ספּאָרט-פאַריינען און מיט אירע קורסן און זעלבסט-בילדונג-חברות. ממש אַ שטורעמדיקער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער קולטור-אויפבלויז, פאַר וועלכן שטאָלצע גויישע שכנים האָבן אונדז מקנא געווען.

אָט-אָ די יידישע יוגנט האָט מיט נאַקעטן לייב און לעבן זיך פאַרמאָסטן קעגן פאַרעלטערטע סאָציאַלע נוסחאות; אָן הילף און אָן דערפאַרונג פון איינגעשטעלטע מלוכה׳שע אָדער קאָמונאַלע אָרגאַנען האָט די יוגנט, מיט אייגענע כוחות, גענומען אויף אירע פּלייצעס צו רעוואָלוציאָניזירן, נאָרמאַליזירן און אויפצושטעלן דאָס נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און קולטורעלע

לעבן פון זייער פאַרוואָרלאָזטן יידישן פאָלק. דאָס איז געווען אַ יוגנט, וואָס האָט זיך ניט באהאלטן מיט אונדזער לעבנס־שטייגער, וואָס האָט גערעדט, געפלעגט און געקעקלט, געפוצט און געצירט אונדזערע ביידע נאַציאָנאַלע לשונות — עברית און יידיש... אַ יוגנט וואָס האָט קיינעם ניט נאָכגעמאַכט, נאָר געלעבט אין אייגן לעבן מיט אַלע זיבן חנ'ען פון דער יידישער גייס־טיקער עשירות. די דאָזיקע יוגנט האָט עס צעברויזט, צעשטורעמט און סטי־מולירט אירע גייסטיקע שאַפונגס־פּאָטענצן, און מיט אַ וואונדערלעכער קראַפט האָט פון אירע רייען אויפגעפלאַמט דאָס ליכט פון אַ נייעם קולטור־רענעסאַנס פון וועלכן ס'שטראַלן אַרויס די אַלטע, דערהויבענע יידישע אי־דעאַלן און אַספּיראַציעס פון יידישער און אַלמענטשלעכער גאולה.

איז דערפאַר שטויגנענדיק דער פאַקט, וואָס היינט צו טאָג, צוויי צענט־ליק יאָר נאָכן היטלער־חורבן און 15 יאָר נאָכן אויפקום פון מדינת־ישראל, שטייען מיר ביי אַן איבערברוך אין יידיש־גייסטיקן לעבן. אַן איבערברוך — וואָס טראָגט אין זיך סימנים פון געוואַלטיקער דעקאַדענץ מיט שרעקנדיקע רעזולטאַטן פון ליקווידאַציע.

אין אונדזער לאַנגן, צוויי טויזנט יאָריקן גלות איז כמעט ניט גע־ווען אַזאַ תקופה ווען מ'זאָל מיט אַזוי פיל מורא און ציטער טראַכטן וועגן נאַציאָנאַל־אייגנאַרטיקן יידישן המשך. קיינמאָל אין אונדזער לאַנגער געשיכטע האָט מען ביי אונדז ניט געספּקט אין נצח־ישראל; — "נצח ישראל לא ישקר" איז געווען דער שטאַרקסטער דעוויז פון בטחון קעגן די ערגסטע פאַרפאָלגונגען און קעגן אַלערליי פּורעניותן. היינט, אָבער, פרעגט מען זיך מיט אַנגסט די פראַגע: צי האָבן מיר אַ קאָנטראַקט מיטן רבש"ע אויף נצחיות? צי איז טאַקע נצח ישראל גילטיק אונטער אַלע באַ־דינגונגען, אויף אַלע אייביקייטן?

פונוואַנען נעמט זיך צו אונדז אַזאַ ספקות? אין אונדזער געשיכט־לעכן גאַנג זענען אונדז ניט פרעמד קיין אונטערגאַנגס־געפאַרן; גזירות, שמד פּאָגראָמען און גירושים זענען געווען דאָס טעגלעכע ברויט פון יידישן פאָלק אין די פאַרשידענע גלות'ן. פונדעסטוועגן איז דער גלויבן אין נצחיות ניט דערשיטערט געוואָרן. פונוואַנען־זשע נעמט זיך היינט צו אונדז אַזאַ שאַרפע ספקות?

מיר נעמען אָן אַז דער מקור פון די ספקות וואָרצלט אין דריי טיפע, אייטערדיקע וואונדן אין אונדזער היינט־צייטיקן פאָלקס־קערפּער.

א) די אויסראָטונג פון 6 מיליאָן יידן דורך היטלערס האָרדעס, ימח־שמם! ב) דאָס פארשטומען און אָפרייסן פון יידישן פאָלקס־גוף דאָס העכער דריי מיליאָניק יידנטום אין סאָוועטישן גן־עדן און ג) — דאָס ערגסטע, דער קאנסער וואָס עסט זיך אײַן אַלץ טיפער אין גוף פון די תפוצות־ישראל, און פארצערט אַלץ מער און מער אונדזער נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם. איך מיין דאָ דאָס מוראדיקע עם־הארצות אין יידישקייט און במילא די גאַלאָפירנדיקע אנטיידישונג פון די יידישע יוגנט־מאַסן אין די פרייע תפוצות. און דאָס אַלץ איז ארויפגעפאַלן אויף אונדזער לייב און לעבן מיט א פארטויבנדיקער קראַפט, מיט איין מאָל, און צוזאַמען, ניט אין פארשידענע תקופות ווייטע צווישן זיך אין צייט, נייערט אין גאָר קורצע עטלעכע יאָר.

איז, אמת, ניט צו וואונדערן די סקעפּטישע שטימונגען. אַזעלכע, מיט איינמאָל באַקומענע קלעפּ, האָבן אָפּגעווישט פעלקער און ליקווידירט אימפעריעס. די פראַגע איז אָבער, צי מעגן מיר זיך אונטערגעבן די דאָזיקע שטימונגען און בלייבן זיצן מיט פארלייגטע הענט? זאָלן מיר זיך צוהערן צו דער תורת־לאָקשן פון כל המינים, מישטיינס געזאָגט "מומחים" פון יוגנט־פּסיכאָלאָגיע און מייסטערס פון מאָדערנישקייט, וועמעס גרויסע „מאָדערנע חכמה" ס'באַשטייט בלויז אין רעדוצירן אונדזער קולטור־ירושה צו עפּעס א ראַכיטישן איזראַעליטישן קאַטעכיזם, אונטערגעטראָגן אין אַ גויישן לשון? זאָלן מיר זיך גלייכגילטיק צוקוקן צום קרומען שפּיגל פון אַמפּוטירטער יידישקייט וואָס ס'וועלן אונדז אונטערטראָגן אַלערליי צופּאַסערס פון יידישקייט צום גויישן שטייגער?

ניין, מיינע טייערע, רעזיגנאַציע פון הויך־מאָראַלישע מסורות און גייסטיקע ותרבות איז פרעמד דעם וויטאַלן יידנטום. אין ביטערע צייטן פון רדיפות און גזרות, פון שמד און אומקום, האָבן יידן געוואוסט אַז: "עת צרה היא ליעקב וממנה יושע", פון דער צרה גופא וועט ארויסקומען די ישועה. — זיך קיינמאָל ניט מיאש געווען!

אזוי איז טאַקע געווען. בעת יעדער אומגליק און טויט־געפאַר, האָבן ויך פונוויטן געהערט די טריט פון רעטונג און אויפלעב. מיר האָבן א מסורה, אַז אין דער רגע פון חורבן, איז געבוירן געוואָרן משיח. די וואָס וועלן זיך פאראינטערעסירן מיט אונדזער געשיכטע, וועלן דערזען און דערפילן די דאָזיקע מערקווערטיקע דערשיינונג פון ליכט און שאָטן איז

יידיש-געזעלשאפטלעכער עקזיסטענץ: פארצווייפלונג און בטחון, אומקום און אויפלעב; חורבן ירושלים און אויפקום אין בבל, נוסעי הצלב און תור הזהב, בערלינער און פראנקיסטישע שמד-מגפה און דאָס באלעבנדיקע חסי-דות.

און אין אונדזער צייט זענען מיר עדות פון א שפע מיט קעגנזעצלע-כע דערשיינונגען.

פון איין זייט דער ביישפּילאָזער, מוראדיקער חורבן און אומקום פון אייראָפּעאישן יידנטום, און פון דער צווייטער זייט מלוכה'שע תקומה און אויפריכטונג אין אייגענעם היסטאָרישן לאנד.

טאָרן מיר דעריבער ניט ארײנפאלן אין יאוש; מיר טאָרן אָבער אויך ניט זיין קיין פאטאליסטן און זיך פארלאָזן אויפן נס פון יידישער נצחיות, אז יאַקאָש איז אונדז שוין פון אויבן און פון אמאָל באשערט איי-ביקייט... יידישע עקזיסטענץ איז ניט קיין הוילער פאטום; יידישן קיום האָבן מיר צו פארדאנקען דעם אומדערשיטערלעכן ווילן צו עקזיסטירן; מיט אן אייגענעם צלם אל'קים, און מיט אייגענע פארהייליקטע תורות. פאר וועלכע אונדזערע אבות־אבותינו — און אויך קינדער פון אונדזער דור — האָבן ביטער געקעמפט, שווער פאַרהאָרעוועט, און אפילו דער-פאר באצאָלט מיט דעם טייערסטן פרייז — מיטן לעבן.

איז וואָס-זשע קענען מיר און וואָס דארפן מיר טאָן?

היטלערס קרבנות וועלן מיר ניט לעבעדיק מאכן — ניטאָ קיין עצה!

די רוסישע יידן — ווער ווייסט צי מיר זענען בכוח זיי צו העלפן, מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט קאזאקישער בושה אָדער אומפארשעמטקייט. אוודאי טאָר דאָס וועלט יידנטום ניט רוען, נאָר אויפהייבן א כוואליע פון שטורמישע פראָטעסטן, אָבער מיר זענען ניט די באלעבאטים איבער דער רוסישער סיטואציע.

אנדערש אָבער זעט אויס דער ענין מיט דער אנטיידישונג אין די פרייע תפוצות. דאָ קענען מיר זיך ניט אָפּזאָגן פון אונדזער היסטאָרישער פליכט צו ראַטעווען. פארקערט, דאָ ווארט מען, אז די וואָס ווילן טראָגן דאָס אחריות פון יידישקייט, זאָלן קומען און ווערן די באלעבאטים פון דער סיטואציע.

ווי געזאָגט, ווילן מיר מיט אונדזערע באשיידענע כוחות אָנהאלטן די טראדיציע פון יידישער גייסטיקייט; מיטן איינשטעלן די דאָזיקע טריבונע

זוילן מיר העלפן און מיטווירקן אָפּצוהאלטן דעם ווילד-שנעלן בארג-אראָפּ פון יידישקייט; מיר ווילן רופן די אויפמערקזאמקייט פון די יינגערע זיך צו פאראינטערעסירן מיט די אוצרות פון יידישן שאפונגס-זשעני און פאר-ברייטערן זייערע ידיעות אין יידישקייט.

מיר עפענען היינט דעם פאָלקס-אוניוועסיטעט פול מיט האָפנונג און בטחון. מיר האָבן פאר אונדזערע אויגן די אלץ וואקסנדיקע צאָל פון פאָלקסטימלעכע ישיבות און ישיבה-אוניווערסיטעטן אין די כאראייניקטע שטאטן; מיר זען פאר זיך די גרויסע צאָל סעקולערע יידישע קורסן אויף פארשידענע אוניווערסיטעטן. און, ועל כלם, דער פאקט וואָס יונגע עלטערן שיקן זייערע קינדער אין יידישע רעליגיעזע און סעקולערע טאָג-שולן. דאָס אלץ מאכט אונדז גלויבן, אז ביי דער יידישער יוגנט לעבט א פאר-לאנג זיך צו באקענען מיט אונדזערע קולטור־אוצרות אויף ביידע לשונות, און אז ביי א גרויסן טייל איז דאָ א ווילן ממשיך צו זיין אן אקטיוו לעבע-דיק און שעפעריש יידיש קולטור-לעבן.

מעג דאָס דערוויילנקע פרצוף-פנים פון היינטיקער יוגנט אין די תפוצות ניט זיין דערמוטיקנד, טאָרן מיר אָבער ניט פארצווייפלען. מיר הערן ניט אויף צו גלויבן אז אונדזער יוגנט וועט זיך ארומקוקן און א טראכט טאָן וועגן דעם, אז זי טאָר ניט דערלאָזן אז דוקא אונדזער איצטי-קער געשיכטלעך-גרויסער דור, דער דור פון תקומת-ישראל, זאָל באלעס-טיקט זיין מיט א שולד-אחריות פון היסטאָרישער געוויסנלאָזיקייט, און דערמיט זיך אליין שטעמפלען פאר א מאָראליש גייסטיק באנקראָטיר-טן דור וואָס האָט פארטאכליעוועט א רייכן ירושה-פארמעגן, אָנגעזאמלט און אין פייער דורכגעטראָגן במשך הונדערטער דורות.

דורכגעדרונגען מיטן דאָזיקן גלויבן און באוואוסטזיניק אויף אונדזער אחריות כלפי דער לעצטנס־פארוואַרלאָזטער יידישער קולטור-טעטיקייט אין אונדזער שטאָט, זענען מיר מכוון טיילוויז מחזיר עטרה ליושנה צו זיין, מיטצוהעלפן דער ווידערבאלעבונג פון א יידישן קולטור-לעבן אין דער בראזיליאנער תפוצה. מיר האָפן אז ס'וועט אונדז געלינגען.

מאָראַליש מיטשולדיק

מאָראַליש מיטשולדיק *)

דיכטעט ה. לייוויק:

אכט לאַנגע יאָר

(צו די וואָס האָבן יאָרנלאַנג פאַרשוויגן די דערמאָרדונג פון די יידישע שרייבער און יידישע ליטעראַטור אין סאָוועט-רוסלאַנד).

אכט לאַנגע יאָר האָט איר פאַרברעכעריש געשוויגן און פאַרשוויגן,
דעם אומקום מאַרקישעס און בערגעלסאָנס, געשטומט געמיין,
און איצט פאַרשלייערט איר דאָס שווייגן מיט אַ ניי מאַסקירטן ליגן
בשעת איר וואַרפט אין אייער אייגענעם געקרוינטן געץ אַ שטיין.

צי זענט איר ניט געווען מיט אים אין בונדשאַפט פון פאַרניכטער?
צי האָט איר ניט געצערטלט זיינע קוילן און זיין טורמע-קנוט?

---

*) רעדע געהאַלטן אויף דער טרויער און פּראָטעסט-פאַרזאַמלונג, קעגן דעם מאָרד פון דער יידישער קולטור אין סאָוועטן-רוסלאַנד, אין זאַל פון א. ב. אי., דעם 14-טן יוני 1956.

אַ, בנים פון ארמילוס **) מיט די קרום-פארשמייכלטע גזעיכטער,
אויף אייער קאָפּ פאלט כאַריקס, קוויטקאָס, האָפשטיינס בלוט.

דעם ווייטיק אונדזערן האָט איר פארשפּיגלן און פארשפּאָטיקט,
געַנארט האָט איר אי זיך, אי פריינט מיט שקר׳דיקער טרייסט;
אויך איצטער, ווען איר ווארפט אום אייער אָפּגאָט און
פארבלאָטיקט,
איז טוט איר עס דערפאר נאָר ווייל אַן אנדער אָפּגאָט הייסט.

איר בנים פון ארמילוס — שטייניקע ווי אייער טאַטע —
אַ, נעמט כאַטש איצט דעם שמייכל-שמינק פון אייער ליפּ אראָפּ;
באַווייזט א נס: זיצט שבעה לעבן קולבאַקס טורמע-גראַטע,
און טוט זיך אַן אין זעק און קלאָגט און רייסט די האָר פון קאָפּ!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס האָט געפּלאַצט דער בלאָטער, דאָס וואָס עס איז געווען פאר אונדז אַן אימהדיקער סוד, דאָס וואָס די רוצחים האָבן במשך אכט לאַנגע יאָר פארשוויגן און געזוכט צו באַהאַלטן, און דאָס וואָס זייערע יידישע מיטלויפער האָבן געלייקנט איז ארויס אויף דער ליכטיקער שיין.

מיר ווייסן שוין, אז דעם 12-טן אויגוסט 1952 זענען „ערגעץ-וואו אין ראַטנפארבאַנד״ דערשאָסן געוואָרן עטלעכע צענדליק יידישע שרייבער און דיכטער, צווישן זיי — אויסער דעם ציניקער איליא ערענבורג — אַלע געוועזענע מיטגלידער פון דעם אנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. (פון דעם, אַז דאָס יידישע קולטור-לעבן איז ליקווידירט, אז דאָס פיר-קאַנטיקע יידישע אות איז אויסגעמעקט, ווייסן מיר שוין גענוי פון לאַנגע יאָרן).

עס פארגיסן שוין היינט קראָקאָדיל-טרערן אפילו די יידישע לאַקייען פון רויטן פריץ, דאָס איז אָבער פאר זיי א ניי מיטל אויך פון דאָזיקן אומ-

**) ארמילוס — א לעגענדארע געשטאַלט, אין משיחס צייטן; געבוירן פון אַ שטיין. זיין הויפּט-שטריך: ער איז אַן געוויסן.

גליק ארויסצוצאַפּן סימפּאַטיעס פאַר זיך און מאַראַלישן קרעדיט פאַר דעם נייעם, איצט אויפגעקומענעם פּריץ.

זינגען שוין די רויטע יידעלעך דעם אלטן מה־יפית פאַרן נייעם האַר און געביטער און פאַר זיינע גערעכטע פּאַראַנדקעס; זיי טוען עס איצט פאַר אים, פּונקט ווי זיי האָבן עס אמאָל געטאָן פאַר יענע, אָקאָרשט געוועזענע אָפּגעטער און איצטיקע, פון כרושטשעווס "גערעכטער" האנט אומגעבראַכטע, פאַרעטער און שפּיאָנען.

מען וואָלט ביי דער איצטיקער אזכרה אפשר ניט געדאַרפט אויפמישן דאָס געדעכעניש פון יידישע געטרייע קנעכט ביי די מאָדערנע ראטנלענדישע טאַרקוועמאַדאַס. מיר וואָלטן עס זיכער ניט געטאָן ווען מיר זאָלן ניט באַהערשט זיין פון א באַשטימטן שולד-געפיל לגבי אונדזערע ברידער אין דאַטנפאַרבאַנד, און ווען מיר וואָלטן ניט געווען אויסגעשטעלט צו דער זעלביקער געפאַר וואָס ביז איצט.

אונדזער גרויסע זינד באַשטייט טאַקע דערין, וואָס גרויסע טיילן פון אונדזער פאָלק האָבן זיך געלאָזט אילודירן פון דער יעווסעקישער פּראָפּאַגאַנדע בנוגע דעם יידישן לעבן אין סאָוועטישן לאַנד. ניט געוואָלט גלויבן אָדער — אין בעסטן פאַל — זיך ניט צוגעהערט צו די גרויליקע ידיעות וואָס האָבן צו אונדז דערגרייכט וועגן דער ליקווידאַציע פון יידישקייט און וועגן דעם שוידערלעכן אומקום פון דער גאַנצער סאָוועטיש-יידישער אינטעליגענץ.

זייער הילכיקע פאַרעטערישע פּראָפּאַגאַנדע און דער אומגלויבן אין אזאַ שוידערלעכקייט האָט גורם געווען דערצו, אז מיר האָבן ניט רעאַגירט ווי געהעריק אויף דער דאָזיקער טראַגעדיע.

און אז עס האָבן די ידיעות געהאַמערט אין מוח און די פאַקטן האָבן געשטאָכן די אויגן און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אז צט-אַט וועט פון גרויס צער אויסברעכן דער גערעכטער צאָרן קעגן די מאָדערנע אינקוויזיטאָרן, האָבן די יידישע קאָמוניסטן תיכף אויסגעזוכט עלעמענטן פון יידישן סענטימענט, כדי אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון יידישן אומגליק אין ראַטנלאַנד.

נעמען מיר אלס ביישפּיל: בשעת דעם ארעסט פון דער יידישער אינטעליגענץ אין ראַטנלאַנד און דאָס שטום מאַכן דאָס יידישע לשון נאָך אין 1948; אין יענע יאָרן, בשעת די אָפיציעלע פּרעסע־אָרגאַנען (און אין סאָוועט-רוסלאַנד איז נישטאָ קיין אנדערע, האָבן זיך צעפּויקט וועגן די "תלמו-

דיסטישע דיאַלעקטיקער", "פּאָסטפּאַרטלאָזע בראַדיאַגעס" און די "שטאַם-לאָזע קאָסמאָפּאָליטן", וואָס טראָגן אַזעלכע נעמען ווי אַבראַשאַ, גראָסמאַן, אַראַנאָוויטש און ראַבינאָוויטש, פּונקט דאָן, האָבן די יידישע קאָמוניסטן אויסגעזוכט פון אונטער דער ערד אומבאַדייטנדיקע אינצידענטן ערגעץ אין פריע דעמאָקראַטישע לענדער, פאַרטויבט און אַבסטראַוירט אַלע געזעל-שאַפטלעכע טריבונעס מיט כלומרשן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. דאָס איז ספּעציעל געטאָן געוואָרן, כדי אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון ברוטאַלן אַנטיסעמיטישן קורס אין סאָוועטן-פאַרבאַנד.

נאָך. בעת די אַנטיסעמיטישע פּראָצעסן אין פּראַג און בשעת דעם שענדלעכן עלילת-דם קעגן די יידישע דאָקטוירים, די כלומרשטע "אַגענטן פון ציוניסטישן דזשאָינט און פון וועלט-קאָנגרעס", האָבן די יידישע קנעכט געמאַכט אַ ברכה על השחיטה, און פאַרטויבט די וועלט מיטן כלומרשטן אַנטיסעמיטישן פּראָצעס פון די ראָזענבערגס אין אַמעריקע. זיי האָבן אָנ-געווענדעט אַלע מיטלען, כדי צו מאַכן פון דעם געמשפּטן פּאָר-פּאָלק דווקא נאַציאָנאַל-יידישע מאַרטירער פון "אַנטיסעמיטישן" העכסטן געריכט אין צפון-אַמעריקע.

די דאָזיקע אַרבעטן זענען דורך זיי געמאַכט געוואָרן מיט עקשנות'-דיקער צודרינגלעכקייט. לײַדער, איז זיי מיט דער דאָזיקער אינסיסטענץ טיילווייז געלונגען אונדז צו פאַרטויבן.

קען זײַן, ווען מיר וואָלטן זיך צוגעהערט צו זיך אַליין, צו דער שטים פון אונדזער אייגענעם געמיט, וואָלטן מיר מסתּמא בעסער באַגריפן דעם גראַנדיעזן פאַרנעם פון דער טראַגעדיע, און די ווילד-הילכיקע געשרייען פון די פאַרפירער, וואָלטן אונדז ניט דערגרייכט. צודרינגלעך אַזוי ווי זיי האָבן מיר געדאַרפט זײַן, וואָלט אפשר דאָס אומגליק טיילווייז אָפּגעשריגן געוואָרן.

האָבן מיר זיך אָבער יאָ געלאָזט פאַרהילכן און פאַרשרייען; האָבן מיר ווייניק עקשנות אַרויסגעוויזן — דערין טאָקע באַשטייט אויך אונדזער זינד און גרויס איז דאָס שולד-געפיל.

לאָמיר-זשע זײַן געוואָרנט אויף ווייטער.

*

די געוויסנלאָזע "בנים פון אַרמילוס", זײַנען שוין אויפסניי דראַיק.

דער מאָסקווער באפעלער האָט פאר זיי געפונען די שולדיקע: איינער איז דער געשעצטער באנדיט בעריא און דער צווייטער איז... דער געאכפער־טער, איצט צו דער ערד געוואָרפענער, אָפגאָט סטאלין! דערמיט איז פאר זיי דער ענין דערליידיקט.

געדענקען מיר נאָך ווי גרויס און באוואונדערט עס איז געווען ביי די רויטע מה־יפית׳ניקעס דער זעלבער בעריא בעתן ארעסט פון די יידישע דאָקטוירים. דעמאָלסט איז בעריא געווען דער הייליקער "וועכטער פון דער רעוואָלוציע", דער "געניאלער אויפדעקער פון די מערדער אין ווייסע כאַלאַטן„ וואָס האָבן זיך שוין מודה געווען אין מוראדיקן פארברעכן... שפע־טער, בשעת מען האָט, אונטערן דרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג געמוזט באפרייען די דאָקטוירים און דערקלערן אז דאָס אלץ איז געווען א בייזווי־ליקער בלוט־בלבול, און אז דאָס מודה זיין זיך פון די דאָקטוירים איז א טראגישער פארס, האָבן זיך די יידישע קאָמוניסטן ניט פארלוירן און באלד פראָקלאמירט סטאלינען און בעריא׳ן אלס די ערלעכסטע, מוטיקסטע און געוויסנהאפסטע שופטים אין דער געשיכטע, און די סטאלינישע סאָוועטישע גערעכטיקייט די איינציקע אין דער וועלט...

די דעמאָלסטיקע „סאָוועטישע גערעכטיקייט" פון סטאלין און בע־ריא, האָט בליץ־שנעל געפונען אנדערע קרבנות אויף וועמען ארויפצוווארפן די שולד פארן שענדלעכן בלוט־בלבול און צווישן זיי איינע, א פון סטאלינען אליין דעקאָרירטע "העלדין". סטאלין און בעריא זענען גאָט די נשמה שול־דיק!...

איצט האָט ניקיטא כרושטשעוו אויסגעפונען און אנטדעקט, אז גאָר סטאלין און בעריא זענען די שולדיקע אין שוידערלעכן עלילת־דם!

היינט גיי־זשע און קליב זיך פונאנדער אין באָלשעוויסטישער יוסטיץ, אין דער לאָגיק פון אן אָרעמען יעווסעק און אין דער עלעמענטארער חברי־שער לאָיאליטעט פון ניקיטא כרושטשעוו!...

איצט איז דער גערעכטער שופט בעריא א שפיאָן און א בלוט־הונט, און דער אָפגאָט סטאלין — א ווילדער מאסן־מערדער. אזוי האָט באשטע־טיקט ער אליין, דער נייער פריץ ניקיטא כרושטשעוו.

ביז כרושטשעוו׳ס אנטדעקונגען וועגן די מעשים־תעתועים פון די ביז־איצטיקע הערשער האָבן די רויטע יידישע בוגדים מכלומרשט גאָרנישט געוואוסט...

קיין שום לעבעדיקער מענטש קען ניט אָנווייזן וואו עס געפינט זיך

דאָס לעבעדיקע אָדער טויטע געביין פון אלע, אָן אויסנאם, יידישע שרייבער און קולטור-טוער אין ראטנפארבאנד — זיי שוויגן!

צוויי מיליאָן יידן האָבן ניט קיין איינציקן פרעסע-אָרגאַן. אָבער זיי שוויגן!

ניטאָ קיין איינציק יידישע שול אויפן גאנצן ריזיקן שטח פון סאָוועטנ-לאנד — זיי וויסן גאָרניט, זיי שוויגן!

געשלאָסן אלע יידישע טעאטערן; ליקווידירט אלע יידישע אקאדעמיעס — זיי שוויגן!

אלע לעבעדיקע און טויטע יידישע שרייבער און געלערנטע, ראטנ-לענדישע און אויסלענדישע, זענען אויסגעמעקט פון די נייע סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיעס — זיי וויסן גאָרניט. זיי שוויגן!

יידן זענען באזייטיקט פון אלע העכערע און נידעריקע אמטן אלס שטאמלאָזע קאָסמאָפּאָליטן און פּאספּאָרטלאָזע בראדיאגעס — זיי וויסן נע-בעך פון גאָרניט, זיי שוויגן!

אָבער די דאָזיקע פארטרעטער, די מאָראלישע מיט-רוצחים, האָבן שוין גאָרנישט געשוויגן ווען עמיצער האָט יאָ געוואָלט וויסן, וואָס עס געשעט מיט דער יידישער קולטור בכלל און מיט די פארשוואונדענע שרייבער בפרט.

פאר די וואָס האָבן געפרעגט, פאר די, וואָס האָבן געפּאָדערט א דער-קלערונג וועגן דער שטומער פארשווערונג פון אויסראָטן און פארטיליקן אַז אלטע קולטור פון א פיל-מיליאָניקן פאָלק, האָבן די טויט-שוויגנדיקע גאָרניט-וויסנדיקע יעווסעקעס פלוצים באקומען לשון, און א וואקכאנאליע פון זידלערייען האָט זיך א לאָז געטאָן אויף די קעפ פון די, וואָס האָבן געוואגט צו פּרובירן באַאומרואיקן זייערע הארץ מיט אומבאקוועמע פראגן.

די דאָזיקע פרעגערס זענען ביי די יעווסעקעס געווען ניט ווייניקער ווי יידנראטלער, מלחמה-צינדער, אמעריקאנער שפּיאָנען, פען-באנדיטן, סתם פארברעכער און... טיטאָיסטן...

*

די יעווסעקישע ליגנער האָבן אָבער א קורצן זכרון און גרעניצלאָזע אומפארשעמטקייט. איצט וויסן זיי שוין, איצט דערציילן זיי אז זיי האָבן יאָ געוואוסט, נאָר כדי ניט צו געבן קיין פּתחון-פּה די שונאים פון סאָוועטנ-פארבאנד, האָבן זיי געשוויגן!

און אין דעם דערציילן און מודה זיין גופא ליגט אויבן-אויף דער אומ-פאַרשעמטער שקר, וואָס באַצוועקט ריינצוואַשן און אַרויסצוהייבן אַלע מיטבאַטייליקטע אין דער רציחה, וואָס זיצן היינט אויף די העכסטע בענק-לעך אין קרעמל און וועמען די משרתים דאַרפן איצט געטריי דינען.

הערט ווי אַזוי זיי דערציילן וועגן דעם אומקום פון די יידישע שרייבער און וועגן דער טאָטאַלער ליקווידאַציע פון דער יידישער קולטור אין ראַטנ-לאַנד.

עס דערציילן די יעווסעקישע בלעטער אומגעפער אַזוי:

"די טרויעריק-באַרימטע בעריא-פּרשה און אירע צעשטערערישע רע-פּרעסיעס האָט, צוזאַמען מיט איר שעדלעכן איינפלוס אויפן אַלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, אויך געבראַכט טרויעריקע רעזולטאַטן פאַר דער שעפערישער אַקטיוויטעט פון דער יידישער באַפעל-קערונג און פאַר אַ ריי (נאָר אַ ריי? !) יידישע שרייבער און געזעל-שאַפטלעכע קולטור-טוער.

אַלס ערשטע קרבנות פון דער דאָזיקער געזעלשאַפטלעכער פּלאָג זענען, אין מיטן בלי פון זייער טאַלאַנט אויסגעריסן געוואָרן די שעפער פון אונד-זער קולטור, איזי כאַריק, משה קולבאַק, מאַקס עריק, יאַטאַ בראָנשטיין, דוניעץ און נאָך און נאָך אַ סך אַנדערע, אַלע אָרנטלעכע באַגאַבטע מענטשן, מיט לייב און לעבן איבערגעגעבענע דער קאָמוניסטישער זאַך און דעם פולן אויפשטייג פון די יידישע מאַסן".

די יעווסעקישע שוואַרץ-קינצלער ווילן באַווייזן אַ קונץ, אַז אין דעם מאָרד פון די דערמאָנטע שרייבער, וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין די דרייסיקער יאָרן, איז גאָר שולדיק בעריאַ, וועלכער האָט אין יענער צייט נאָך ניט געהאַט פאַרנומען קיין שום פּאָזיציע אין דער סאָוועטישער אַלי-גאַרכיע. דעמאָלסט האָבן גאָר דורכגעפירט די רציחות די תלינים יעזשאָוו אָדער יאַגאַדאַ און דאָס נאָר אויפן באַפעל פון די הויכגעשטעלטע מאָרד-מייסטערס פון קרעמל.

ערשט די טאָטאַלע ליקווידאַציע פון די יידישע שרייבער און די פאַר-טיליקונג פון יידישן קולטור-לעבן אין יאָר 1948 איז דורכגעפירט געוואָרן דורך בעריאַ'ן און איצט אויך נאָר אויפן אויסשליסלעכן באַפעל און הסכם פון די קרעמל-הערשער, צווישן זיי ניט וויינציק היינטיקע מושלים, וועמען די יעווסעקעס זוכן איצט דיינ-

צוואוואשן און פרעסטיזשירן, ובראשם ניט קיין אנדערער ווי ניקיטא כרושט-שעוו, דער שולדיקער און פאַראַנטוואָרטלעכער פאַרן נאָך-מלחמה׳דיקן שווי-דערלעכן פּאָגראָם אויף יידן אין קיעוו.

נאָך מער, עס ווייזט זיך גאָר ארויס אז דער גרעסטער טייל דערמאָר-דעטע יידישע שרייבער זענען טאקע ארעסטירט געוואָרן דערפאַר ווייל אלס מיטגלידער פון יידישן אנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, האָבן זיי אונטערגעשרי-בן א פּעטיציע, וואָס פאָדערט אויסצופאָרשן דעם פּאָגראָם אין קיעוו און באשטראָפן די שולדיקע און פאַראַנטוואָרטלעכע — איינשליסלעך די מאַכט-האָבער — וועלכע האָבן זיך ניט באמיט דעם פּאָגראָם אָפּצושטעלן. **אין דאַמאָלסטיקן קיעוו איז דער אומבאַגרע-נעצטער דיקטאַטאָר געווען ניט קיין אנ-דערער ווי נאָר ניקיטאַ כרושטשעוו.**

אזוי ארום קען גרייטלעך זיין, אז דוקא כרושטשעוו איז דירעקט פאַר-מישט אין דעם אומברענגען די יידישע שרייבער, וועמען מיר זענען היינט מזכיר.

עס איז ניט קיין צופעליקייט וואָס אין זיין בארימטער רעדע וועגן סטאַלינס פאַרברעכנס אויפן 20-סטן קאָמוניסטישן קאָנגרעס, האָט כרושטשעוו אויסגערעכנט אלערליי חטאים, אָבער מיט קיין איינציקן וואָרט נישט דערמאָנט סטאַלינס מאָנסטעריעזן, הימל־שרייענדיקן פאַרברעכן פון שטום מאכן א גאַנץ פאָלק און אומברענגען זיינע גייסטיקע מנהיגים. פאַר כרושטשעוון איז דאָס מאָרדן יידן און אויסמעקן זייער קולטור א פּנים קיין חטא ניט...

אָט-דעם דאָזיקן ניקיטא מוזן דאָס די יעווסעקעס דיינוואַשן און ארויסשטעלן פאַרן צדיק; פאַר אים ווילן דאָס די רויטע יידעלעך ביי אונדז א נייעם מאָראַלישן קרעדיט. ער וועט שוין כלומרשט אלע עוולות גוט מאכן...

די יידישע קאָמוניסטן פאַלט גאָר ניט איין צו טראַכטן, אָדער מאכן זיך ניט ווייסנדיק, אז די איצטיקע הערשער פון סאָוועטנפאַרבאַנד זענען ניט פלוצלינג אראָפּגעפאַלן פון מארס גלייך אין קרעמל אריין, נאָר אז זיי זע-נען, במשך לאַנגע יאָרן, געווען די נאָענטסטע מיטארבעטער און מיטהעל-פער פון סטאַלין און בעריא; זיי ווילן אונדז מאכן פאַרגעסן, אז אויך זיי, די

היינטיקע הערשער, זענען באַוואוסטזיניק אנגאזשירט אין דער שטומער קאָנספּיראַציע קעגן יידישן פאָלק.

אויב טאקע בלויז סטאלין איז דער פארברעכער, פרעגט זיך: פאַרוואָס האָבן די איצטיקע הערשער געשוויגן אזוי פיל יאָרן נאָך סטאַלינס טויט? פאַרוואָס האָבן זיי נאָך ביז איצט נישט ליקווידירט סטאַלינס אנטיסעמיטישן קורס? פאַרוואָס איז נאָך ביז הייַנטיקן טאָג נישט פאַראַן קיין איין יידישע דרוק, קיין איינציקע יידישע שול, קיין איינציקער יידישער טעאַטער? פארוואָס איז בכלל נישט דערלויבט די באנייאונג פון יידישן קולטור-לעבן איז רוסלאנד און דער קאָנטאקט מיט זייערע אויסלענדישע ברידער איז נאָך אלץ א פארברעכן?

דער אמת איז, אז וואָס עס איז נוגע יידן הערשט איצט, ווי אמאָל, פולשטענדיקע איינשטימיקייט צווישן בעריא, סטאלין און כרושטשעוו.

טאקע דערפאר האָבן כרושטשעוו און אלע קרעמל-לייט, שוין יאָרן נאָך סטאלינס טויט, פארשוויגן און באהאלטן דעם מוראדיקן פארברעכן לגבי די מיליאָנען יידן אין ראטנפארבאנד.

אונדזערע דויטע בוגדים מאכן זיך פון אָט-דעם אלעמען נישט וויסנדיק, און ווילן אונדז איינרעדן, אז די טראגעדיע פון ראטנלענדישן יידנטום איז בלויז א חלק פון דער אלגעמיינער רוסלענדישער טראגעדיע, פאראורזאכט דורך סטאלינס דעספּאָטיזם און בעריאס סאבאָטאזש. והראיה — טענה'ן זיי — בעריא און סטאלין האָבן געמאָרדעט נישט נאָר יידן און צווישן זיי נישט ווייניק זייער אייגענע גרוזינישע ברידער.

אמת, דער בלוטיקער טעראָר-רעזשים אין ראטנלאנד מאָרדעט נישט בלויז יידן. אָבער צי איז אין ראטנלאנד פאראַן נאָך איין פאָלק, וועמעס שרייבער און אינטעליגענץ עס זענען טאָטאל פארפּייניקט און אויסגעמאָרדעט געוואָרן? צי איז פאַראַן אין ראטנפאַרבאַנד נאָך איין פאָלקס-קולטור, וואָס איז אינגאַנצן אויסגעמעקט און ליקווידירט געוואָרן, ווי

מאַראַליש מיטשולדיק

דאָס איז געשען מיט דער יידישער קול־טור? — — —

*

מיר זענען א געפּרואווט פאָלק. סטאַלין איז ניט דער ערשטער פאַר־געטערטער גוי אין דער געשיכטע וועגן וועמען מיר יידן האָבן לכתחילה, און די ערשטע, געזאָגט אז זיי זענען ניט מער ווי מאַניאַקישע, צעווויל־דעוועטע דעספּאָטן, בלוט־דורשטיקע טיראַנען און פעלקער־מערדער.

שפּעטער — אָפטמאָל צו שפּעט — באַשטעטיקט די געשיכטע אונדזער דיאַגנאָז און אַלס אזעלכע פאַרבלייבן זיי פאַר דער געשיכטלעכער אייביקייט.

אזוי איז אין אַלטערטום געווען מיטן פאַרגעטערטן אימפּעראַטאָר קאַליגולא, און אזוי איז אין אונדזער צייט געשען מיט די געוועזענע אָפּגעטער היטלער און סטאַלין.

פאַר דער געשיכטע וועלן זיי פאַרבלייבן אזוי ווי מיר האָבן זיי לכתחילה געזען — בלוט־דורשטיקע משוגעים.

איז פאַר אונדז קיין בייעס ניט אז גויאישע טיראַנען זאָלן אָנהויבן אַדער פאַרענדיקן מיט יידן־פאַרפאָלגונגען. עס פאַרדריסט אונדז טאַקע, אָבער מיר נעמען עס אויף כמעט ווי א זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. גוים טוען דאָס, וואָס זיי האָבן אַלע מאָל געטאָן — זיך איזדעקעווען איבער שוואַכן.

אָבער אז יידן זאָלן זיך שטעלן אַלס אידייאישן ציל צו שיצן, דינען און העלפן די טאָרקוועמאַדאַס ביים פאַרטיליקן יידן און יידישן גייסט, ווי דאָס האָבן געטאָן און עס טוען ווייטער די יידישע קאָמוניסטן — דאָס איז שוין יאָ נייַ אין אונדזער געשיכטע.

אמת, מיר האָבן געהאַט אזעלכע וואָס האָבן זיך אידענטיפיצירט מיט די פאַרפאָלגער, אריבער אין לאַגער פון אינקוויזיטאָרן און הייליקע טיראַנען; אוועק צו די לאַיאָלאַס, טאָרקוועמאַדאַס און קאַפּיסטראַנאָס, נו, האָבן

מיר זיי פון זיך אויסגעשפּיגן — משומדים, מומרים להכעיס; מיר האָבן מיט זיי קיין מגע ומשא ניט — רענעגאַטן.

דאָ, אין אונדזער פאַל, האָבן מיר צו טאָן מיט אַ דערשיינונג, וואו די רענעגאַטן זענען אין אונדזער מיט, זיצן מיט אונדז אין אינסטיטוציעס, טוען זייער צעשטערערישע אַרבעט ווי מענטשן וועמען עס גייט כלומרשט אָן אַך ורק דער גורל פון יידישן פאָלק און זיין נאַציאָנאַלער המשך.

קעגן אָט-דער באַשטייענדיקער געפאַר פון אינעווייניקסטער מינירונג דאַרפן מיר וואַכן מיט טויזנט אויגן.

די דערשראָקענע פאַרבענקטע בליקן פון דריי מיליאָניקן פאַרשטומ- טן יידנטום אין ראַטנלאַנד, און די ביז היינט פאַרהוילענע קברים פון די אומגעבראַכטע יידישע שרייבער „ערגעץ-וואו אין רוסלאַנד" פאָדערן פון אונדז די דאָזיקע וואַכזאַמקייט.

*

וואו געפינען זיך די קברים פון דער דערמאָרדעטער אינטעליגענץ?

ניט שייך צו פרעגן... און קיינער וועט אייך ניט זאָגן, מחמת אַזוי פאָ- דערט די שטומע קאָנספּיראַציע פון די פאַרברעכער...

ניטאָ קיין קבר לעבן וועלכן מען וואָלט געקענט אַ קדיש זאָגן.

זאָגן מיר אונדזערע קדישים אין חלל-העולם אַריין; זאָלן זיי צוזאַמען מיט אונדזער ווייַ גרייכן די הימלען און דאָרט מאָנען באַצאָלונג פאַרן הייַ- ליקן, אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט.

און געשען זאָל אַזוי, אַז דאָס געשפּענסט פון פאַרברעכן און אומ- רעכט זאָל אַריינוואַרפן אין שרעק, יאָגן און פּייניקן דאָס געוויסן פון די רוצ- חים ביז זיי וועלן אַליין צעטרייסלען די יסודות פון זייער אכזריות'דיקן סדר.

און דאַן, וועלן פון אַלע שייטערן און פייערן אויפסניי אויפגיין אונד- זערע הייליקע אותיות-פורחות, און ווידער באַשיינען די געפּייניקטע ערד.

יזכור-טעג

יזכור-טעג

מיר האָבן זיך צוגעוואוינט דורכצופירן די יערלעכע הזכרות נאָך אונדזערע קדושים וטהורים אונטערן נאָמען ״אזכרה צום יאָר-טאָג פון אויפ-שטאנד אין ווארשעווער געטאָ״.

אין אונדזער מענטאליטעט אסאָציאירט זיך באמת דער טרויער-אקט נאָר מיטן דערמאָנטן רעוואָלט.

איז עס, קודם-כל, אן עוולה לגבי די טויזנטער אויפשטענדלער, וואָס האָבן זיך געגרייט און באוואָפנט צום קאמף, און טאקע אויך געקעמפט, און די געטאָס פון ביאליסטאָק, טשענסטעכאָוו, בענדין און אין א צאָל אנדערע שטעט, אפילו אין טויט-לאגערן.

און זיכער זענען ניט קיין קלענערע גבורים די טויזנטער ווידער-שטענדלער אין ווילנע, קראָקע און אין אנדערע שטעט, באקאנטע און אומ-באקאנטע, וואָס האָבן זיך געגרייט צום קאמף, נאָר זיי זענען דערמאָרדעט געוואָרן פריער, איידער דער קאמף האָט זיך אָנגעהויבן און אזוי ארום האָבן זיי צום קאמף ניט דערלעבט — זענען זיי ניט ווערט דערמאָנט צו ווערן?

וועגן די אומגעקומענע 6 מיליאָן קדושים, וועגן די, וואָס זענען נאָך יאָרן אומגלויבלעכן פיין געפירט געוואָרן כצאן-לטבח צו די אוממעגלעכסטע מיתות משונות, ווערט שוין באלד אין די הזכרות ניט דערמאָנט.

דעם אומקום פון מיליאָנען אָן געווער, נעמען מיר שוין כמעט אויף ווי א פאטאלע אומפארמיידלעכקייט...

מיר זענען געוואָרן איבערקלייבעריש אין ענין פון גבורה. עמעץ אנ־דערש ווי געטאָ-אויפשטענדלער און פארטיזאנער שטייט אונדז, מישטיינס־געזאָגט, ניט אָן אריינצונעמען אין פאנטעאָן פון אונדזער נאציאָנאלן הע־ראָאיזם.

געוויינטלעך טראכטן מיר וועגן יידישער גבורה און קדוש-השם ווי וועגן אן אקט פון פרייוויליקן מקריב זיין דאָס לעבן. אוודאי איז דאָס גבורה און קדושה; מיר דוכט אָבער, אז א העכערע מדרגה פון גבורה און קדוש־השם איז, צו קענען שטיין במשך פון יאָרן, יעדער שעה, יעדער מינוט פאר דער געפאר פון די שוידערלעכסטע פיזישע עינויים, נאָך וועלכע דער טויט איז גאָר א דערלייזונג, און דאָך אויפצוהאלטן א באגער צום לעבן, ניט אויפצוגעבן די האָפנונג אין דעם גלויבן אז אָט, אָט קומט דעם שונא'ס מפלה און מ'וועט איבערלעבן און ווייטער פירן א יידישע עקזיסטענץ.

דוקא אין אָט דער "פאסיווער" רעזיסטענץ איז געווען גבורה'שע אק־טיוויטעט פון א ניט געאנטער העכערער און העכסטער מדרגה.

וואָרום אלץ וואָס א ייד אין געטאָ האָט געטאָן כדי איינצוהאלטן זיין נאקעטן לעבן, איז דאָך — לויט דעם שונא — געווען דער גרעסטער מלוכה־פארברעך פאר וועלכן טויט אָן עינויים איז געווען די מילדסטע שטראָף. במילא איז דאָס אריינגנב'ענען דורך די געטאָ־מויערן א שטיקל ברויט, א פאָר קארטאָפל אָדער א פערטל פונט גרויפן געווען ניט ווייניקער ריזיקא־ליש, רעוואָלוציאָנער און העלדיש ווי דאָס אריינברענגען א רעוואָלווער.

כדי ארויסצורייסן נאָך א טאָג, נאָך א שעה, נאָך א מינוט לעבן האָט א ייד אין געטאָ געדארפט פארזוענדן אוצרות פון מוט, ענערגיע און אויס־דויער; ער האָט געדארפט בויען אונטערערדישע בונקערס, מאלינעס אויף בוידעמער און אין צווישנווענט; ער האָט געדארפט געפינען פארבאָרגענע־דורכגענג צו אנטרינען פון אלערליי אקציעס, רעוויזיעס און דעפּאָרטאציעס.

חוץ דער פערמאנענטער פיזישער רעזיסטענץ, איז דאָך ממש צום שטוינען איבער דער גבורה פון גייסטיקן ווידערשטאנד אין די געטאָס.

וואָרום כדי צו טויטן דעם גייסט, האָט דער שונא שטרענג פארבאָטן די עקזיסטענץ פון חדרים, שולן, קורסן און ישיבות. נו, איז דען אפילו אויף איין טאָג פארשטומט געוואָרן אין די געטאָס דער קול-התורה? אין די

אנטדעקטע בונקערס האָבן די נאַצישע רוצחים געפונען שטויסן ספרים וואָס זענען נאָכדעם, צוזאמען מיט זקנים און קינדער, ווי עולות-תמימות, ארויף מיטן רויך צום הימל. — איז דאָס ניט קיין גבורה? איז דאָס ניט קדוש-השם?

עס ווייסט ניט די גאַר מענטשלעכע געשיכטע צו דערציילן פון א גרעסערער גבורה ווי די געוואגטקייט פון די טויזנטער קינדער אין די גע-טאָס, וועלכע האָבן זיך געגראָבן אונטער די געטאָ-מויערן כדי פון יענער זייט ארייננצושמוגלען א געקויפטע, אָן אויסגעבעטלטע אָדער גאָר א געפו-נענע ברויט-סקאָרינקע, א קרויט-וואָרצל אָדער א קארטאָפל כדי דערמיט צו ראַטעווען א קראנקער מאמען אָדער א שוועסטערל, אן עופה'לע, וועלכע ליגט אין לעבעדיקן קבר-לאָך וואָס ס'איז פאַר יידן צוגעטיילט געוואָרן ווי "דירות" אין די אַלעמאָל פארקלענערטע געטאָ-שטחים.

טויזנטער פון אַט די קינדער זענען אומגעקומען ביים דאָזיקן — וויי איז אונדז — שמוגל. אַט די צאַן קדשים זענען שפּעטער געוואָרן א ציל פאַר פריילעכע שיס-עקסקורסיעס פון הויכגעשטעלטע מערדער מיט זייע-רע ווייבער — זונות, וואָס האָבן זיך נאָכדעם בארימט, אז היינט איז זיי גע-לונגען צו צילן אין כך-וכך "מייז"...

און פונדעסטוועגן האָבן די קינדער ניט אָפּגעשטעלט און כסדר אריינ-געגנב'עט עפּעס שפּייז כדי צו דערהאלטן די נשמה פון א גוסס'ער מאמען, טאטן, זיידן אויף נאָך א שעה, נאָך א מינוט...

ווער-זשע, פרעגט זיך, האָט ווען עס איז ארויסגעוויזן מערער מסירת נפש און ווער נאָך האָט שוין אזוי געהייליקט מענטשלעך לעבן ווי עס האָבן דאָס געטאָן די קינדער אין די געטאָס? די דאָזיקע משה'לעך און שלמה'-לעך האָבן נאָך, אין זייער כשר'ער יידישער תמימות, ניט איינמאָל געפרעגט אין זיך און אויפן קול: "פאַרוואָס טוט מען אונדז אזא שלעכטס, מיר זענען דאָך גוטע קינדער, מיר טוען דאָך א גוטע זאַך?...

*

מיר טאָרן ניט מחלק זיין צווישן אונדזערע אקטיווע, מיט געווער-קעמפנדיקע גבורים און די כלומרשט "פּאַסיווע" קדושים. מיר זענען מזכיר אלע מיטן זעלביקן יראת-הכבוד און מיט דער אייגענער ליבשאפט. ווייל

ס'זענען, אמת געווען „גרויסע מעשים פון יחידים אָבער נאָכמער זענען געווען גרויסע בציבורדיקע מעשים פון וועלכע ס'איז קיין איינציקער עדות ניט געבליבן".

אלע גלייך דארפן פארקריצט בלייבן אויפן טאָוול פון אונדזער הארץ.

וואָרום אין שעה'ן פון דערמאָנונג, הערן מיר דאָס געשריי פון אלע מיליאָנען פארלענדטע און פארשניטענע. ס'קוקן אויף אונדז אויגן פון פארפייניקטע מאַמעס און עס פארפאָלגן אונדז די דערשראָקן-שטוינענדיקע בליקן פון פארברענטע קינדער.

דערמאָנען מיר דערפאר נישט בלויז די פריווילעגירטע גבורים, וואָס זיינען אומגעקומען אין פייער פון דעוואָלט אין די געטאָס, נייערט אלע מיליאָנען וואָס זיינען פארגאנגען אין קדושה און ריינקייט, אויסגעצערטע פון הונגער אויף די גאסן אין געטאָ, פארפייניקטע אין לאגערן, דערשטיקטע אין גאז-קאמערן און אומגעקומענע מיט אַלערליי מיתות.

הילפלאָז איז דאָס מענטשלעכע לשון. נישטאָ קיין אויסדרוק צום שילדערן דאָס אומצאָליקע טויזנטפאַכיקע שטאַרבן פון יעדער איינעם פון די זעקס מיליאָן ביזן טויט. דאָס זיינען געווען יאָרן פון לאנגזאמער גסיסה, יסורים אוממענטשלעכע אין פארשפאַרטע געטאָס און אין פארחתמעטע צוגן, וואָס האָבן זיי צו פּיין- און טויט-לאגערן געפירט.

דריי און אַ האַלב יאָר נאַצי-הערשאַפט ביזן אויפשטאנד, זיינען אייגנטלעך געווען איין קייט פון טאָג-טעגלעכער גבורה און קדוש-השם פון אייראָפּעאישן יידנטום. דער אויפשטאנד פון ווארשעווער געטאָ איז נאָר די אָפּצייכענונג, דער שטארקסטער אויסדרוק פון גרויס-הערּאָאישער הייליקער דערהויבונג פון אומגעבראכטן זעקס-מיליאָניקן יידנטום.

*

כדי צו קענען זיך אמת'דיק מתייחד זיין מיט אלע, אלע קדושים, וואָלט מען אפשר נישט געדארפט רופן דעם יידישן עולם אין פרעמדע טעאַטער-סאלאָנען און פראווען חורבן-הזכרות ווי מיטינגען מיט צוגעטיילטע כיבוד-רעדעס פאר געזעלשאַפטלעכע און פארטייאישע "פראָעמינענצן" מיט „פרעזידיום"-טישן פאר אויסגעפּוצטע אויבנאָנזיצערס און מיטן גאנצן קלאפער-געצייג פון טעאַטראלע עפעקטן און "קונסט„-טיילן...

נייַן, נישט אין קיין פריילעכע טעאַטער-זאַלן, נאָר אין די בתי־כנסיות און בתי-מדרשים דאַרף זיין דאָס אָרט ווו אָפּצוריכטן דעם טרויער נאָך אונדזער גרעסטן חורבן. דאָ, אין אַלטן מקום-קדוש אונדזערן, און נישט אַנדערשוווּ, און אוודאי נישט אין דער צווייפלהאפטער געזעלשאַפט פון נאַציאָנאַל-פיינטלעכע אינפילטראַנטן, קענען דבנים אונדז מעורר זיין צו חשבון און דערמאָנונג.

אין בית-התפילה קען די פאַרזאַמלטע עדה פון אבלים, זיך האַרציק אויסוויינען ביי אַ פּאָסיק קאַפּיטל תהילים, ביי יזכור און קדיש. נישקשה, זאָלן אויך די ווענט פון אונדזערע היגע, נייע בתי תפילה זיך דורכזאַפּן מיט דער טויזנטיאָריקער ייִדישער טרער; אַן איינגעגעסענער פלעק פון אַ ייִדישער טרער אין די ווענט פון אונדזערע זאַמל-הייזער, גיט זיי צו דעם חן פון ערנסטער קדושה — ס'פּאַסט זיי צום פּנים...

חוץ אַלעמען אין די טרער נאָך אונדזערע קדושים צו הייליק, אַז מיר זאָלן זי לאָזן פאַרוואַלגערן ערגעץ אין אַ פריילעכן טעאַטער-סאַלאָן...

*

די גבורה'דיק אויסגעקעמפטע מדינת ישראל איז דער געשיכטלעכער כופר-נפש פאַר די אומגעקומענע און די איינציקע טרייסט פאַר אונדז, די אבלים נאָכן פאַרלענדטן דריט-חלק פון אונדזער פאָלק. עס מילדערט אָבער נישט דעם יאָמער אין האַרצן פאַר די פאַרפייניקטע מאַמעס, שוועס-טערס, טאַטעס און ברידער.

נישטאָ נאָך קיין הײנטצייטיקע איכה; נישטאָ נאָך קיין פעסטגע־שטעלטע מאָדערנע חורבן-ליטורגיע, וואָס זאָל אויסדריקן אונדזער נאָגנ-דיקן ווייטיק פאַרן זעקס-מיליאָניקן אומקום.

פאַר די טעג פון דערמאָנונג איז נאָך נישט באַשאַפן געוואָרן קיין תפילה צו קילן דעם ברענענדיקן צער; נישטאָ נאָך קיין געבעט, וואָס זאָל באַרואיקן אונדזער צעשטורעמטן, יסודים'דיקן געמיט.

ס'זיינען בלויז דאָ די אַלטע, אין צער און אין טרערן אויסגעווייקטע

יזכור-טעג

תפילות — קדיש און אל מלא רחמים — זאָל-זשע דורך זיי ווייטער שריי-
ען אונדזער צער און צאָרן, און דורך זיי זאָל אויף אייביק געהייליקט זיין
דאָס געדעכעניש פון אלע אומגעקומענע.

(אפּריל, 1963)

★

די סכנה פון ותרנות

די סכנה פון ותרנות

(רעדע געהאלטן אויפן אלוועלטלעכן צוזאמענפאָר פון

יידישע לערער אין ירושלים אין חודש יולי 1958).

לאָמיר קודם כל זיך פאָרשטעלן:

מיר זענען א ישוב פון בערך 120 טויזנט יידן.

אונדזער שול-פארמעגן היינט צו טאָג, באשטייט פון 29 גרונט-שולן אין 11 שטעט; 7 מיטל-שולן, 2 לערער-סעמינארן, 114 לערערס און 5092 תלמידים וואָס מאכן אויס 20 פראָצענט פון די קינדער אין שול-עלטער.

אין חודש יאנואר פון יאָר 1929 איז אין בראזיל פאָרגעקומען דער ערשטער לערער-צוזאמענפאָר, אין וועלכן ס'האָבן אָנטייל גענומען 32 לערער באשעפטיקטע אין 19 שולן.

אין יענע יאָרן איז אין בראזיל געווען זעלטן אן אימיגראנט, וואָס זאָל האָבן געווען אין לאנד מער ווי 10 יאָר. דאָך האָט מען, אין דער קורצער צייט, שוין געקענט זען די בולט'ע סימנים פון מאטעריעלן וואוילשטאנד צווישן די נייע אימיגראנטן.

די אויסזיכטן פון וואוילשטאנד האָבן אָבער ווייניק געלאָקט און אימפּאָ-נירט די עטלעכע אינטעליגענטע יונגע לייט, וואָס זענען מיטגעריסן גע-וואָרן מיטן עמיגראַציע-שטראָם. די דאָזיקע יונגע לייט האָבן פּאַרקאַטשעט די אַרבל און זיך געוואָרפן אין דער אומדאַנקבאַרער אַרבעט צווישן פאַר-ביזנעוועטע פּעדלערס, אויפצובויען אַ יידיש נאַציאָנאַל-פאָלקסטימלעכע געזעלשאַפט, וואָס זאָל אין די נייע היימען, ממשיך זיין דעם שעפערישן גאַנג פון יידישן פאָלק אין די תפוצות און צו דערציען אַ דור פון חלוצים, וואָס זאָל פונעם נייעם גלות צוטראָגן זיין קענטיקן חלוצישן חלק צום אויפ-בוי פון דער יידישער היים אין ארץ-ישראל.

אזוי איז געשען, אַז אין משך פון 3-4 יאָר, איז ביזן שול-יאָר 1928 אויפגעשטעלט געוואָרן אין 24 ישובים — 27 שולן מיט בערך 800 תלמי-דים.

דאָס אויפשטעלן אַזאַ צאָל שולן אין בראַזיל איז געווען אַן אומגע-הויער שווערער אויפטו צו וועלכן ס'האָט זיך געפאָדערט ממש חלוצישער מוט און אויסדויער.

וואָרום, אין קעגנזאַץ צו אַנדערע עמיגראַציע-לענדער, וואו יידן בויען זייערע קהילות אין גרעסערע, מער ציוויליזירטע שטעט, מיט מער ווייני-קער גוטער און שנעלער קאָמוניקאַציע צווישנאַנאַנדער, איז דאָן כמעט אַ העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין בראַזיל געווען צעשפּרייט אי-בער די ריזיקע, ווייניק-ציוויליזירטע, שטחים פון בראַזיליאַנישן הינטער-לאַנד, צו וועלכע מען פלעגט זיך דאַרפן שלעפּן טעג און וואָכן.

אהין, צו יענע, פון גאָט און וועלט, פאַרוואַרלאָזטע יידן זענען עס געגאַנגען אונדזערע בעסטע לערער, און אונטער אומגעהייער, מאַטעריעלער און גייסטיק-מאָראַלישער נויט געבויט די יידישע קהילות אויפגעשטעלט בתי-תפילה, ביבליאָטעקן און, אחרון, אחרון — שולן.

דער גרעסטער טייל פון די אַנשטאַלטן איז אַנטשטאַנען אויף אַן אימ-פּראָוויזירטן אופן, זיך געבויט און אויפגעהאַלטן אויף צופעליקייטן. ניט געווען נאָך קיין אָרגאַניזירטע אינסטאַנץ, וואָס זאָל פּלאַנירן אָדער אויטאָ-ריזירן דאָס אויפשטעלן שולן מיט אַזאַ אָדער אַנדער פּרצוף, סיי אין לבוש סיי אין תוכן.

ס'איז דעריבער ניט לייכט אָנגעקומען איינצורעדן די יידן אין די באַזונדערע מקומות, און זיי צו איבערצייגן, אַז כדי אויסצוהיטן די קינדער

פון אומאנגענעמע השפעות, אומפארמיידלעכע אין א קאטוילישער שול-סביבה, מוזן אויפגעשטעלט ווערן גאנצע טאָג-שולן, וואו דאָס קינד זאָל באקומען זיין אלגעמיינע און יידישע בילדונג און דערציאונג אונטער דער דירעקטער השפעה און אין דער אטמאָספערע פון יידישע לערער. שווער געווען דערפאר, ווייל דאָס איז געווען פארבונדן מיט גרויסע מאטעריעלע אָנשטרענגונגען, צו וועלכע דער נייער אימיגראנט איז בכלל ניט נוטה געווען. דאָ איז אָבער, צום גליק, אונטערגעקומען די מאטעריעלע און מאָראלישע הילף פון געוויזענעם דירעקטאָר פון איק״א אין בראזיל, הרב דר. ישעיהו ראפאלאָוויטש ז״ל. א דאנק זיין מאטעריעלער און מאָראלישער הילף איז עס טאקע אנטשטאנען דער דערמאָנטער ערשטער לערער-צוזאמענפאָר אין בראזיל וואָס האָט אָנגעצייכנט און געגעבן אויטאָריטעט דעם אידעאָלאָגישן וועג פון יידישן שול-וועזן אין בראזיל. א וועג — וואָס האָט אונדז געפירט צו פּאָזיטיווע דערגרייכונגען פארן יידישן ישוב אין בראזיל און פאר אונדזער חלוצישן חלק אינעם אויפבוי פון ארץ ישראל. זאָל דאָ, אויף דעם אלוועלטלעכן צוזאמענפאָר פון יידישע לערער אין ירושלים, מיט כבוד דערמאָנט ווערן צום גוטן דער נאָמען פון הרב דר. ישעיהו ראפאלאָוויטש.

*

ווען מ׳זאָל מיר היינט פרעגן, פארוואָס מיר האָבן געהאט צו פארצייכענען דערפאָלגן, וואָלט איך געענטפערט: דאָס איז געשען דערפאר ווייל מיר האָבן געהאט רעוואָלוציאָנערן מוט.

מיר האָבן זיך ניט געשראָקן צו זאָגן וואָס מיר ווילן; מיר האָבן ניט קיין מורא געהאט פאר די אָנהענגער פון יידיש צו זאָגן אז מיר ווילן העברעאיש, און זיך ניט געקווענקלט פאר די עברית-אָנהענגער צו זאָגן קלאָר אז מיר ווילן יידיש; מיר האָבן זיך ניט באהאלטן פאר די רעליגיעזע מיט אונדזער פרייען טראכטן, און זיך ניט געשעמט פאר די פריידענקער מיט אונדזער רעליגיעזיטעט אָדער רעליגיעזע איינשטעלונגען און — ועל כולם — מיר האָבן זיך ניט אָפּגעהאלטן אָפּן צו זאָגן דעם סתם-ייד און אפילו דעם זעלבסט-צופרידענעם אָלרייטניק, אז מיר ווילן דערציען זייערע זין און טאָכטער צו אן אנדער לעבן, אז מיר ווילן אז זייערע קינדער זאָלן זיך געפינען צווישן די בויער פון יידישן היימלאנד אין ארץ ישראל.

איך נעם אָן די מעגלעכקייט, און ווען מיר וואָלטן בשעתו געווען נאָכ-גיביקער, ווען מיר וואָלטן זיך געלאָזט איפּן וועג פון ויתורים, וואָלט אפשר דער פּראָצענט קינדער אין אונדזערע שולן געווען עטוואָס א גרעסערער. אין אזא פאל, וואָלטן מיר אפשר היינט געהאט אין בראזיל נאָך עטלעכע הונדערט אקאדעמישע קישקע-יידן, וואָס עסן מיט אפּעטיט געפילטע פיש און פּיקאַנטע געהאַקטע לעבערלעך מיט שמאַלץ, געזעלשאפטלעך וואָלטן זיי אין די יידישע קלובן ניט שלעכט געשפּילט אין בעיס-באָל, און אין פארמעסט מיט גויישע בעיס-באל-שפּילער, וואָלטן זיי שיעור ניט מיט א "מאקאבייאישן" געפיל געפרייזט די גבורה פון טייערן פאָלק ישראל. זיי וואָלטן דעריבער געווען א "שטאָלץ" פאר זייערע טאטע-מאמע וואָס גיבן געלט פאר „איזראעל".

איך בין אָבער גליקלעך איך מיטצוטיילן מיט זיכערקייט, אז מיר האָבן געמאכט א בעסער געשעפט — אפשר ניט אין געלט פאר "איזראעל" — מיר האָבן ישראל געגעבן אן אוצר, וואָס קען מיט געלט ניט געמאָסטן ווערן; זינט דער אנטשטייאונג פון דער מדינה האָבן מיר געשיקט 400 אונדזערע תלמידים (אפלאָדיסמענטן), דער גרעסטער טייל פון זיי מיט אקאדעמישער בילדונג, וואָס זענען צעשפּרייט איבער א האלב צענדליק קבוצים און אויף צענדליקער אנדערע וויכטיקע פּאָזיציעס ניט אין „איזראעל", נאָר אין מדינת ישראל. און דאָ זאָג איך מיט שטאָלץ, אז אין דער קרית האוניברסיטה (אוניווערזיטעט-שטאָט) וועט איר דערזען א שול וואָס איז געבויט געוואָרן דורך איינעם פון אונדזערע תלמידים, דוד רעזניק.

און געקומען זענען זיי קיין ישראל מיט א נישקשה'דיקן באגאזש פון יידישן און העברעאישן וויסן און — דער עיקר — מיט הערצער פול מיט אהבת ישראל. אהבת ישראל — תרתי משמע.

אין בראזיל גופא האָבן מיר ביז 1952 געהאט אָנגעזאמלט א היפּשן פארמעגן: איבער 30 פאָלקס-שולן, 7 מיטל-שולן און 2 אָנפאנגנדיקע סעמינארן. אין אלע צוזאמען קרוב צו 5.000 תלמידים.

אָבער די צייט שטייט ניט. דערווייל האָבן לערער זיך געעלטערט אין בויט, און געשטאָרבן אין דחקות. טייל האָבן שוין ניט קיין כוח צו ארבעטן, נאָר צוליב פרנסה מוזן זיי וועגעטירן. אנדערע ווילן ניט וועגעטירן, פאַרלאָזן זיי די לערערשע מלאכה און נעמען זיך צו בעסערס. אין בראזיל קען נאָך א ייד, אפילו פון 60 יאָר געפינען עפּעס, ביי וואָס מ'דארף

גאַרניט צו טאָן און מאַכן דערפון אַ גאַנץ שיין לעבן. דער אידעאַליזם און מסירת-נפש פאַרשווינדט. קיין יונגע כוחות ווייזן זיך ניט, די בעסטע פון זיי זענען עולה קיין ישראל. עס הייבן זיך אָן ווייזן סימנים פון דעקאַדענץ. די דערגרייכונגען אין די לימודים ווערן קלענער און קלענער. אונדזערע אויגן זענען געווענדעט נאָך הילף קיין ישראל: גיט אונדז פרישע כוחות! די הילף איז געקומען.

צי זענען מיר געהאָלפן געוואָרן? איך ווייס ניט. ערשטנס ווערן די לערער געשיקט בלויז אויף צוויי יאָר. איז דאָס ערשטע יאָר גייט אוועק אין באַגרייפן און צופּאַסן זיך צו די נייע, פאַרן ישראל-לערער, נישט נאָרמאַלע און זייער שווערע באַדינגונגען. און אין צווייטן יאָר, ווען ער האָט שוין יאָ עפּעס באַגריפן, מוז ער שוין טראַכטן אויף וועלכן אופן צוריקצופאָרן. ס'רוב איז די לאַגע אַזעלכע, אַז די פרעמדע לערער זענען צערייצט. דאָס שטערט זייער גייסטיקע גלייכגעוויכט פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט ווייסט ער, אַז אָט אָט דאַרף ער אָפּפאָרן. צו וואָס-זשע זאָל ער זיך איינרייסן דעם ספּאָדעק?

דאָס זענען די אָביעקטיווע מניעות פאַר גוטע דערגרייכונגען. נאָר גאָר פּעאיקע לערער קאָנען אונטער די באַדינגונגען עפּעס דערגרייכן, — און געווען אייניקע אַזעלכע — אין דורכשניט אָבער איז ניט פאַראַן קיין גרויסע הצלחה.

אָבער ס'איז אויך פאַראַן אַ סוביעקטיווע מניעה געהאָלפן צו ווערן. און די איז שוין אַ געפערלעכע. איך בין דאָ אויסן דעם עקסטרעמען, שלעכט פאַרשטאַנענעם שלילת הגלות מצד אַ טייל ישראל'דיקע חברים.

איך מיין, אַז קיינער וועט מיט מיר ניט מחולק זיין, אויב איך וועל זאָגן, אַז ס'איז דוקא אין די אינטערעסן פון ישראל און פון קבוץ גלויות צו שטאַרקן מאָראַליש און גייסטיק די תפוצות. ס'איז קיין ספק ניט, אַז די וואָלונטאַרע עליה פון די פרייע תפוצות קיין ישראל וועט זיין אָפּהענגיק פון דער מאָס יידישער אַקטיוויטעט, פון פּראַקטיצירן יידישקייט אין אַלערליי פאָרמען, און דער עיקר — פון דער יידישער קולטור-מדרגה, פון וויסן און באַוואוסטזיין פון די יידן אין דער געגעבענער תפוצה. מיר דערוואַרטן מאָטיקונג, הילף און אַקטיוויטעט מצד די יעניקע וואָס דאַרפן אַמערסטן זיין פאַראינטערעסירט אין דאָזיקן פּראָצעס. געשעט אָבער פּונקט דאָס פאַרקערטע. אַ גרויסער טייל פון אונדזערע ישראל-חברים מיינען צו פאַר-

ווירקלעכן קבוץ גלויות דוקא דורך נעגירן און פארלייקענען דעם פּאָזיטיוון שאפונגס-כוח פון יידן אין די תפוצות.

אזא באציאונג ברענגט בלי ספק אָפּשוואַכונג און דעפּעטיזם. די כלומרשטע קינות פון אונטערגאנג מאכן בלויז לייכטער דאָס געוויסן פון די יעניקע וועמען ס'איז בכלל באקוועם דער וועג פון לייכטן ווידערשטאנד. דאָס קען דערפירן דערצו, אז דער נאטירלעכער אומשולדיקער אנטיידי־שונגס-פּראָצעס זאָל פארוואנדלט ווערן אין א אידעאָלאָגישער אינטעגראַ־ציע, נאָכוואָס — ווען יענע טראכטן, — צו וואָס זיך אָנשטרענגען און קעמפן פאר א זאך, וואָס איז לכתחילה פארמשפּט צום אונטערגאנג?

די מחלקה לחנוך ולתרבות בגולה וועט, ביים באשטימען לערער פאר בראזיל, דארפן אין זינען האָבן דעם דאָזיקן פּרט.

בראזיל איז נאָך א פּאָלקסטימלעכער ישוב מיט גוט-היימישע איינ־שטעלונגען. וואָס בראזיליאַנער יידן ווילן איז, אז דער לערער זאָל זיי העלפן אין אויפהאלטן זייער פאָלקסטימלעכע געזעלשאפטלעכקייט. געוועזן שוין ביי אונדז אזעלכע לערער-שליחים, וואָס האָבן דאָס פארשטאנען, האָבן זיי טאקע געגאָסן גרויס אנערקענונג און ליבשאפט און געזען ברכה אין זייערע אויפ־גאבן.

נאָך א דערווארטונג איז ניט מקויים געוואָרן. מיר האָבן געהאָפט, אז מיר וועלן באקומען לערער, וואָס וועלן גרייט זיין צו באזעצן פּאָסטנס אין דעם צענדליק פּראָווינץ-שטעט, אין וועלכע די יידישע שולן זענען גע־שלאָסן נאָר און אויסשליסלעך צוליב מאנגל אין לערער. האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן אז די ישראל-לערער וואָס זענען געשיקט געוואָרן אפילו אין אזעלכע גרויסע שטעט ווי פּאָרטאָ-אלעגרע, פערנאמבוקאָ און קוריטיבא, האָבן ניט אויסגעהאלטן קיין יידישקייט. די דאָזיקע פאלן האָבן געגעבן ניט ווייניק עגמת נפש סיי דער לייטונג פון דער מחלקה אין ריאָ און סיי די פאַרשטייער פון די אָרטיקע קהלות. די לערער האָבן זיך ניט בארויקט ביז מ'האָט זיי ניט באזאָרגט קיין ארבעט אין ריאָ אָדער אין סאַן פּאולאָ.

דער רעזולטאַט: די צאָל שולן אין די פּראָווינץ-שטעט איז געפאלן פון 22 אין 1948 אויף 9 שולן אין 1958. אמת, אין דער צאָל גייעז שוין אריין א צאָל ליקווידירטע קהלות.

אין דעם צענדליק שטעט וואָס ווארטן אויף לערער, זענען פאראַן בערך 600-700 קינדער און יוגנטלעכע וואָס קענען ניט קיין צורת אלף.

מ'האָט געהאַט ערנסט געטראַכט אויפצושטעלן 2 אינטערנאַטן פאַר די קינדער פון די דערמאָנטע פּראָווינץ-שטעט. אָבער פאַראַן גענוג מאָטיוון, צוליב וועלכע דער פּלאַן קען ניט רעאַליזירט ווערן. איך וויל דעריבער פון דאַנען באַנייען מיין אַלטן פאָרשלאַג צו דער יידישער אַגענטור צו באַשטימען א בודזשעט, כדי אַנצושטעלן צוויי וואַנדערנדיקע לערער, וועלכע זאָלן צוויי מאָל דורכן יאָר באַזוכן, יעדעס מאָל אויף א גאַנצן חודש, 5 ישובים. איך מיין, אַז אויף אַזאַ אופן וואָלט מען געקענט אַלפאַבעטיזירן יענע פּאַרוואָר-לאָזטע קינדער און יוגנט און גלייכצייטיק זיי האַלטן אין קורס פון יידישע אינטערעסן. איך בין גרייט זיך צו פאַרשטענדיקן מיט די מאַסגעבנדיקע חברים פון דער סוכנות כדי צו רעאַליזירן מיין פאָרשלאַג.

און איצט נאָך א ביז גאָר וויכטיקער פּרט:

ביז ניט לאַנג צוריק, איז אין בראַזיל געווען א זעלבסטפאַרשטענדלע-כער פּרינציפּ, אַז די אָנפירונג פון א יידישער שול דאַרף זיך געפינען אין די הענט פון א יידישן לערער וואָס איז יידיש לויט זיין וויסן און געוויסן, ניט בלויז לויט זיין געבורט. אַזאַ יידישער דירעקטאָר איז געשטאַנען שטרענג אויף דער וואַך אַז די קוואַנטיטעט און קוואַליטעט פון די יידישע לימודים זאָלן חלילה ניט געמינערט ווערן. זיי, די יידיש-יידישע דירעקטאָרן, מער פּעאיקע, אָדער ווייניקער פּעאיקע, האָבן גאַראַנטירט דעם יידיש-נאַציאָנאַ-לן כאַראַקטער פון דער שול, געגעבן חשיבות די יידישע לערער און זייערע לימודים און אויפגעהאַלטן יידישע אַטמאָספער אין די דערציאונגס-אַנ-שטאַלטן.

לעצטנס אָבער — און איך שטרייך אונטער, ניט צוליב דער שולד פון עלטערן אָדער שול-עסקנים — הויבט אָן די דאָזיקע זעלבסטפאַר-שטענדלעכקייט צו פאַרשווינדן. א סך שולן זענען איצט איבערגעענטפערט געוואָרן אין די הענט פון עמי-הארצישע שמענדריקעס, וואָס פאַרמאָגן ניט די מינדסטע אַנונג פון יידישקייט. די דאָזיקע דירעקטאָרן זוכן זיך לייכטער צו מאַכן דורך פאַרקלענערן די צאָל יידישע לערנשעה'ן און צו פאַרטרייבן דעם יידישן גייסט פון די שולן. אין די דאָזיקע אַנשטאַלטן איז פאַרשוואונדן געוואָרן די געוועזענע חשיבות פון יידישן לימוד און די פּאָזיציע פון די יידישע לערער איז בכלל א נישטיק-נעבעכדיקע. פאַרשטייט זיך, אַז די דערגרייכונגען אין אַזעלכע שולן זענען די מינימאַלסטע, און אָפּטמאָל נאָך ווייניקער ווי דאָס.

די סכנה פון ותרנות

אויב מ׳וועט באלד ניט אָפּשטעלן דעם דאָזיקן פּראָצעס — די מחלקת־החינוך קען אין דעם פּרט זייער פיל העלפן — וועלן מיר גאָר בקרוב האָבן אין בראזיל — אין בעסטן פאל — שולן פאר יידישע קינדער אָבער ניט קיין יידישע שולן.

דעם דאָזיקן מצב קען מען מתקן זיין. ס׳זענען אין בראזיל פאראנען דערפאר סיי דאָס מאטעריאל סיי די באדינגונגען. וואָס ס׳פעלט איז א בי־סעלע אויסגעהאלטנקייט און א קאָפּעטשקע עקשנות.

דורך היטלער און סטאלין ימח שמם איז ביי אונדז געוואָרן א יקרות אויף יידן. דורך אייגענער אפאטיע און ווילנלאָזיקייט, ווערט אין די תפו־צות א יקרות אויף יידישקייט. אונדזער אויפגאבע איז, בכן, צו פארקלע־נערן דעם יקרות אויף יידן דורך פארמערן דאָס יידישקייט אין די תפוצות. ווייניקער שווער אָדער מער שווער — געשען מוז עס!

★

אויפֿן פּריפּעטשיק טליעט נאָך דאָס פֿײַערל...

(רעדע אויף א לערער-צוזאמענפֿאָר)

אויפן פריפעטשיק טליעט נאָך דאָס פייערל...

אויפן פריפעטשיק צאנקט א פייערל
און אין שטוב איז קאלט
אלע אלטע זענען שוין געשטאָרבן,
און די יונגע — אלט...

(פון א פאראָדיע אויף ווארשאווסקיס באקאנט פאָלקס-ליד).

ליבהארציקע חברים און פריינט.

ס'איז א פרייד צו שטיין צווישן אן עולם פון, קיין-עין-הרע, צענטלי-קער לערערס, דערונטער חברים לערערס פון מדינת-ישראל; יונגע לע-רערס, וואָס הויבן אָקאָרשט אָן צו פרובירן כוחות אין דער מלאכת-הקודש און אויך עלטערע לערערס, מיט פעדאגאָגישן וויסן, מיט לערערשן פרעס-טיזש און לאנגיאָריקער דערפארונג, דערציערס, וואָס זענען אהער געקומען כדי צו אָריענטירן און אָנצופירן מיטן יידישן חינוך. צו זיי זאָגן מיר אונד-זער הארציקן ברוך בואכם.

און ס'איז אוודאי א נחת צו זען צווישן יונגע לערערס, היימישע הי-

געבוירענע קינדער, וואָס ווידמען זיך דער יידישער דערציאונג. און—אחרון, אחרון — ס'איז גאָר ליב און טייער זיך צו באַגעגענען מיט אייגענע על־טערע חברות און חברים, לערערס — מיט וועמען ס'פאַרבינדן יאָרן פון שאַפונגס-פרייד און פון שווערן מאַטעריעלן און גייסטיקן געראַנגל; ס'איז א פאַרגעניגן ווידער צו זיין פנים אל פנים מיט חברים, מיט וועמען מיר האָבן צוזאַמען געבויט און געשטאַלטיקט דאָס יידישע שול-וועזן אין בראַ-זיל, און אויפגעשטעלט א דור פון הונדערטער בראַזיליאַנער חלוצים און חלוצות, וואָס לעבן און שאַפן אין מדינת-ישראל; און, ועל כלם, איז א גרויס רחבת-הנפש וואָס יידישע לערערס מיט גרויע קעפּ, געפינען זיך דאָ בכפיפה אחת מיט אייגן אויפגעצויגענע יונגע לערערס אין אונדזערע שו-לן. דאָס איז — אויב איר ווילט — לערערשער עולם-הזה מיט עולם-הבא צוזאַמען...

איז, זאָג איך, א באַפרידיקונג און סאַטיספאַקציע צו זען פנים'ער פון יונגע לערערס; אָבער ווער עס פאַרשטייט און פילט דאָס געמיט ביי לערערס פון אן אידעאַליסטישער תקופה אין יידישער דערציאונג, ווייסט און פאַרשטייט, אז דער גרויסער נחת איז געווירצט מיט ניט קיין קליינער מאָס ערנסטער זאָרג און פיינלעכער ספקות. מחמת מיר ווייסן אז דער גרעס-טער טייל פון די אַקטועלע חינוך-ענינים איבער וועלכע מיר, עלטערע לע-רערס, זענען זיך מתווכח איז פאַר די יונגע לערערס לחלוטין פרעמד.

דער גרעסטער טייל פון די יונגע לערערס האָבן מיט זייער ערשטן באַוואוסטזיין שוין אויפגענומען א פאַרטיקע מדינת-ישראל; זיי האָבן ניט דורכגעלעבט און ניט מיטגעלעבט די חבלי-לידה פון דער מדינה... זיי ווייסן גאָרניט פון די כלות־הנפש'דיקע משיח־לעכצונגען, פון די גאולה-בענקענישן פון דורות און די אידעאַלן וואָס זענען מיט גאולה פאַרבונדן. פאַר א סך פון זיי איז אפילו שווער צו באַגרייפן דעם היקף פון דער וואונדערלעכער עפּאָפּייע פון חלוצישן אויפבוי און פאַרטיידיקונג במשך זיבן צענטליק יאָרן ביזן אויפקום פון דער מדינה...

אונדזערע יונגע דערציערס האָבן נאָכניט באַוויזן זיך צו באַקענען מיט די קולטור-אוצרות וואָס יידן האָבן אין די גלות'ן אויסגעהאָדעוועט און געצערטלט; פאַר זיי איז פרעמד די תורה־אַטמאָספער און דער לעבנס-שטייגער, מיט וואָס יידן האָבן אויפגעהאַלטן זייער נאַציאָנאַלע אייגנאַרטי-קייט אין די גלות'ן, און דערמיט געשאַפן דעם קלימאַט פאַר אַקטיווע

גאולה-באוועגונגען וואָס האָבן דערפירט ביז צו דער איצטיקער אתחלתא-דגאולה.

איך בין מסופק צי די יונגע חברים האָבן אפילו א געהעריקע פאָר-שטעלונג וועגן דעם גייסט פון אהבת-ישראל ביי יידן אין גלות, וועגן דער געמיינזאמער אחריות פאר יעדער נפש מישראל און וועגן דעם פערמא-נענטן מאָראַלישן און — ווען ס'איז נויטיק געווען — אפילו פיזישן ווי-דערשטאנד קעגן אלערליי שונאי-ישראל...

הוא הדין איז מיט דער קענטיקער צאָל חברים, יונגע לערער, גע-שיקטע פון ישראל, וואָס א דאנק דער פסעוודאָ-קאָנסעקווענטער ציוניסטי-שער דערציאונג, ווייסן זיי זייער ווייניק פון די אויבנאויסגערעכנטע עני-נים, דערפאר טאקע איז ביי זיי דאָס נעגירן דעם גלות און דאָס "גלות'-דיקע" א נאציאָנאלע מצוה... און דא עקא, אין דעם טאקע באשטייט די צרה...

דער דאָזיקער צושטאנד טראָגט אין זיך גרויסע סכנות פארן יידישן חינוך אין די תפוצות, ווילט זיך וועגן דעם ערנסט א שמועס טאָן. דאָס איז ניט קיין קריטיק, און אוודאי ניט קיין פאָלעמיק, דאָס איז בלויז א ווילן קלאָר צו שטעלן די זאכן ווי זיי זענען; ערנסטע פארטראכטונג איז דער ציל פון דאָזיקן שמועס.

*

ליבע חברים.

אונדזער גייסטיקע אחיזה וואָרצלט נאָך אין דעם שטייגער פון די אלטע היימען. אין יענע היימען האָבן מיר געשטאלטיקט און געלעבט אונד-זער אייגנארטיק לעבן מיט דורות'דיקע נוסחאות; מיר האָבן זיך דאָרט ניט באהאלטן מיט אונדזערע פירונגען, ניט אָנגעטאָן קיין פרעמדע מאסקעס.

חרוב זענען יענע היימען און נחרב ווערט אונדזער דורות'דיקער, נאַ-ציאָנאַל-פאָלקסטימלעכער לעבנס-שטייגער אין די תפוצות. נאָגט אין הארץ א בענקשאפט צו אן אייגן לעבן וואָס איז פארשוואונדן פון אייך זייט, און ס'לאָקט די אתחלתא דגאולה, דאָס פרייע לעבן וואָס קומט אויף אין דער העראָאישער מדינת-ישראל פון דער צווייטער זייט.

אָט די צוויי עלעמענטן — די בענקשאפט צום פארגאנגענעם שטיי-

גער, וואָס היטלער ימ״ש האָט חרוב געמאכט, און די תשוקה צו גאולה — זענען צוויי פּאָטענציעלע פאַקטאָרן וואָס קענען געזונטער מאכן דאָס קראַנקע יידיש-גייסטיקע לעבן אין די תפוצות און דערמיט במילא שטאַרקן דעם דראַנג צו עליה פון גרעסערע צאָלן יידן, וואָס וועלן שטרעבן זיך אויסצולעבן אין יידיש-נאַציאָנאַלער שלימות, אָן די אָביעקטיווע שטערונגען וואָס זענען היינט אומפאַרמיידלעך אין א פרעמדער נאַציאָנאַלער סביבה.

וואָס מערער יידן אין די תפוצות ס'וועלן באַוויזן אויפצוהאַלטן אַן אייגנאַרטיק-פאָלקסטימלעכן לעבנס-שטייגער דורך אָנהאַלטן די ירושה פון אַלע אונדזערע תורות שבכתב און תורות שבבעל-פה, תורות געשאַפענע אין אייגענעם לאַנד און אין אַלע גלות'ן; און וואָס מער ס'וועט אָנגיין אַן אַקטיווער פּראָצעס פון כסדר'דיקן שאַפן באַנייטע יידישע קולטור-ווערטן מיט יידישן לבוש און יידישן תוכן, אַלץ גרעסער וועט זיין דער אָנטייל פון די תפוצות אין פּראָצעס פון קיבוץ גלויות. בקיצור: די עליה פון פרייע תפוצות קיין ישראל, וועט זיין אָפּהענגיק פון דער יידישער קולטור-אַקטיוויטעט, פון יידישן וויסן געוויסן און באַוואוסטזיין אין דער געגעבענער תפוצה.

עס אונטערליגט ניט מער קיין חילוקי-דעות, אַז קיבוץ גלויות איז א לאַנג-דויערנדיקער פּראָצעס פאַר עטלעכע דורות. שטייען מיר, בכן, פאַר א שווערער אויפגאַבע פון זוכן וועגן און מיטלען ווי אַרום אויפצוהאַלטן און צו פאַרשטאַרקן יידיש לעבן אין די תפוצות כדי וואָס מער זאָלן במילא אַריינגעצויגן ווערן אין פּראָצעס פון עליה און פון קיבוץ-גלויות. מיר דערוואַרטן דערמוטיקונג מצד ציוניסטן און ציוניסטישע קולטור־טרעגער. געשעט אָבער אַז א גרויסער טייל מיינט צו פאַרווירקלעכן קיבוץ-גלויות דווקא דורך שלילת-הגלות. אַנדערע האָבן שוין בכלל אָפּגעזאָגט א פריילעכן רבנן קדיש נאָכן גלות, אים שוין אַרויסגעגעבן א טויט-שיין...

א טייל פון עברית-אידעאָלאָגן מיינט צו ראַטעווען רעשטלעך פון גלות דורך פאַרשפּרייטן עברית-קולטור — דאָס איז אוודאי א דרינגנדע און וויכטיקע פּעולה. אָבער פּונקט ווי געוויסע ציוניסטן מיינען צו פאַרשטאַרקן דעם פּראָצעס פון קיבוץ-גלויות דורך א שלעכט־אינטערפּרעטיר-

טער שלילת-הגלות, אזוי מיינען מאנכע עברית-אידעאָלאָגן צו פארשנעלערן דעם פּראָצעס פון העברעאיזאציע דורך שאפן אן אטמאָספער פון פאראכ-טונג, אין בעסטן פאל, גרינגשעצונג ארום יידישן לשון און זיינע ריזיקע קינסטלעריש-ליטעראַרישע אוצרות און קולטור-ווערטן. ביטערע איראָניע! — פאראכטונג צום לשון וואָס האָט געשפּילט די באדייטנדיקסטע ראָלע אין המונישן אויפשטייג צו נאציאָנאלן באוואוסטזיין און צום אָנטייל פון גרויסע יידישע מאסן אינעם אויפבוי פון אונדזער מדינה, און טאקע **אויך צום אויפלעבן פון דער מאָדערנער העברע-אישער שפּראַך און קולטור** גופא... עברית איז אויפגעהאלטן געווען, און ס׳וועט ביז היינט אויפגעהאלטן און אויפגע-לעבט, נאָר דאָרט וואו ס׳לעבט יידיש לשון. דאָ וואו עס עקזיסטירט ניט קיין יידיש, האָט עברית ניט געהאט, און האָט נאָך ביז היינט ניט קיין דריסת-הרגל... בכל אופן, איז לשון-יידיש אין אונדזערע מקומות די איינ-ציקע דאמבע קעגן אנטיידישונג און פארפרעמדונג. די ליקווידאציע פון יידישקייט בכלל, הייבט זיך אָן דאָרט וואו מען ליקווידירט דאָס יידישע לשון.

יעדער פאָרם פון נעגאציע צו יידיש איז, דעריבער, א דערמוטיקונג פאר די יעניקע וואָס זוכן בכלל א לייכטע יידישקייט. א יידישקייט פון א פרעמדשפּראכיקן איזראעליטישן קאטעכיזם; א יידישקייט אָן וואָרצלען אין די קולטור-קוואלן, וואָס האָבן גענערט די באהעפטונג און געטריישאפט צום גאולה-אידעאל אין לאנד פון די אבות.

ווייטיקט דעריבער, ווען מ׳זעט, ווי מיט דער גרינגשעצונג און בו,דרגה׳דיקער ליקווידאציע פון יידיש-לימוד, גייט אויך דער לימוד פון עברית און געשיכטע מדחי אל דחי, און די מערכה פון יידישקייט בכלל, ווערט אין אונדזערע שולן טרויעריקער פון טאָג צו טאָג.

ס׳איז ממש פיינלעך צו זען, ווי די אָנפירונג פון אונדזערע שולן איז, לעצטנס, איבערגעגענטפערט געוואָרן צו אקאדעמישע עמי-הארצים, וועמען ס׳איז באקוועם דער וועג פון לייכטן ווידערשטאנד. צו וואָס זאָל אזא די-רעקטאָר זיך באשעפטיקן מיט "פארעלטערטע" ענינים פון „געטאָ-יידן"? אים איז וואויל אזוי, — דער "רעפּרעזענטאנט" פון דער „מאקלאקא" (מחלקה) פון איזראעל, דאגה׳ט פאר א שעה העברעאיש, ערב א יומא-דפגרא דערציילט מען, אז אין „איזראעל" איז יום-טוב — און גענוג! צו וואָס

דארף מען מערער? אָט ווייסט ער, דער דירעקטאָר אליין, א סך וויניקער פון די קינדער, נו, איז ער דען, חלילה, א שלעכטער ייד?...

נאָכמער פאַרדריסט, וואָס דאָס אלץ געשעט מיט דער שטילער הסכמה און אפילו טיילווייזער ברכה מצד די מאָסגעבנדיקע חינוך-מוסדות, מיט ציוניסטיש-ישראל׳דיקן עמבלעם...

אויף דער ניט בכבוד׳יקער האלטונג צו יידיש מצד די היגע, צום טייל דורך אונדז דערצויגענע יונגע לערער, זענען איז דער גרעסטער מאָס משפיע יונגע ישראלים, יורדים, וואָס בלויז צוליב זייער "קענען" עברית ווערן זיי ווערבירט אלס לערער אין אונדזערע שולן, און נאָכמער זיינען אונדזערע יונגע לערער און תלמידים באאיינפלוסט פון דער טעטיקייט און אָריענטאציע פון די ספּעציעל־געשיקטע „נציגים" — לערער פון ישראל.

ספעציעל ביי די יונגע ישראל-מענטשן איז די פאראכטנדיקע באצי-אונג צו יידיש בלויז איין ניואנס פון א גאנצן אידעאָלאָגישן קאָמפּלעקס, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם קערן פון דער ביז היינטיקער ישראל-דערציאונג; איר פרוכט איז די כנענישע אידעאָלאָגיע פון וועלכער — חוץ די רעליגיעזע — ס׳איז באהערשט כמעט די גאנצע ישראל-יוגנט.

די דאָזיקע אידעאָלאָגיע נעגירט אלץ וואָס ס׳איז געטאָן און געשאפן געוואָרן פון זינט דעם 2-טן חורבן ביז דעם אויפקום פון מדינת-ישראל.

כדי מ׳זאָל מיך ניט חושד זיין אז איך טראכט, חלילה, אויס א בילבול, אז איך בין א חושד בכשרים, וויל איך ציטירן א גרויסע ישראל׳דיקע אוי-טאָריטעט, דעם אָנפירער פון דער יידיש-קאטעדרע אויף דער העברעאישער אוניווערסיטעט, פּראָפעסאָר דוב סדן, וועלכער האָט ביי אן עפנטלעכער גע-לעגנהייט געזאָגט טעקסטועל פאָלגנדעס:

"פאראן א טענדענץ אונטערצוהאקן אָדער פארגעסן צו מאכן לעצטע עפּאָכעס, בעיקר מצד שטרעמונגען, וואָס זען אונדזער געשיכטע ווי א קרייז, אין וועלכן ס׳באוועגן זיך סוף און אָנהייב, אָבער זיי וועלן ניט זען וואָס ס׳איז דאָ צווישן אין דער מיט. דער פארלאנג איבערצוהיפּערן האָט זיך ניט איינ-מאָל געלאָזט הערן. פאר אייערנעכטן האָט ער געפּאָדערט אי-בערצוהיפּערן גמרא; אייערנעכטן האָט ער געפּאָדערט ארויסצו-שטויסן קבלה; נעכטן האָט ער געפּאָדערט אָפּצומעקן חסידות.

והצד השוה אין די אלע פאָדערונגען איז א פארלייקענען פון אונדזער געשיכטע ווי אזוי זי איז געווען. אָבער מיר קענען די איבערשפרינגערס וואָס ס'גלוסט זיך זיי איינצואָרדנען א באַקוועמע געשיכטע, גאָרניט העלפן, ווייל אונדזער געשיכטע איז געווען אזא ווי זי איז געווען.

און אויך דער פארלאנג איבערצוהיפערן יידיש, איז אזא מין פאָדערונג, אָבער, און דערהויפּט א מענטש פון וויסנשאפט וועט אים האלטן פאר אן אטאקע אויף זיין ערשטן און עיקר'דיקן חוב — דעם חוב פון אמת."

מיר איז, למשל, אויסגעקומען ביי פארשידענע געלעגנהייטן צו זיין ביי השתלמות-המורים-סעמינארן, געגעבן דורך ישראל-לערער. דערלויבט מיר פעסטצושטעלן, אז אין דריי פערטל פון אלע לעקציעס איז גערעדט געוואָרן וועגן דער שיינקייט און צניעות פון דער מוטער שרה און פון יוסף הצדיק, אָבער קיין איינציקע לעקציע איז ניט געגעבן געוואָרן וועגן — לאָמיך זאָגן — שרה בת-טובים, וואָס איז געווען די טרייסט און גייסטיקייט פון מיליאָנען מאמעס-דערציערינס, וועמעס הארציקע תחינות ס'האָבן געהאָדעוועט דורות יידישע פרויען צו לויטערער, געטלעכער יידישקייט.

און קיין איינציקע לעקציע איז ניט געגעבן געוואָרן וועגן — למשל — מהר"ם מרוטנבערג, וועלכער איז פאר וועלן עולה זיין קיין ארץ-ישראל, פארשפאָרט געוואָרן אין א מיטלאלטערלעכער תפיסה, וואו ער האָט זיך אָפּגעפייניקט ניט צוויי יאָר, ווי יוסף, נאָר אריבער צען יאָר, און שרייבנדיק א ספר-הלכה האָט ער אין תפיסה אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה.

מיט וואָס-זשע, פרעגט זיך, זענען שרה בת-טובים און מהר"ם פון רוטענבערג ווייניקער חשוב און ווייניקער הייליק ווי שרה און יוסף? גלויבט מיר, אז זייער ווירקונג אויף יידישקייט — שיבת-ציון אריינגערעכנט — איז געווען ניט קלענער ווי די ווירקונג פון שרה'ן און יוסף'ן...

איז דער חטא פון זיין יידן אין גלות אזוי גרויס אז זיי, אָדער זייערס גלייכן זאָלן דערפאר ניט פארדינען קיין איינציקע לעקציע אין א קורס פאר יידישע לערער?...

*

נאָך מיט א צייט פריער האָט מען שוין געקענט פילן די ווירקונג פון כנעניזירטן טיפ ישראל-לערער. אונדזערע אייגענע יונגע לערער האָבן פלוצלונג אויסגעדריקט אומצופרידנקייט דערמיט, וואָס כ׳האָב מיט זיי גע-לערנט אברהם ליעסינס און שלום אשס קידוש-השם מאָטיוון, „פארבי-טערט ניט אונדזער לעבן מיט טרויעריקע מעשיות פון נבנע׳דיקע געטאָ-יידן״ — האָבן זיי צו מיר געטענה׳ט. ״דאָס זענען טרויעריקע מעשיות פון עפּעס, וואָס איר רופט גבורה; מיר זעען ניט אין דעם קיין מעשים פון גבורים״...

קומט אויף אין געדאנק א שריפט „הדרשה״ פון גרויסן ישראל׳דיקן שרייבער, חיים הזז. אין דער דאָזיקער שריפט דרשנט א קיבוצניק אומגע-פּער דאָס זעלביקע וואָס אלע גויִיש-אנטיסעמיטישע היסטאָריקערס, אז זינט דעם חורבן האָבן יידן ניט מער קיין געשיכטע... ניטאָ אין איר קיין מעשים פון גבורים, ניטאָ קיין וועלט-דעראָבערער און ניט קיין מלחמה-העלדן. — א חרפה׳דיקע געשיכטע... אין אן אנדער ווערק פונעם זעלביקן מחבר, הזז, ״בקץ-הימים״, ווערט סימבאָליש פאַרברענט דער גלות, מ׳זאָגט נאָך אים און נאָך זיינע יידן א פריילעכן קדיש — אָפּגעטאָן ״חרפת-הג-לות״!...

״א חרפה׳דיקע געשיכטע, די ידישע!... בלויז רדיפות, בילבולים און קידוש-השם״.

איז ווייס איך ניט, ילמדנו רבינו, וואָס איז א גרעסערע העלדישקייט און א שענערע געשיכטע:

אויפצוהאלטן א נאציאָנאלע עקזיסטענץ מיט דער הילף פון פעסטונ-גען און ארמייען, און די העכסטע נאציאָנאלע אספיראציע זאָל זיין בלוטיקע דעראָבערונגען און אונטערדריקונג פון אנדערע פעלקער, אָדער אויפצו-האלטן א נאציאָנאלע אייגנארט נאָר מיטן כוח פון א מאָראל, וואָס אנער-קענט דאָס רעכט פון אלע גאָטס באשעפענישן צו לעבן פריי און אומגע-שטערט אומעטום, און אלס העכסטע נאציאָנאלע אספיראציע זאָל זיין א משיח, וואָס וועט באפרייען די וועלט פון אלע איבלען און קרומקייטן. אדרבא, וועלכע איז א גרעסערע העלדישקייט און א שענערע געשיכטע?...

איך האָב אמאָל מיט מיינעם א קריסטלעכן פריינט געמאכט אן אויס-פלוג אין א פריצישן הויף פון זיינעם א פעטער. דאָרט האָט מיר מיין פריינט ארייננעפירט אין א צימער פול באהאָנגען מיט פארשידענע ביקסן, שווער-

די, אויסגעפילטע קעפ פון חיות און גופים פון פייגל — טראָפייען פון גוישער העלדישקייט... מיט ניט ווייניק שטאָלץ האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף א שווערד, מיט וועלכער זיין פעטער האָט געוואונען א דועל — גע-הרג'עט א פריינט!...

לכתחילה האָב איך מקנא געווען מיין פריינטס שטאָלץ. נאָר קומענדיק א היים, — א צופאל — האָב איך אויפן טיש געפונען רבנו בחיי'ס „חובות הלבבות„ (מסתמא האָט אימיצער פריער אין אים מעיין געווען און געלאָזט אויפן טיש). איך האָב אָנגעהויבן בלעטערן דאָס אלט ספרל און בלעטערנ-דיק האָב איך צווישן די פארגעלטע בלעטער געפונען עטלעכע האָר פון מיין יונג-פארשטאָרבענעם טאטנס רויטלעך-בלאָנדער באָרד...

איך האָב מיך פלוצים דערפילט א סך שטאָלצער מיט מיין טאטנס "טראָפייען" אינעם היכל פון דערהויבנסטער מאָראל — אינעם "חובות-הלבבות"; א סך שטאָלצער ווי מיין גוישער פריינט מיט זיין פעטערס טראָ-פייען אין הויפישן פאלאץ...

ליבע יונגע חברים, טראכט זיך גוט אריין און איר וועט זען אז דער יידישער געראנגל אויפצוהאלטן אין דער פרעמד א נאַציאָנאַלע שעפערישע אייגנארטיקייט, מיט אן אייגענער שפראך, אייגענע מנהגים און געזעצן, מיט אָר-גאַניזאַציעס וואָס רעגלאמענטירן דעם לעבנסשטייגער איז א סך שווערער און העראָאישער ווי א געראנגל אויפן שלאכט-פעלד.

איר וועט אָנהייבן באגרייפן אז אין אויפהאלטן א ספעציפישע נאציאָ-נאלע עקזיסטענץ אונטער באדינגונגען פון רדיפות, נאָר מיטן קידוש-השם-געווער פון מחנות עקזאלטירטע צילבאוואוסטע מארטירער, איז פאראן א סך מער גבורה ווי אין אויפהאלטן א נאציאָנאלע עקזיסטענץ אין אן אייגן לאנד, אונטערן שוץ פון געווער, געגעבן אין די הענט פון טעמפע, צום טויט געשיקטע ארמייען.

וואו-זשע איז די חרפה פון גלות? פארוואָס זיך שעמען און פארלייקענען די ביישפיללאָזע העראָאישע און שעפערישע געשיכטע פון אונדזער פאָלק פון נאָכן צווייטן חורבן ביז דער תקומה פון דער מדינה.

וואונדערלעך איז דער גאנג דווקא פון דער גלות-געשיכטע און דאָס אָרט וואָס ציון און ירושלים פארנעמט אין איר.

איינמאָל פאר אלע מאָל, איז ביי די טייכן פון גלות בבל פראָקלא-מירט געוואָרן אונדזער אייביקער בונד מיטן לאנד פון די אבות, פון וועלכן מיר וועלן זיך קיינמאָל ניט באפרייען.

אָבער פונקט אזוי, ביים ירדן-טייך, האָט יוחנן בן זכאי פראָקלאמירט די קולטור-איינהייט און נאציאָנאלע גאנצקייט פון א צעשפרייטן וועלט-פאָלק באשר הוא שם. און א פיבערדיק שאפן פון אלערליי תורות שבעל-פה האָבן צוזאמענגעשמידט אלע גלותן. די תורה שבעל-פה אויסגעכאוועטע, אויסגעוואָרעמטע אין אונדזער בוזים, זענען געוואָרן דער קוואל פון אונד-זער אייגנאַרטיקן לעבן; זיי, די תורות שבעל-פה, ראפינירט און געשליפן דורך דענקער, באצירט פון קינסטלער און באקריינט פון פאָלק, האָבן אויס-געפאָרעמט דעם נוסח פון אונדזער הווה, אונדז געהאלטן געקניפט און געבונדן צום עבר און אינספּירירט צום דערלייזערישן עתיד ביז די היינטיקע טעג פון שיבת-ציון. אונדזערע תורות שבעל-פה — ניט אין פארשטיינערטע דאגמעס, נייערט אין כסדר׳דיקער דינאמישער אנטוויקלונג — זענען דער סוד און יסוד פון נצח ישראל.

אזוי זענען מיר געשטאנען ווי פעלזן. איבער אונדזער לייב און לעבן איז די מענטשלעכע געשיכטע געגאנגען איר בלוטיקן, זינדיקן גאנג. מיר האָבן זיך אימוניזירט, זיך פארהארטעוועט אין בטחון, פארפאנצערט מיט אמונה און זיך געזאָגט: אין לנו חלק ונחלה עמהם.

ניט צווישן פעסטונגען און גרענעץ־מויערן האָבן מיר זיך געשיצט; מיר האָבן זיך אין הימל אָנגעכאפּט און אונטער אים זיך געשיצט.

פארלוירן ירושלים של מטה, האָבן מיר זיך א ירושלים של מעלה אויפגעבויט. ארום דעם דאָזיקן ירושלים האָבן מיר אין יעדן דור באזונ-דער צוגעבויט פעסטונגען פון ציגל, געברענטע און אויסגעגליטע אין די פייערן פון שייטערהויפנס, זיי פארמויערט מיט אמונה און בטחון, און אויף די דאָזיקע מויער-ווענט האָבן מיר מיט פארגאָסענע בלוט-שטראָמען גע-מאָלן די אָרנאַמענטן פון אונדזער הייליקן פאָלקס-שטייגער אין גלות.

געטריי דעם געדאנק אז אומעטום, וואו א ייד געפינט זיך איז מיט אים די שכינה, האָט אונדזער ירושלים ניט קיין געאָגראפישע גרענעצן. זי קען זיך געפינען אומעטום, איר פארנעם איז א קאָסמישער. די גאנצע

יצירה, די מעשי-בראשית האָט איינאיינציקן געטלעכן פאָטער און מיר זענען זיינע קינדער. בכן, איז א גויט, איז די גאנצע וועלט אונדזער היים.

אומעטום האָבן מיר אויסגעוועבט אונדזער יידיש-הייליקן לעבנס-נוסח; אזוי האָבן מיר מיטן כוח פון אונדזער אמונה אלע שטעט און לענדער, וואו באַר מיר האָבן געלעבט אין א מין טעריטאָריע של מעלה פאַרוואנדלט, און מיטן זעלביקן אמונה'דיקן כוח, האָבן מיר דעם גאנצן טומאה'דיקן ארום מבטל געווען.

אלדאָס ביז וואָס איז געטאָן געוואָרן קעגן דעם בחיר-היצירה, קעגן מענטש, האָבן מיר טיף באַדויערט, אָבער אויך מיט בטחון געגלויבט אז ס'וועט סוף כל סוף קומען א טאָג, ווען דאָס רשעות וועט פארשווינדן און עס וועט מקויים ווערן דער נביאישער צוזאָג: "ומלאה כל הארץ דעה, כמים לים מכסים".

און אז דאָס רשעות איז דערגאנגען צום העכסטן פונקט, האָט מען אויך אין גלות אויפגעהויבן בלוטיקע קאמפן:

באַדאכאָז אין ספרד, מיינץ אין אשכנז, נעמיראָוו און טולטשין אין מדינת ליטא ופולין, ווייסן צו דערציילן פון גרויסער פיזישער גבורה און קאמף קעגן צעווילדעוועטע שונאים.

אין אונדזערע דורות זענען מיר עדות פון שארפע געפעכטן, פון צענטליקער זעלבסטשוץ-בריגאדעס אין אומצייליקע רוסישע און פוילישע שטעט און שטעטלעך — קאמפן פון גרויסער גבורה און קדושה, וואָס ציען זיך ביז די פארצווייפלטע שלאכטן אין די לעצטע געטאָס און ביז דער באַפרייאונגס-מלחמה אין לאנד פון די אבות.

דער יידישער פארמעסט קעגן גוישער אכזריות פון אלע צייטן, אין אלע לענדער און געטאָס, און לעצטנס אויף די פעלדער פון ישראל, נערט זיך פון איין קוואל — פון נצח-ישראל.

אלע יידישע קאמפן פון די גלותן און פון ישראל, טראָגן אין זיך די הייליקייט פון דורות גאולה-לעכצנדיקע משיח-טרוימער און די העלדישקייט פון דורות קעמפנדיקע מארטירער.

אין דער הייליקייט פון יידישן געפעכט פאר נצח, איז ניט פאראן קיין אונטערשיד צווישן דעם קאמף אין געטא-ווארשע און דעם קאמף אויפן בארג קאסטעל ביי ירושלים.

אָבער עס גייט ניט בלויז אין פארגלייכן — אָדער אויסגלייכן — די

וויכטיקייט און היילקייט פון יידישן קאמף אין די פארשיידענע גלות'ן און אין ישראל. נאָכמער גייט אין דעם, ווי דאָס שעפערישע יידישע לעבן אין די פארשידענע גלות'ן האָט זיך אויסגעשטראלט אין דער עזקיסטענץ פון היסטאָרישן יידנטום ביז היינטיקן טאָג. אין דעם איז ניט שייך קיין מאָס פון העכער און נידעריקער, ניט קיין מדרגה פון גרעסערער אָדער קלענע־רער וויכטיקייט.

אָן יבנה איז ניטאָ קיין בבל; אָן בבל וואָלט ניט אויפגעקומען קיין ספרד; אָן ספרד איז ניט מעגלעך קיין ווירמייזא; אָן אָן ווירמייזא קען ניט געמאָלט זיין קיין פראָג; אָן פראָג וואָלט ניט געווען קיין קראָקע; אָן קראָקע איז ניטאָ קיין לובלין; פאראלעל מיט לובלין שיינט ווילנע, ירושלים דליטא, און אָן ירושלים דליטא וואָלט ניט מעגלעך געווען קיין אויפקום פון דער אייביקער ירושלים דישראל.

יעדער פון אָט־די דערמאָנטע ערטער איז א סימבאָלישער מיילשטיין און א ליכט־זייל אויף די וועגן פון יידיש־גייסטיקן שאפן. אויף די זיילן זע־נען פארצייכנט:

תלמוד, אגדה און מדרשים; ספרות ימי הביניים; זוהר און קבלה; משיחישע וויזיעס און גאולה־באוועגונגען; יידיש לשון און חסידות; השכלה און יידישע ליטעראטור; חיבת ציון און העברעאיש; יידיש־סאָציאליסטישע ארבעטער־באוועגונגען און פאנאנדערבלי פון מאסנקולטור אויף יידיש; ציו־ניזם און חלוצישע באוועגונגען.

אין דער אלגעמיינער פינצטערניש פון גלות, האָבן אָט די לייכט־טור־דעמס געוואָרפן זייער שיין אויף די געשטרויכלטע מארטירער־שליאכן צו גאולה, ביז מיר זענען דערגאנגען צו דער באגערטער מדינה.

די דאָזיקע וועגן האָבן געצייכנט און אויסגעפלאסטערט גרויסע גבו־רים־מארטירערס, לערערס און וועג־ווייזערס אזעלכע ווי:

הלל הזקן, ר' יוחנן בן־זכאי און ר' עקיבא; סעדיה גאון און רמב"ם; יהו־דה הלוי, אבן עזרא און אבן גבירול; רבנו גרשום און רש"י; יצחק אברבנאל און שלמה מולכו; ר' משה חיים לוצאטו און ר' ישראל בעל־שם־טוב; דער ווילנער גאון און ר' לוי־יצחק בארדיטשעווער; פרץ און ביאליק; הערצל, סירקין און באָראָכאָוו; אהרון דוד גאָרדאָן, בערל קאצנעלסאָן און הונדער־טער אנדערע, זייערס גלייכן פון אלע צייטן און פון אלע דורות.

מאכט, אדרבא, א חשבון וויפל פעלקער, אשטייגער, ס׳קענען זיך באַ־רימען מיט אזא פלעיאדע...

פארלייקענען, אָדער אפילו נאָר גרינגשאצן, צי גאָר זיך שעמען מיט אזא וואונדערלעך־קראפטפולער געשיכטע, איז ניט מער ווי ביליק־פארבלי־נעטער, גראָב־שמענדריקוואטער און עמי־הארצ׳שער סנאָביזם.

ניט אָנשטרענגען די מאקסימאלע כוחות כדי אָנצוהאלטן און שפּייזן די איינגעזאמלטע תורות פון אלע גלות׳ן, די אלע קולטור־אוצרות וואָס א דאנק זיי האָבן מיר אויפגעהאלטן די יידישע אייגנארט צווישן פרעמדע פעלקער, הייסט בידיים און געוויסנלאָז פארטאכלעווען א רייכע ירושה וואָס אונדזערע עלטערן האָבן אין פייער און אין בלוט דורכגעטראָגן און אונדז אָנפארטרויט.

וואָס וועט מען זאָגן פון אזא לייט, א יורש, וואָס פארטאכלעוועט א טאטנס רייכע ירושה?

די „קלוגע״, טענה אז ס׳איז ניט כדאי די מי און אָנשטרענגונג ווייל — —— „מיר ווייסן דאָך פון פאָרויס אז ס׳וועט ניט אויסהאלטן״. איז פונקט אזוי ציניש־גראָב און אכזריות׳דיק, ווי א זון וואָלט זיך אָפּגעזאָגט צו היילן א קראנקער מאמען ווייל זי איז דאָך אלט און זי וועט סיי־ווי־סיי שטארבן...

ליבע חברים, אויפן פריפעטשיק טליעט נאָך דאָס פייערל... דער פאקט וואָס יונגע אמעריקאנער עלטערן שיקן זייערע קינדער אין יידישע שולן כאָטש זיי אליין האָבן אזעלכע ניט באזוכט, באווייזט, אז אין די תפוצות איז נאָך אלץ פאראן אן עמאָציאָנעלער פארלאנג צו לעבן און זיך אויסצווירקן צווישן יידן.

די דערגרייכונגען פון די ליובאַוויטשער און אנדערע פאָלקסטימלע־כע תלמוד־תורה און ישיבה־אנשטאלטן אין אמעריקע, זאָגן עדות, אז נאָך איצט זענען די תפוצות מסוגל אויפצונעמען גאנצע און טיפע יידישקייט מיט יידיש־לשון ארייַנגערעכנט.

געטריי אָנגעפירטע, סעקולערע פאָלקסטימלעכע דערציאונגס־אנש־טאלטן אין קאנאדע און אין אנדערע פרייע לענדער באווייזן, אז די תפוצות זענען נאָך בכוח אָנצוהאלטן די קולטור־ירושה און ממשיך צו זיין די יידיש־נאציאָנאלע שעפערישקייט.

אויפן פריפעטשיק טליעט נאָך דאָס פייער . . .

ס'לעבט נאָך אין די גלותן דער געניוס פון יידישער קרעאַציע; די שכינה פון אייגנאַרטיקער יידישער יצירה האָט זיך נאָך פון די תפוצות-ישראל ניט אָפּגעטאָן... אונדזער הייליקער חוב איז זי ווייטער צו נערן, אויפצוהאַלטן און כסדר צו באַנייען.

א פאַרטיפטע און גאַנצע דערציאונג, א ציל-באַוואוסטער און פשרה'-לאָזער חינוך אונטערגעטראָגן מיט ריינע הענט און ריינע הערצער, קען נאָך אין אונדזערע מקומות גרויסע זאַכן אויפטאָן.

דעפעטיזם לגבי דער גולה, און דאָס איגנאָרירן די קולטור-אוצרות, אָנגעזאַמלטע אין די גלות'ן קען בלויז ברענגען סכנות'דיקע קאָנסעקווענצן.

לאָמיר געדענקען א געשיכטלעכן אמת: אלע וואָס האָבן איגנאָרירט און ניט אָנגענומען אונדזערע תורות שבעל-פה האָבן אָנגעמאַכט א חורבן אין אונדזער לעבן, און סוף כל סוף זענען זיי אליין געבליבן אָפּגעטריקנטע צווייגן פון אונדזער בוים. אזוי איז געשען מיט די קראים, רעפאָרמער און אלע אנדערע פאַרלייקענער, וואָס האָבן געזוכט א "לייכטערע" יידישקייט דורך שטרייכן און מעקן פון סידור...

הייליק איז יעדער אות פון אונדזער תורה; פעלט, חלילה, איין אות איז די גאַנצע תורה פסול.

לאָמיר ניט מעקן קיין אותיות פון אונדזערע לעבעדיקע תורות, כדי אונדזער אייגנאַרטיקע פאָלקישע קולטור און אונדזער לעבנס-נוסח זאָל חלילה ניט פסול ווערן.

טעראַפּאָליס, פעברואַר 1958

אינהאלט

פון די ארויסגעבער.

פון מחבר.

א) לעקציעס און שמועסן

	זייט
היימישע פּאַטראָוועס (שלום עליכם)	9
טראגישער דואליזם (שלום אש)	24
דיכטער, ייד, חבר (דוד פּינסקי)	41
צאָרן פון ליבשאפט (ח. נ. ביאליק)	56
לייוויקס לויטער געוויסן	69
פּייטן פון לשון יידיש (א. ליעסין)	94
א קרבן פון דיכטערישן אמת (מ. ראָזענפעלד)	109
ספרא וסייפא (א. סוצקעווער)	133
די שטומע פארשווערונג	148
דורות זינגען (תפילה געזאנגען)	165
פון העלסינגפארס ביז ירושלים (ח. גרינבערג)	187
מיטן כוח פון אידעאל (חיים ווייצמאן)	201
גבורה פון עניוות (י. בן-צבי)	212
אין געשיכטלעכן סטיל (ש. ז. שזר)	224
מיט העכערן שוואונג (אהרון בערגמאן)	232
די לעגענדע פון אונדזער דור (ד. בן-גוריון)	242

ב) רעדעס און ארטיקלען

דאָס מלכות פון גייסט	256
מאָראליש מיטשולדיק	264
יזכור-טעג	276
די סכנה פון ותרנות	284
אויפן פריפעטשיק טליעט נאָך דאָס פייערל	294

באמערקטע פעלערן

זייט 23 — דארף זיין אן ארייננפיר טיטול: טראגישער דואליזם (שלום אש).

זייטי 31 — די שורה 26, דארף זיין פון אויבן, איבער די שטערנד־ל'עך.

זייט 33 שורה 25 — אנשטאט געמיינזאמען פויליש־יידישן דארף זיין געמיינזאמען משיחישן, פויליש־יידישן.

זייט 33 שורה 29 — אנשטאט מקובל ר' יונתן אייבעשיץ דארף זיין: ווילנער גרשון ראם און אנדערע.

זייט 54 — דארף זיין אן ארייננפיר טיטול: צארן פון ליבשאפט (ח. נ. ביאליק).

זייט 69 אין קעפל — אנשטאט לויטערער געוויסן דארף זיין: לייוויקס לויטער געוויסן.

זייט 69 שורה 2 — אנשטאט ער נאך אין זיינע דארף זיין: לייוויק, נאך אין זיינע.

זייט 69 שורה 4 — נויט און צארן געשפענסטער דארף זיין: נויט־און צארן־געשפענסטער.

זייטן 70-84 אין אויבער קעפל, דארף זיין: לייוויקס לויטער געוויסן.

זייט 125 שורה 13 — אנשטאט און געדרויש דארף זיין: אין גערויש.

זייט 162 שורה 3 — אנשטאט אסט יאר דארף זיין: אלע יארן.

זייט 178 — דאס שטערנדל דארף זיין פאר דער 25־טער שורה.

זייט 179 שורה 20 — אנשטאט איבער דארף זיין: אבער.

זייט 218 שורה 22, אנשטאט אנהיים דארף זיין: אנהייב.

זייט 220 שורה 16, אנשטאט עטנעגראפישער דארף זיין:

עטנאגראפישער

L. SCHMELZINGUER

PALESTRAS REDIVIVAS

EDIÇÃO "FOLKS-UNÌVESITET"

RIO DE JANEIRO 1967